STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03653

# NAYE ERTSEYLUNGEN

Sholem Asch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אש

# געזאמלטע שריפטן

דרייצנטער באנד

פארלאג „קולטור־ליגע“, ווארשע

שלום אש

# נייע ערציילונגען

פארלאג „קולטור־ליגע", ווארשע

Printed in Poland

קויפן און פאַרקויפן דאָס דאָזיקע בוך אין
אמעריקע איז לחלוטין פאַרבאָטן.

Copyright by Scholom Asch
NEW YORK

Sz. Asz—Naje Ercejlungen

Sp-Wyd. Kultur-Liga, Warszsawa 1928

געדרוקט אין 680 עקזעמפּלאַרן

Druk. „D i W e l t" Nowolipie 7

## אינהאלט:


| | |
|---|---|
| נינאָטשקא — — — — — — — | 7 |
| די טויבען פון סקווער — — — — — | 25 |
| די מלחמה מיט היה רייצע — — — — | 47 |
| פערבאָרגענע בליקען — — — — — | 67 |
| אַ מענש איז פערלוירען געגאַנגען — — — — | 75 |
| דער שלייפער — — — — — — | 83 |
| מחותנים — — — — — — | 89 |
| צוויי הערבסטען — — — — — — | 101 |
| די שטימע פון מיין לייב — — — — — | 113 |
| דער בלינדער וועכטער — — — — — | 119 |
| גאָטס ברויט — — — — — — | 124 |
| אין שוואַרצוואַלד — — — — — — | 131 |
| מיינץ און אָפּענהיים — — — — — | 155 |
| ביים טייך רהיין — — — — — — | 165 |
| די עלטסטע שוהל אין דער וועלט — — — — | 175 |
| אין דער אַלטער דייטשער שטאָדט ראָטענבורג — — | 187 |

# ניבאָטשקאַ

(ערצעהלונג)

מיט יאָהרען צוריק איז מיר אויסגעקומען צו וואוינען אַ זומער אין אַ געדיכטען וואַלד הינטער וואַרשא. אין דעם וואַלד, וואָס איז בעשטאַנען פון נאָדעל-בוימער, האָבען זיך אויפגעהאַלטען די שווינדזיכטיגע קראַנקע פון דער גרויסער שטאָדט. די געגענט איז געווען אַ טרוקענע און די קליינע געקריפּעלטע שטעכעדיגע בוימעלאַך, פון וועלכע עס פלעגט טריפען טראָפּען סיראָפּ — איז געווען דער איינציגער רעטונגס-אָרט פאַר די אָרימע קראַנקע, די וואָס האָבען נישט געהאַט קיין מעגליכקייט צו אַנטלויפען אין די וואַרימע געגענדען, אָדער זיי זיינען שוין געווען אַזוי געפערליך קראַנק, אַז עס האָט זיך נישט געלוינט מעהר פאַר זיי קיין געלד אויסצוגעבען אַוועקצושיקען זיי קיין אויסלאַנד. דאָס אָרט, וואו די קראַנקע האָבען זיך געפונען, איז געוואָרען אויסגעמידטען פון געזונדע. דאָס וואָרט „די קראַנקע" האָט אַ שרעק אַנגעוואָרפען, און ניט נאָר צו די מענטשען, וואָס האָבען דאָרט געוואוינט, האָט מען מורא געהאַט זיך צו דערנעהנטערען, נאָר אַפילו צו די בהמות, צו די שטוב-חיות, וואָס האָבען זיך געפונען אין וואַלד, האָט מען מורא געהאַט זיך צוצוריהרען. מען האָט געזאָגט, אַז דאָס גאַנצע אָרט איז אָנגעשטעקט, און אַפילו די הינט און די קעץ פון דעם וואַלד, אין וועלכען עס וואוינען די קראַנקע, זיינען קראַנק אויף שווינדזוכט, און עס איז אַ געפאַהר זיך צוצוריהרען צו זיי.

עס איז אייגענטליך געווען מיין פריינד גאָלבערג'ס אידעע, אַז מיר זאָלען נעהמען אַ וואוינונג איבער'ן זומער דווקא אין דעם וואַלד, צווישען די שווינדזיכטיגע. עס איז ניט געווען בלויז אַ עקאָנאָמישע אויסרעכנונג (כאָטש מען דאַרף מודה זיין, אַז די „עקאָנאָמישע זייט פון דער פראַגע" האָט דערביי מיטגעשפּיעלט), נור עס איז מעהר געווען עפּעס אַ קאַפּריז פון מיין פריינד, וואָס האָט ליעב געהאַט צו טהון דאָס וואָס אַנדערע האָבען געהאַלטען פאַר געפערליך, און אַזוי ווי מיר ביידע זיינען געווען יונגע און פרייע מענשען, און מיר האָבען קיינעם נישט געדאַרפט קיין רעכנונג אָפּגעבען פאַר אונזערע מעשים און פאַר אונזער לעבען, האָבען מיר זיך אַריינגעצויגען צווישען די קראַנקע, וואו מיר האָבען געהאָפט, אַז מיר וועלען ניט געשטערט ווערען פון די געזונדע, און מיר וועלן פערברענגען אַ „אינטערעסאַנ-

טען" זומער צווישען מענשען, וועלכע שטעהען נאָהענט צום טויט...
דאָס הויז, אין וועלכען מיר האָבען געוואוינט, איז בעשטאַנען פון צוויי וואוינונגען. אונטער אונז — אין די אונטערשטע צימערען, האָט געוואוינט אַ אידענע, אַ אלמנה, מיט איהרע אַ טאָכטער און אַ קראַנקען איידעם. אין דער אויבערשטער האָבען מיר געוואוינט. דער קראַנקער יונגערמאַן, גרינשפּאַן, דער אלמנה'ס איידעם (ביי וועל־כער מיר האָבען גענומען די וואוינונג), איז געווען אַ סטודענט אין די הויכע קלאַסען, וועלכער איז אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דעם אוניווערסיטעט צוליעב זיין רעוואָלוציאָנערער טהעטיגקייט, אַ לאַנגע צייט זיך אַרומגעשלעפּט אין טורמעס, און ערשט דאַן, ווען ער האָט געקראָגען „גאַלאָפּ סוכאָטע" און האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען, האָט מען איהם בעפרייט. זיין קראַנקהייט האָט ער געקראָגען פון שלאָפען אין אַ פייכטער צעלע אין געפענגניס, אָדער, ווי אַנדערע האָבען גע־זאָגט, פון אַ קערפּערליכער שטראָפונג, וואָס ער האָט געקראָגען אין טורמע. יעדענפאַלס, דער יונגערמאַן איז געווען פּעררעכנט ביי בע־קאַנטע פאַר אַ קדוש, אַ מאַרטירער פון דער רעוואָלוציע. איך ווייס נישט אויב ער איז שוין געווען לאַנג פערהייראַט פאַר דעם יונגען ווייבעל, — אָדער זיי האָבען ערשט חתונה־געהאַט נאָכדעם ווי מען האָט איהם בעפרייט. אַ ליעבע האָט געמוזט זיין צווישען זיי אַ לאַנגע, איידער מען האָט נאָך דעם יונגען מאַן געהאַט פערשיקט, וואָרום מען האָט געזאָגט, אַז זי האָט געוואַרט אויף אים אַ לאַנגע צייט, דורך די גאַנצע 8 יאָהר, וואָס ער האָט זיך אַרומגעשלעפּט אין די טורמעס איבער גאַנץ רוסלאַנד, און עפּעס איז געווען צווישען זיי אַ ראָמאַנטישע געשיכטע. זי האָט זיך געזאָלט אָפּזאָגען פון יעדע פרייד— דורך דער גאַנצער צייט פון זיין אַרעסט, נאָכגעפאָהרען איהם אין יעדע שטאָדט, וואו מען האָט איהם פערשיקט — און האָט זיך אַפילו געקליבען קיין סיביר, האָט מען געזאָגט, וואו מען האָט איהם גע־זאָלט פערשיקען — דאָרטען חתונה־האָבען מיט איהם און לעבען מיט איהם, ביז ענדליך מען האָט איהם איהר אַרויסגעגעבען אַ קראַנקען פון דער טורמע—און זי האָט איהם אַהיים געבראַכט צו איר מוטער.
עס איז געווען צו גלויבען אויף איהר, דאָס וואָס מען האָט דערצעהלט. די גינאַ איסאַקאָווגאַ (ווי מען האָט זי גערופען) איז גע־

ווען אַ ראָמאַנטישע נאַטור, ווי מען האָט דעם טיפּ אַזוי אָפט געפונען צווישען די אידישע שטודירענדע יוגענד אין רוסלאַנד. דאַמאָלס, ווען מיר האָבען זי דערקענט איז זי שוין נישט מעהר געווען קיין יונגע, און אויך נישט קיין שעהנע, כאָטש מען האָט נאָך פיעל שפּורען פון איהר געוועזענע שעהנקייט אָנגעזעהען אויף איהר. מ'האָט געזעהען, אַז איהר שעהנקייט איז אויפגעגעסען געוואָרען נישט דורך'ן לעבען, נור פון צרות.

אַ הויכע געווען, אַ ברונעטע, אַ שעהנעם שוואַרצען קאָפּ האָאר געהאַט און אַ יונגען, פרישען, קינדישען האַלז; אויך דאָס שטיקעלע בוזים, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזען פון דעם קליינעם אויסשניט פון איהר קלייד, האָט אויסגעזאָגט, אַז איהר קערפּער איז נאָך געבליבען יונג, קאָכעדיג און מיידעלש פריש, נאָר איהר פּנים האָט שוין גע־טראָגען היבשע שפּורען פון אָבגעלעבטקייט און מיעדקייט. אַ מיעד־קייט האָט אויסגעשפּרייט איהר נעץ אַרום איהרע גרויע אויגען, און כאָטש איהר מויל איז געווען נאָך יונג און פריש, (אַ קליין, קליין־מיידעלש מויל מיט שמאָלע קליינע ליפּעלעך), אָבער איהר גאָמבע האָט זיך געפּאַלדעוועט, און איהרע באַקען האָבען זיך לענגליך אויס־געצויגען און פערלאָרען יעדען קאָליר און יעדע פרישקייט. נאָר, שוין ווי געזאָגט, זי האָט נישט געהאַט אָפּגעלעבט איהר יוגענד — נאָר אויסגעמוטשעט. זי איז געווען אַ מיעדע און אַ געמאַטערטע, — ווי אַ קראַנקער פויגעל, וועלכען קינדער האָבען געהאַלטען אין אַ שטייג און געפּייניגט איהם, און דערנאָך אַרויסגעלאָזט אַב'אויסגעמו־טשעטען. אַ גאַנצען טאָג האָט זי געאַרבייט אין שטאָדט, געווען, דאַכט זיך, אַ דענטיסטקע, געאַרבייט, דאַכט זיך, פאַר וועמען — איך גע־דענק נישט גענוי. — פאַרנאַכט פלעגט זי אַהיים קומען פון שטאָדט, שלעפּענדיג מיט זיך פּעקלעך מיט עסענוואַרג פאַר איהר קראַנקען מאַן און מוטער.

מיכאיל יאַקאָוולעוויטש גרינשפּאַן, — איהר קראַנקער מאַן — איז נאָך דענסמאָל אַרומגעגאַנגען, און אַז עס איז געקומען פאַרנאַכט, פלעגט ער ווערען אונרוהיג און אונגעדולדיג, אויפהויבענדיג זיך פון זיין ליעג־שטוהל — וואו ער איז געלעגען אויף די זונענדיגע וועראַנדע — ער פלעגט וועלען אַרויסגעהן, איהר אַנטקעגען געהן. אָבער

די שוויגער זיינע, די אַלטע אידענע, האָט איהם נישט געלאָזט אַרויס־געהן, אייג׳טענה׳נדיג מיט איהם, אַז עס וועט איהם שאָדען. נור באַלד פלעגט נינאַ איסאַקאָוונאַ ערשיינען אויף דעם שמאָלען שטעג, וואָס איז געווען אויסגעטרעטען צווישען די געדיכטע נאָדעל־בוימער, וואָס האָט געפיהרט צום הויז־צו, אָנקומענדיג פון דער באַהן מיט די פעקלעך אין די הענד — איהר מאַן איז שוין געשטאַנען ביים אָפע־נעם פענסטער פון די ווערענדע, אויסגעוואַרט אויף איהר, פלעגט זי איהם צורופען פון דער ווייטענס אין רוסיש, וואָס איז געווען זייער שפּראַך.

— איך קום, טייערער! איך קום!

ער פלעגט דורך דעם אָפענעם פענסטער מאַכען אַ קראַנקע גרי־מאַסע, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ בייזען פערגליווערטען שמייכעל אויף זיין רויטליך אָבגעברענט פּנים פון אַ גאַנצען טאָג זי־צען אויף דער זון.

— פּאַסקאַרעי, ניגאָטשקאַ, פּאַסקאַרעי!

און פון דאַן אָן, צייט זי האָט די שוועל איבערגעטרעטען פון דער שטוב, ביז צו מאָרגענס אין דער פריה, ביז זי איז געגאַנגען צו דער אַרבייט — האָט מען ניגאָטשקאַ׳ן מעהר נישט געזעהן. האָט די נאַכט געמעגט זיין ווי וואַרים און ווי שעהן, האָבען נאָך די שטערען געמעגט שיינען צעהנפאַך אַזוי ברייט און ליכטיג, ווי זיי האָבען געשיינט, ניגאָטשקאַ איז פערפאַלען געוואָרען אין דעם קליי־נעם שטיבעל, וואו דער קראַנקער איז געלעגען, פון די פענסטער פון וועלכען עס האָט זיך אַרויסגעזעהן ליכט דורך די אַראָפּגעצויגענע ראָלעטען און פון וועלכען עס האָט זיך געטראָגען אַ קאַמפער־געשמאַק.

די אַלטע, ניגאָטשקע׳ס מוטער, איז געווען אַ מאָדנע אידענע. איך ווייס נישט מיט וואָס מיר האָבען געוואונען איהר צוטרויען, זעהט זיך אויס צוליעב דעם, וואָס מיר זענען געווען די איינציגע מענ־שען, מיט וועלכע זי האָט געקענט אַ וואָרט אויסריידען. דעם איידעם איהרען, דעם קראַנקען, האָט זי פיינט געהאַט. אפשר ווייל זי איז געווען אייפערזיכטיג אויף איהם, וואָס ער נעהמט איהר צו די טאָכ־טער, און אפשר בייז אויף איהם דערפאַר, וואָס איהר טאָכטער האָט פערבונדען איהר מזל מיט אַ קראַנקען מאַן... זי איז אַרומגעגאַנגען אויף איהם מיט אַ בייז האַרץ. אַ גאַנצען טאָג, ווען זיי זענען ביידע

געווען אין שטוב אַליין — האָט זי כמעט נישט אויסגערעדט צו איהם קיין וואָרט, ער איז אַרומגעקראָכן אַליין אַרום הויז (ווען עס איז איהם בעסער געווען), אָדער געלעגען אויף דעם ליעג-שטוהל אויף דער וועראַנדע אין דער זון און געלעזען. און זי פלעגט איהם, שוויי-גענדיג, ווי טהוענדיג איהר פליכט, צוטראָגען יעדעס מאָל אַ גלאָז מילך, אָדער עפּעס אַנדערש איהם דערלאַנגען שווייגענדיגערהייט. דער-נאָך ווען די טאָכטער איז אַריין צו איהר מאַן און מעהר זיך נישט געוויזען, האָט זיך די אידענע אַרומגעדרעהט איינע אַליין אַרום הויז. אַמאָל האָט זי אָנגעטראָפען איינעם פון אונז און פערפירט מיט איהם אַ געשפּרעך — דאָס האָט זי געמאַכט צו אונז נעהנטער און היימי-שער. און שפּעטער שוין, ווען מיר זענען מיט דער אידענע שוין גוט בעקאַנט געווען, פלעגט זי אין די אָבענדען אַרויסקומען צו אונז — וואַרפען ווערטער מיט אַ האַלב מויל אויף איר איידעם:

— אַ מענש אין אַזאַ צושטאַנד, — ווער האָט דאָס געהערט? — פלעגט זי וואַרפען אַ וואָרט.

מיר האָבען זיך ביידע געמאַכט נישט וויסענדיג, וואָס די אידענע מיינט. נאָר זעהט זיך אויס, אַז די אידענע האָט געפיהלט אַ באַדערפעניש אויסצורייידען זיך דאָס, וואָס זי טראָגט אויף איהר לעבער.

— קינדער בעדאַרפען זיי האָבען, צו וואָס? — האָט זי געברומט אין זיך. און געזעהן, אַז מיר רעאַגירען נישט, האָט זי גערעדט צו זיך אַליין, צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ מיט ערשטוינען.

— אַ מענש אין זיין צושטאַנד — ער קאָן דאָך זי מיטנעמען מיט זיך.

מיר האָבען אָבגעהאַקט דאָס געשפּרעך. און די אידענע פלעגט בלייבען זיצען איינע אַליין אַ טרויעריגע און אַ נאָכדענקענדע.

און נישט נור אין די אָבענדען, נאָר אַפילו זונטאָג, דעם איינ-ציגען טאָג, וואָס נינאָטשקאַ האָט געהאַט פריי און איז געווען אין דער היים, האָט זי דער קראַנקער נישט אָבגעלאָזען אויף איין מינוט. קוים איז נינאָטשקאַ אַרויסגעגאַנגען פון שטוב און געוואָלט זיך דורכגעהן דורכן וואַלד, אָדער אָוועקזעצען זיך אויף דעם טרוקענעם גראָז פאַר׳ן הויז, האָט זי גלייך געהערט זיין קול רופענדיג:

— נינאָטשקאַ, נינאָטשקאַ!

די מוטער, אַז זי פלעגט שטעהן דערביי, האָט זיך אָבגערופען:

— שוין, ער „נינעט" שוין! ער לאָזט דאָך נישט דעם אָטהעם כאַפּען!

נאָר נינאָטשקאַ האָט זיך שוין געהאַט אויפגעכאַפּט, געוואָרפען אַ שטרענגען בליק אויף דער מוטער. טיילמאָל האָט זי זיך נישט בעגנוגענט מיט אַ בליק, נאָר אָנגעבייזערט זיך אויף דער מוטער:

— איך האָב דאָס נישט ליעב, מאַמאַ.

פון וואָס די מוטער האָט אָבגעהאַקט און איז פערשוואונדען געוואָרען.

און פון די פענסטער, וואו דער קראַנקער איז געלעגען, האָט נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט צו קומען דער רוף:

— נינאָטשקאַ, גדיע טי? נינאָטשקאַ!

— סעיטשאַס, מיכאַיל, סעיטשאַס, — פלעגט זי איהם ענטפערען, און פערשווינדען מיט'ן קראַנקען מאַן אויף אַ גאַנצען טאָג, אין זיין קראַנקענצימער.

די מוטער פלעגט דאַן אַרומגעהן און ברומען אין זיך:

— שלעפּט זי נאָך זיך אין קבר אַריין — — —

---

עס איז געווען, ווי אַ גרויסער סוד וואָלט זייביידען געווען איינגעוויקעלט און פערהוילען זיי פון אַנדערע לעבעדיגע מענשען. ווען נינאָטשקאַ האָט נור געהאַט אַ מינוט צייט פלעגט זי זיין מיט איהם אין זיין צימער, איינגעשלאָסען, די ראָלעטען אַראָבגעלאָזט, און פון דעם קראַנקענס צימער האָט זיך אָפט געהערט אַ לאַכען, אַ פריידיק, הילכיק געשפּרעך, אַזוי ווי עס וואָלט דאָרט נישט געווען אַ געפערליכער קראַנקער, וואָס האַלט ביים שטאַרבען, מיט זיין ווייב, וואָס גיט אַכטונג אויף אים, נאָר ווי צוויי געזונדע יונגע מענשען, אַ פרעהליך פּאָרפּאָלק נאָך דער התונה. דאָס לאַכען און די פרעה־ליכקייט, וואָס האָט אַרויסגעשאַלט פון דעם קראַנקענס צימער האָט אויף אונז געמאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק. מיר זענען אָפט ערשטוינט געוואָרען, דערהערענדיג דאָס לאַכען, און מיר פלעגען זיך וואונדערען, וואָס ריידען זיי דאָס אַזעלכעס דאָרטען צווישען זיך — אַז עס קאָן זיי ברענגען צו לאַכען דעם מלאך־המות אין פּנים אַריין?...

עס איזווירקליך געווען עפּעס פערבאָרגענעם אין זייער צו־זאַמענזיין. שוין אָבגערעדט פון דעם לאַכען און פּרעהליכקייט, וואָס פלעגט זיך הערען פון זייער צימער, איז געווען שטענדיג צו בע־מערקען מיט ערשטוינונג די אויפגערעגטקייט און לעבעדיגקייט אין נינאָטשקאַ'ס פּנים, ווען זי איז אַרויסגעקומען פונם קראַנקענס צימער. עס איז איהר כמעט געווען נישט צו דערקענען; איהרע מידע אויגען האָבען שטענדיג געפלאַמט מיט אַ לעבעדיגקייט, די קנייטשען ביי די שלייפען האָבען זיך אויסגעגלייכט, און אַ יוגענד־פאַרב האָט אָנגעהויבען צוריק צו שפּיעלען אויף איהרע בלייכע באַקען. אַרויסגעכאַפּט האָט זי זיך פון זיין צימער נור אויף אַ מינוט, ווען זי האָט געדאַרפט איהם עפּעס אַריינטראָגען — אַ מעדיצין אָדער עפּעס צו עסען. זי פלעגט זיך שעמען דער מוטער צו קוקען דאַן אין די אויגען אַריין. זי פלעגט בעהאַלטען איהר צופלאַמט פּנים, ווי אַ יונג מיידעל, ווען מען איבעראַשט זי ביי איר ערשטען צוזאַמענקומען מיט אַ בחור, און האָט געערעדט צו דער מוטער פעראירט, אויסמיידענדיג צו קוקען איהר אין פּנים אַריין:

— האָסט נישט געזעהן, מאַמע, וואו די מילך שטעהט? — פלעגט זי זאָגען; גלאַט אַזוי זיך זאָגען, כאָטש זי האָט גלייך געטראָפען צו די מילך.

— האָסטו דאָך די מילך אין האנד! — האָט די מוטער איר אָבגעענטפערט.

— יאָ, מאַמאָטשקאַ, ניט געוואוסט, אַזוי צודרעהט. — און זי איז ווידער פערשוואונדען אין זיין צימער, — וואָס די מוטער האָט עס נאָכגעקוקט מיט אַ קרעכץ.

זעלבסטפערשטענדליך, האָט נינאָטשקאַ אונז, מיין פריינד און מיך, כמעט ווי נישט בעמערקט. ווען זי האָט אונז געזעהן, ווען מיר פלעגען זיך אָנטרעפען דורך אַ צופאַל אין דעם קאָרידאָר, אָדער אויף די טרעפּען — האָט זי געוואָרפען אַ געשווינדען „זדראַסטוואויטיע" אָהנע צו קוקען אויף אונז. קיינמאָל האָט זי אונז נישט געשאָנקען קיין איבעריגען בליק. שוין אָבגערעדט דערפון, אַז זי זאָל זיך אָבשטעלען פערפיהרען מיט אונז אַ געשפּרעך. אָפטמאָל פלעגט מיין פריינד אָדער איך וועלען ציען איהר אויפמערקזאַמקייט, ווען מיר האָבען

זיך בעגעגנט, אויף אַ נייעם בוך, אָדער אויף אַ נייעם נומער זשורנאַל, וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט פון שטאָדט. זי האָט געוואָרפען אויף דעם בוך אַ שנעלען בליק — ברומען אין זיך „אינטערעסנאָ", „אינטערעסנאָ", און האָט זיך באַלד דערמאָנט, אַז „מיכאַיל, זוכט זי געוויס", און אונז איבערגעלאָזט שטהען אין מיטען און אַוועקגעהן. כאָטש דערנאָך האָט עס איהר נישט געשטערט אַרויסצושיקען די מוטער צו אונז „באָרגען דאָס בוך פאַר מיכאַיל'ן". איך מוז זאָגען, אַז ניגאָטשקא'ס בעגעהן זיך מיט אונז האָט געווירקט אויף אונזערע בעציהונגען צו מיכאַיל'ן.

וואָרום מיכאַיל איז נישט געווען אַ קראַנקער, וועלכער האָט פּרוּוועקט רחמנות. אויסגעזעהן האָט דער מיכאַיל ווי אַ געזונדער, שטאַרקער יונגערמאַן, און, ווי עס טרעפט זיך ביי די שווינדזיכטיקע, איז וואָס נעענטער ער איז געשטאַנען צום קבר — אַלץ געזונדער האָט ער אויסגעזעהן. געגעסען אַ סך, און אַלץ נאַרהאַפטע שפּייזען און זעהר ווייניג באַוועגונג געהאַט, האָט דאָס איהם געמאַכט דיק און ברייט-ביינערדיג, מיט אַ געזונדען פּנים, וואָס איז געווען שטאַרק אָבגעברענט פון ברענען זיך אַ גאַנצען טאָג אויף דער זון. זיין פּנים האָט געהאַט עפּעס הינטישעס אין זיך. מיט אַ צופּלאָשעטען קאָפּ האָר און אַ בעוואַקסענע באָרד האָט זיין פּנים אויסגעזעהן רויה און גראָב. אַ פּוסטע גאוה האָט געבלאָזען פון אים, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געווען איבערגענומען דערמיט, וואָס ער שטעהט אַזוי נאָהענט צום קבר, און ער וועט באַלד בעלאַנגען צו אַנ'אַנדער וועלט... אויף אונז האָט ער געקוקט מיט אַ געוויסער פעראַכטונג, מיט אַ בטול, ווי עס וואָלט נישט ווערט געווען אַרויסצוואַרפען קיין איינע פון זיינע געצעהלטע מינוטען צו פערברענגען מיט אונז. אויף אונזערע בעגריסונגען פלעגט ער אָבצוטפערען מיט אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ, נישט שטערענדיג זיך אין זיין בעק וועמליכקייט. און איך מוז זאָגען, אַז זעהענדיג איהם ווי ער ליעגט אויסגעצויגען אַ פעטער און אַ שווערער מיט זיין רוהיגקייט אין דעם בעקוועמען ליעג-שטוהל, לאָזענדיג זיך בעדיענען פון דעם אויסגעמוטשעטען יונגען ווייבעל — האָט ער אין אונז אַרויסגערופען אַנשטאַט מיטלייד אַ פעררדרוס און פעראַכטונג...

אָבער עס האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטען. אין אַ שענעם פריה־מאָרגען, ווען מיר האָבען זיך אויפגעכאַפּט, האָבען מיר פּלוצלונג געהערט, אַז ביינאַכט איז מיכאַיל גרינשפּאַן געשטאָרבען. געשטאָרבען דווקא אין אַ צייט, ווען מיר האָבען זיך אַם ווענינסטענס געריכט דערויף. ער האָט אין די לעצטע טעג אויסגעזעהן פיעל געזונדער ווי פריהער. נאָר נאָך מער איבערראַשט זענען מיר געוואָרען, וואָס דאָס איז צוגעגאַנגען אַזוי שטיל און רוהיג, אָהנע צו שטערען אונז פון אונזער שלאָף ביינאַכט. ערשט רעכט פערוואונדערט זענען מיר געוואָרען, ווען נינאַ׳ס מוטער האָט אונז פערטרויט אין געהיים, אַז זי האָט אויך נישט געוואוסט דערפון — ביז פריהמאָרגענס, ווען זי איז אַריינגעקומען אין דעם קראַנקענס צימער און געפונען איהר טאָכטער זיצענדיג האַלב נאַקעט אויף זיין בעט האַלטענדיג דעם טוי־טען׳ס האַנד אין איהר האַנד. די טאָכטער איז געווען מיט איהר טויטען מאַן אַ גאַנצע נאַכט אַליין. —

ווי עס פיהרט זיך מיט די לייט, האָט מען איהם אין דער שטיל אַרויסגעפיהרט פון וואַלד, ביינאַכט, כדי די אַנדערע קראַנקע זאָלען נישט בעמערקען, און בעהאַלטען איהם אויף אַ אידישען בית־עולם אין אַ נאָהענט אידיש שטעדטעל.

---

נאָך דעם מאַן׳ס טויט האָט מען נישט בעמערקט קיין שום ענדערונג אין נינאַ׳ס אויפפיהרונג. דעם מאַן׳ס טויט האָט נישט אַרויסגעצויגען אויף איהר קיין טרויער, ווי עס איז געווען צו ער־וואַרטען. פערקעהרט, עס האָט זיך בעמערקט אין איהר אַ געוויסע אויפלעבונג און ערפרישקייט, דאָס אָברוהען פון דער שטענדיגער בע־שעפטיגונג אַרום דעם מאַן האָט גוט געווירקט אויף איהר געזונד. און קערפערליך האָט זי אויסגעזען אויסגערוהט. נור זי האָט זיך ווייטער געפיהרט ווי בשעת ער האָט געלעבט. די מעהרסטע פון איהר פרייע צייט פלעגט זי פערברענגען איינע אַליין אין דעם קראַנקענ׳ס צימער. אַרונטערגעלאָזט די ראָלעטען — פערהאַקט די טהיר אויפן שליסעל — אַזוי ווי זי וואָלט געווען מיט איהם אינע־ווענינ אין דעם צימער...

די מוטער פלעגט זיך דערשרעקען פאַר איהר טאָכטערס אויפ־

פיהרונג, און זי האָט געפּלאַנט צו פערלאָזען דעם וואַלד — און אַרויסצוציען זיך אין שטאָדט אַריין. די טאָכטער אָבער האָט בשום אופן נישט געוואָלט פערלאָזען די וואוינונג אין וואַלד און זי איז בעשטאַנען דווקא אויף דעם, אַז זי זאָל שלאָפען אין דעם זעלבען צימער, אין דעם זעלבען בעט, וואו ער איז געשטאָרבען.

די מוטער האָט געפּרובט אַנדערע מיטעל. זי פלעגט אונז אין די אָבענדען איינלאַדען צו זיך, מאַכען דעם סאַמאָוואַר און בעטען פערברענגען דעם אָבענד ביי איהר. זי האָט געפּרובט אויפצוהאַלטען איהר טאָכטער מיט אונז, אָבער נינאַ האָט אונז נישט בעמערקט ווי פריהער. זי פלעגט שנעל דורכגעהן פערביי אונז, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ „זדראַווסטוואויטע", און איינשליסען זיך אין איהר מאַן'ס קראַנקענצימער.

— וואָס טהוט זי דאָרט אַליין? — פלעגט אָפט די מוטער פרעגען, און צוגעהן צו דער טהיר, פּרובירען אויפעפענען איהר.

נאָר פון דער צווייטער זייט טהיר פלעגט זיך באַלד הערען נינאַ'ס קול, זאָגענדיג מיט שרעק, ווי זי וואָלט פאַר עפּעס מורא געהאַט:

— ניעלזיאַ! ניעלזיאַ, מאַמאָטשקאַ!

— אָבער וואָס טהוסט דו דאָרט אַליין? פאַרוואָס קומסטו נישט אַרויס? מענשען זיינען דאָך דאָ! — זאָגט די מוטער.

— איך קען נישט, מאַמאָטשקאַ, שטער ניט, — פלעגט זי זיך בעטען פון יענער זייט טהיר מיט אַ ציטעריג קול, אין וועלכען מען האָט געהערט דאָס קלאַפּענדיגע האַרץ...

— אָבער וואָס טהוט זי דאָרט אַליין, געהערט, אַ מענש זאָל זיין איינגעשלאָסען איינע אַליין אין אַ צימער?

און טאָמער פלעגט זי אַרויסקומען פון דעם פערשלאָסענעם צימער, האָט מען בעמערקט אין איהר פּנים אַ מאָדנע פרעמדאַר־טיגקייט, עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז נישט געווען נאַטירליכעס און עס האָט געשראָקען. איהר פּנים איז מאָדנע רויט צופלאַמט געווען, בעלעבט און אויפגערעגט, — איהרע אויגען שטראַה־לענדע און גלאַנצענדע — איהרע האָר צופלאָשטע, צוזאַמענגע־קנייטשטע איבער איהר שטערען — און זי האָט זיך געהאַלטען

אונגאטירליך, געערדט מיט הארצקלאַפּונג, מיט א געמאכטען שמייכעלע — ווי מען וואָלט זי עפּעס איבערראשט...

די מוטער האָט אונז אָנגעקוקט ערשטוינט — און מיר האָבען אויף די מוטער געקוקט. און אַז גינאָטשקאַ האָט געוואָלט צוריק אַריינקומען אין דעם קראנקען׳ס צימער, האָט זיך פּלוצלונג די מוטער אויפגעשטעלט און איהר פערשטעלט דעם וועג.

— וואָס טוסטו דאָרטען? בלייב דאָך דאָ מיט אונז אַביסעל.

— מאַמאָטשקאַ, איך בין מיער, איך וויל רוהען, — האָט גינאָטשקאַ געזאָגט, און איז אַריינגעגאנגען צוריק אין איהר צימער.

די מוטער האָט געבראָכען די הענד און זיך געווענדעט צו אונז:

— וואָס טהוט מען? וואָס טהוט מען? זי וועט דאָך מיר אַראָפּ־ברענגען פונ׳ם זינען.

---

פון דענסמאָל אָן האָבען מיר אָנגעהויבען אויסצומיידען די שטוב. דאָס אויפפיהרען זיך פון דער וויבעל איז אונז פאָרגעקומען פרעמד. מיר האָבען זיך ניט געקענט דערוויסען וואָס טהוט זיך דארט אין דעם קראנקען׳ס צימער — נאָר מיר האָבען זיך פאָרגעשטעלט, אַז עפּעס פרעמדע און אונהיימליכע זאכען מוזען דאָרט פאָרקומען מיט׳ן וויבעל. און כאָטש מיר האָבען ניט געערדט וועגען דעם — דאָך האָבען מיר ביידע געוואוסט, אַז דאָס אומבעוואוסטע עגבערט אונז אין קאָפּ — און מיר ביידע קלערען דערפון.

וואָרים זיים אַ געוויסע צייט האבען מיר געהערט ביינאכט פון דעם צימער, וואו דער קראנקער איז געשטאָרבען (וואָס איז אגב געווען אונטער אונזער צימער), דאָס זעלבע בעלעבטע געשפּרעך און דאָס שטילע לאכען, וואָס עס פּלעגט זיך הערען פון דעם צימער, ווען גרינשפאן האָט געלעבט און דאָס וויבעל האָט איבער איהם געוואכט, אַזוי ווי דאָרטען וואָלטען געווען צוויי מענשען, נישט איינער. צוערשט האָבען מיר געהערט דאָס לאכען זעלטען, אַמאָל אין אַ וואָך — שפּעטער איז עס געוואָרען אָפטער — מיר האָבען בשום אופן ניט געקענט וויסען וואָס דאָס איז. איך געדענק, אז איך האב זיך אמאל אויפגעכאפּט ביינאכט, בין איך געלעגען אין די פינסטערקייט, און האָב זיך איינגעהערט צו דעם שטילען סודות׳דיגען

געשפּרעך, און צו דעם טראָפּען גיסענדיגען לאַכען. איך האָב מורא געקראָגען — און האָב זיך אָנגערופען צו מיין פריינד:
— גאָלדבערג, דו שלאָפסט?
— וואָס איז דען? — האָט מיך מיין פריינד געפרעגט.
— דו הערסט עפּעס, גאָלדבערג? — פרעג איך איהם.
— וואָס הער איך? וואָס, — דאָס נאַרישע ווייבעל רעדט פון היץ — זי פיבערט, האָט זי האַלוצינאַציעס.
דאָס לאַכען און דאָס ריידען האָט אויף אַ געוויסע צייט אויפגעהערט אין דעם צימער אונטער אונז, — איינגעשלאָפען בין איך שוין ניט מעהר די נאַכט. שפּעטער אין דער נאַכט האָט זיך ווידער פון צימער פון אונטער אונז געהערט דאָס לעבעדיגע געשפּרעך, און דאָס לאַכען. גוה, אַז איך האָב זיך גוט צוגעהערט צו דעם געשפּרעך און צו דעם לאַכען — האָב איך איינגעזעהן, אַז עס קומט פון איין מענש — דאס ווייבעל האט צו זיך אליין גערעדט, און אליין געלאַכט מיט זיך. —
צומארגענס, אַז איך האב די מוטער געטראָפען, האָט זיך די מוטער געקליבען עפּעס מיט מיר צו ריידען, איך האָב זי אויסגעמידען און בין פערשוואונדען. שפּעטער אַביסעל האָט זי מיך געטראָפען אין וואַלד, נאָר'ן הויז. זי האָט מיך אַריינגעשלעפּט טיעפער אין וואַלד, און מיך געפרעגט מיט שרעק.
— איהר האָט וואָס געהערט ביינאַכט?
— וואָס האָב איך געהערט? — האָב איך איהר געענטפערט מיט אַ פראַגע, — אייער טאָכטער איז קראַנק, זי פיבערט און רעדט פון היץ.
— ער קומט דאָך צו איהר יעדע נאַכט, — האָט די מוטער געזאָגט, מיט שרעק, קנייפּענדיג זיך די באקען.
— ווער? — פרעג איך ערשטוינט.
— איהר טויטער מאַן — ענטפערט מיר די מוטער.
— וואָס רעדט איהר פאר אַ נאַרישקייטען!
— איך וויים, וואָס איך רייד, איך וויים, איך וויים, — האָט די מוטער זיך געביסען די פינגער, — איך הער דאָך זיי, ווען איז צו מיר. — און אַרומקוקענדיג זיך, אויב קיינער הערט ניט, לייגט זי צו מיט אַ נידריגע שטימע — זי לעבט דאָך מיט איהם!
— מיט וועמען?

— מיט דעם טויטען מאַן.

— הערט־אויף, וואָס רעדט איהר? וואָס? — שרײַ איך אויף דער אידענע.

— מענש, זי האָט דאָך מיר אַליין געזאָגט!

— ווער?

— מײַן טאָכטער.

— וואָס רעדט איהר? וואָס טהוט זיך מיט אייך?

— ער קוטשעט זי, ער קוטשעט זי אין דער ערד אַרײַן, — האָט די מוטער געוויינט אין די הענד אַרײַן.

---

מײַן פריינד און איך האָבען בעשטימט צו פערלאָזען די וואהנונג אין וואַלד און אַרויסצוציהען זיך פון דאָרט, נינאָטשקא מיט דער מוטער האָבען אונז שוין צופיעל דענערווירט. נאָר די מוטער, דערהערענדיג פון אונזער בעשלוס, איז אַרויסגעקומען צו אונז און האָט אָנגעהויבען צו וויינען פאַר אונז, געבעטען אונז, די הענד געקושט, אַז מיר זאָלען רחמנות האָבען אויף איהר, און ניט איבערלאָזען זי אַליין אין וואַלד מיט אַזאַ אומגליק — זי וועט אַראָפּ פון׳ם זינען.

— און עס וועט שוין ניט לאַנג נעהמען אויך — ער שלעפּט זי מיט זיך אין קבר אַרײַן.

מיר האָבען איהר נישט געקענט אָפּזאָגען, און אַזוי ווי עס איז שוין סאַי ווי סאַי געקומען צום ענדע פון זומער, האָבען מיר בעשטימט צו פערבלײַבען ביז צום ענדע פון סעזאָן.

נינאָטשקא איז דערווײַל זעהר ערנסט קראַנק געוואָרען. די שווינד־זוכט האָט זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען ביי איהר מיט אַ גאַלאָפּ — יעדע נאַכט האָט זי געפיבערט און געהאַט האַלוצינאַציעס. איהר בעשעפ־טיגונג אין דער שטאָדט האָט זי שוין געהאַט אויפגעגעבען פאַר אַ שטיקעל צייט פריהער, געלעבט האָבען זיי פון דעם לעצטען, וואָס זיי האָבען געהאַט, אָרים און אײַנגעשפּאָרט. די מוטער האָט געזעהן, ווי איהר טאָכ־טער „געהט מיט גיכע טריט צו איהר מאַן אין קבר אַרײַן“, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט, און איז וואָס אַמאָל מעהר אײַנגעשרומפּען געוואָרען, פערביטערט און שווייגענדיג, אַפּאַטיש, גלייכגילטיג צו אַלעס. זי האָט

שוין מעהר נישט געזאָגט נינאַטשקאַ'ן, אַז זי זאָל אַכטונג געבען אויף זיך, אַז זי זאָל נישט געהן אין וואַלד אַרוּם, — אַז זי זאָל רוהען פאַר'ן עסען און נאָך'ן עסען, ווי דער דאָקטאָר האָט איהר אָנגעזאָגט; עס איז איהר שוין נישט אָנגעגאַנגען וואָס נינאַטשקאַ טהוט. זעהט זיך אויס, די אידענע האָט אַלץ אויפגעגעבען, זעהענדיג, אַז זי קעמפט געגען אַ שטאַרקערען און אַ מעכטיגערען פון זיך, געגען דעם בעשעהרטען.

נינאַטשקאַ האָט דענסמאָל געבליהט. אין וואַלד איז שוין געשטאַנען דער פריהער הערבסט. די פּאָר נוסען־ און אַקאַציע בוימער, וואָס האָבען זיך פערבלאָנדזשעט צווישען די נאָדעל־בוימער, האָבען אָנגעהויבען צו שיטען זייערע גאָלד־פערברענטע בלעטער פון זיך, אין וואַלד האָבען זיך בעוויזען פיעלע בעזימלעך מיט רויטע קרעלען, איבערגעשטאָנענע יאַגדעס. שנירען „באָבע־יאַכנעס" האָבען געבלאָנדזשעט אין דער לופט און צוגע־שטעפּט זיך צו די נאָדעל־צווייגען. יעדען טאָג זענען מחנות פויגעל פערבייגעפלויגען דעם וואַלד; די זון האָט שוין געלויכטען מיט קאַלטע שטראַהלען — און אין דעם הערבסט־וואַלד האָט זיך אַרומגעדרעהט, ווי דער פריהער פריהליג, נינאַטשקאַ. זי איז יונגער געוואָרען, איהר געשטאַלט האָט זיך אויסגעגלייכט און איז העכער געוואָרען ווי זי איז פריהער געווען; איהר פּנים איז אויך יונגער געוואָרען, פרייער עפּעס, עפּעס וואָס איז אָפּגעוואַשען געוואָרען פון דעם פּנים, דער שטערן אויסגעגלייכט — ווי אויסגעפּרעסט און די האָר פערקעמט מיט אַ שריפט אין מיטען און פערוואָרפען איןביידע זייטען איבער די אויערען. און די אויגען זיינען געוואָרען ליכטיגער און דאָס מויל יונגער און פרישער — אויסגעגלייכט געוואָרען אַלע קנייטשען פון פּנים, אַראָפּגענומען געוואָרען אַלע זאָרגען און אַלע מאַטערנישען — אַ פרומקייט איז געקומען איבער דער ווייבעל־ און אַ לייכטיגקייט — און, אַז זי איז געגאַנגען פון דערווייטענס, האָט זיך געדאַכט, אַז זי שוועבט — און איהר לייב און הויט זיינען געוואָרען דורכזיכטיג, ווי אַ יונגער וואָלקען, וואָס האָט זיך פערשפּעטיגט איבער'ן הימעל — און בלאָנדזשעט שוועבענדיג אליין....

זי האָט געזאַמעלט אין וואַלד רויטע בלעטער, פערטריקענטע בושעס — און אַז זי פלעגט אָנקומען מיט די פערטריקענטע רויטע צווייגען פון וואַלד, בעגאָסען מיט די לעצטע זונען־שטראַהלען — האָט זי אויס־געזעהען ווי אַ יונגער בוים, פול מיט האָפנונג, וואָס הויבט ערשט אָן צו

בליהען, — ווי אַ יונג מיידעל, וואָס איז אין דערהיים פון דער שולע אויף וואַקאַציע. נאָר דאָך האָבען אַלע געוואוסט, אַז עס זאָל עפּעס געשעהן מיט איהר. דער זומער איז שוין באלד געווען צו ענדע, און ניט די מוטער, ניט ניגאַטשקאַ — און אפילו מיר, די שכנים, האָבען ניט געקלערט װעגען אַריינפאָהרען אין שטאָדט אַריין און זוכען אַ וואָהנונג אויפ'ן ווינטער. מיר האָבען אַלע געוואַרט אויף עפּעס, אַז עס זאָל וואָס געשעהן.— טיילמאָל פלעגט די מוטער יאָ מאַכען מיט איהר אַ געשפּרעך וועגען דער צוקונפט. זי פלעגט טיילמאָל זאָגען צו אונז, אין ניגאַטשקאַ'ס געגענוואַרט: — ווען פאָהרען מיר אין שטאָדט אַריין אַ וואָהנונג זוכען? עס קומט דאָך שוין באלד אָן דער ווינטער?

נאָר קיינער פון אונז האָט ניט אָפּגעענטפערט, און די מוטער האָט געוואוסט, אַז זי מיינט עס נישט — ווארים דאָס לעבען אין וואַלד האָט קיין צוקונפט נישט געהאַט.

און טאַקע האָבען מיר נישט געהאַט מעהר שוין לאַנג צו וואַרטען. איינמאל אין אַן אָבענד האָט אונז די מוטער אַראָפּגערופען מיט אַ געוויין... מיר האָבען זיך פלינק אָנגעטהון און זיינען אַראָפּ.

אין דער שטוב, אין בעט, וואו איהר מאַן איז געשטאָרבען, איז געלעגען ניגאַטשקאַ, אַ צוהיצטע, מיט רויטע צופלאַמטע באַקען, נישט ווי אַ קראַנקער מענש וואָלט געלעגען אין בעט, נאָר ווי אַ געזונדער מלאך וואָלט פון הימעל אַראָפּגעפאַלען. דאָס צימער איז געווען בעהאַנגען מיט רויטע הערבסט-בלעטער, מיט אויסגעטריקענטע צווייגען, וואָס האָבען זעהר האַרמאָנירט מיט די הילצערנע געהובעלטע ברעטער פון די ווענד. איבעראל האָבען געהאַנגען מיכאַיל גרינשפּאַן'ס פאָטאָגראַפיעס, וועלכע האָבען איהם פאַרגעשטעלט אין פערשידענע פּאָזען — אַליין און מיט פריינד. דאָ שיפט ער זיך מיט אַ קאָמפּאַניע סטודענטען אויף אַ שיפעל און האַלט די וויעסלעס אין דער הויך, און דאָ זיצט ער מיט פריינד ביי אַ טישעל, אין זומערדיגע און ווינטערדיגע קליידער. פאַר איהר בעט, אויף אַ טישעל, אַרומגעשטעלט מיט בלעטער און צווייגען, איז געשטאַנען זיינט אַ גרויס בילד אין אַ אַרעסטאַנטסקען זעלנערישען מאַנטעל, מיט אַ שוואַרצע ווילדע באָרד בעוואַקסען מיט אַ שוואַרצע, אונגעקעמטע הויכע טשופּרינגע, און דערביי געבען, אין די זעלבע ראַהם, איז געווען איהרס אַ קליין בילדעל. אין אַ נעט צוגויפגעקנעפּעלט קליידעל, מיט קנעפּלעך, מיט אַ לאַנגען

צולאזוענעם צאָפּ האָר. זי איז געלעגען אַ צופלאַמטע און האָט גערעדט פון היץ. די מוטער האָט איהר געגעבען צו שלינגען קליינע שטיקלעך אייז, וואָס מיין פריינד האָט געבראַכט פון קעלער אַרוים, כדי צו פערמיידען אַ בלוט־שטורץ, — נאָר ניגאָטשקא האט ניט געוואוסט וואָס מען וויל פון איהר. זי איז גאָר ניט געווען דאָ מיט אונז, אויף דער וועלט און אויף דער ערד, — זי האָט זיך געפונען מיט איהר מיכאַיל, שווימענדיג מיט איהם צוזאַמען אין אַ פייערדיגען ים, און זי האָט זיך געבעטען ביי איהם, אַז ער זאָל זי נישט אָפּלאָזען אויף איין מינוט, וואָרים שלעכטע מענשען ווילען זיי צושיידען. — „פעסטער, נעהם מיך ארום, פעסטער!" — האט זי זיך געבעטען ביי איהם, — „נאָך שטאַרקער דריק מיך צו דיין ברוסט — צו דיין שטאַרקע, שטאַרקע, שטאַרקע ברוסט", — האָט זי זיך געבעטען ביי איהם. — „זעהסט דאָך, אַז מען רייסט מיך אָפּ פון דיר מיט געוואַלד, — פאַרוואָס האַלטסט דו מיך ניט אָן — פאַרוואָס נעהמסטו מיך נישט אַרום שטאַרק?" — דערנאָך האָט זי זיך געבעטען ביי איהם, אַז ער זאָל זי קושען אויף די ליפּען. — „פאַר וואָס קושט דו מיך ניט? פאַר וואָס לאָזט דו אַזוי אויסטריקענען מיין נשמה? — פאַר וואָס לאָזט דו אַזוי פערשמאַכטען מיינע ליפּען? — אַ גאַנצע נאַכט, אַ גאַנצע נאַכט האָסט דו מיך איינמאָל נישט געקושט, — דו ליעגסט נעבען מיר, ביזט מיט מיר — און דו קושט מיך ניט. — פאַר וואָס ביזט דו אַזאַ שלעכטער, מיכאַיל? — פאַר וואָס?"

די מוטער האָט זיך געשעמט פאַר אונז, פאַר דער טאָכטער'ס ווערטער. מיין פריינד האָט זיך געמאַכט אַרויסצוגעהן פון שטוב. איך האָב אויך געוואָלט אַוועקגעהן, די מוטער האָט אָבער געקוקט אויף מיר מיט אַזעלכע בעטענדע אויגען, אַז איך האָב איהר ניט געקענט אָפּזאָגען, און בין איבערגעבליבען מיט איהר ביי דער קראנקער. זי האָט גענעצט ניגאָטשקאַ'ס שטערן מיט אייז, געמיינט, אַז זי וועט זיך בערוהיגען, — אָבער ניגאָטשקא האָט ניט אויפגעהערט צו פיבערן אַ גאַנצע נאַכט, האַלוצינאַציעם געהאַט, און פון היץ גערעדט.

איהרע געדאַנקען האָבען זיך אַלץ בעוואוגען ארום מיכאַיל'ן. פיעלע זאכען האָט זי געזאָגט, וואָס האָבען ערקלערט איהר גאַנצע האנדלונג, איהרע געדאַנקען און איהרע געפיהלען, מיט וועלכע זי האט זיך אַרומגע־טראָגען זינט דעם מאַנ'ס טויט. זי האָט אַזוי גערעדט צו איהם, ווי ער

וואָלטווירקליך געוועזן נעבען איהר ערגעץ וואו אינוועניג אין איהר. זי האָט איהם גערופען ביי די ליעבסטע נעמען — און האָט געבעטען ביי איהם ליעבע, וואָס ער האָט איהר פאַר עפּעס אַ אונפערשטענדליכע זאַך אָפּגעזאָגט. ענדליך האָט זי זיך געפונען מיט איהם אין העכסטער ענט־ציקונג פון מענשליכען געגוס — און האָט אָנגעהויבען צו ווייגען פאַר גליק, רופענדיג איהם: מיין טייערער פויגעל מיינער. — — —

זי האָט זיך שוין מעהר ניט אויפגעכאַפּט פון דעם שלאָף. זי האָט זיך נאָך אָפּגעמוטשעט איניגע שטונדען און איז דערנאָך איינגעשלאָפען מיט גליהענדע באַקען, שטראַהלענדע אויגען — מיט צופלאָשעטע האָר, און מיט דעם זיסטען שמייכעל אויף די ליפּען...

די מוטער האָט מען געדאַרפט אָוועקפיהרען פון'ם טויטען־בעט, זי האָט איינינע מאָל גע'חלש'ט און איז געוואָרען בעוואוסטלאָז. מיין פריינד האָט זי אַרויפגעבראַכט צו אונז אין צימער אַריין און איז געבליבען אויבען מיט איהר, וואַכענדיג איבער איהר און איך בין איבערגעבליבען ביים בעט פון דער טויטער.

זי איז שוין געלעגען אַ רוהיגע און אַ צופריעדענע. איהר פּנים האָט שוין ניט אויסגעדריקט קיין פערלאַנג, געבעטען זיך נאָך ליעבע האָט זי שוין ניט. עס איז געווען, ווי זי בעדאַרף עס שוין ניט. זי האָט זי שוין דערגרייכט...

איהר פּנים איז וואָס אַמאָל בלייכער געוואָרען — און מיעדער. די אויגען־פאַלדען זענען ווידער איינגעקנייטשט געוואָרען — עס איז מיעד געוואָרען, אויסגעמוטשעט, און עס האָט אויסגעדריקט אַ שטילען צער.

איך בין געזעסען ביי איהר בעט און געקוקט אויף איהר פּנים — און עפּעס וואָס זיך פערטראַכט. פּלוצלונג האָב איך געהערט, אַז עפּעס וואָס רודערט ביי דער טהיר. איך האָב געמיינט, אַז דאָס געהט מיין פריינד, און איך האָב זיך נישט אומגעקוקט דערויף, זייענדיג ווייטער פערזונקען אין מיינע געדאַנקען. ענדליך האָט אויף מיר אָנגעהויבען בלאָזען אַ קאַלטער ווינד. איך האָב זיך אומגעקוקט און האָב בעמערקט, ווי עס קומט עפּעס ארויס פון די האלבע טונקעלהייט, מיט וועלכע דאָס צימער איז געווען איינגעהילט. איך געדענק גוט, אַז כ'האָב זיך גאָר ניט דערשראָקען און די נייגיעריגקייט האָט אַלצדינג אין מיר איבערגעשטיגען. — איך האָב אָנגעשטרענגט מיין בליק, און געזעהן, ווי אַ שוואַרצער הונד, מיט גרויסע

שוואַרצע קודלעם קריכט אַרויס פון די פינסטערניש; קומט נעהנטער צו מיר צו, שמעקענדיג מיט דער נאָז. — איך געדענק, אַז אין דעם ערשטען אויגענבליק בין איך געבליבען זיצען אַ פערשטיינערטער, נאָר ווען איך האָב געזעהן, ווי דער שוואַרצער הונד קומט צו נאָהענט צום טויטען, הויבט איהם אָן צו שמעקען, האָט זיך געשטאַרקט אין מיר מיין מענשליכע פליכט, און איך האָב איהם אָנגעהויבען אַוועקצויאָגען מיט די הענד און מיט די פיס. איין אויגענבליק האָט זיך דער הונד אָבגעשטעלט און מיך אָנגעקוקט מיט זיינע גלאַנצעדיגע אויגען — נור, זעהט זיך אויס, אַז דער בליק פון מיינע אויגען האָט איהם בעזיעגט, און ער איז אָפּגעטרעטען פון טויטען — פערלאָזענדיג די שטוב.

איך ווייס נישט אויב דער הונד האָט געהאַט וואָס פאַר אַ שייכות מיט דער טויטער. עס קען זעהר מעגליך זיין, אַז עס איז, ווי מיין פריינד האָט געזאָגט, ווען ער האָט געהערט די מעשה פון הונד, אַז אַן איינזאַמער הונד פון אַ שכן האָט אריינגעבלאָנדזשעט אין שטוב אַריין, געפינענדיג אַ אָפענע טהיר. נור דענסמאָל, ווען איך האָב געקוקט דעם הונד אין די אויגען אַריין, און געזעהן זיינע שוואַרצע קודלעם, האָט ער מיך דער־מאָנט אָן דעם געזיכט פון דעם פערשטאָרבענעם מיכאל.

# די טויבען פון סקווער

(ערצעהלונג)

## I

איבער דעם בעליעבטען סקווער פון לאָנדאָן, אויף וועלכען עס שטעהט דער בעריהמטער דענקמאַל פון אַדמיראַל נעלסאָן, האָבען זיך פון קדמונים=אָן אויפגעהאַלטען טויבען. די טויבען מאַכען זיך זייערע נעסטען אין די הויכע געזימסען פון דעם וועלט=בעריהמטען קונסט=מוזעאום, די נאַציאָנאַל גאַלעריי, וואָס שטעהט אין פראָנט פון סקווער, וואו עס איז אויסגעהאַמערט פון שטיין די גרויסע פיגורען פון די גריכישע געטער און געטינס. די טויבען זשענירען זיך נישט און מאַכען זיך זייערע היימען צווישען די געטער, אפילו אונטער דעם הוט פון גרויסען אַדמיראַל, פון דעם נאַציאָנאַלען העלד, האָבען זיי זייערע נעסטען. שוין אָבגערעדט, אַז זיי בענוצען זיינע ברייטע שליפענע אַקסלען פאַר אַ גוט אָפּרוה=פּלאַץ נאָך אַ גאַנצען טאָג אַרומלויפען.

איבער דעם סקווער וואָהנען די טויבען פון ווייטע, לאַנג=פאַרגעסענע יאָהרען. די טויבען זענען אַזוי צוגעוואָהנט צו דער שטאָדט, אַז זיי אַנטלויפען נישט פאַר די מענשען. זיי האָבען זיך אָפּגעלערענט אַראָפּצוזעצען פון מענשענס הענד, אָדער פון די קינדער, וועלכע די מאַמעס ברענגען אַהין מיט קרישעלעך ברויט די טויבען צו שפּייזען. עס געפינען זיך אַזעלכע „משוגעים“, וועלכע זאַמלען געלד אין די קירכעס פאַר שפּייז צוליב די טויבען פון סקווער, און טראָגען זיי יעדען טאָג זייער טאָג=טעגליכע חיונה. זיי זענען אַזוי צוגעוואָהנט צום רעש און געפּילדער פון'ם בעליעבטסטען סקווער פון שטאָדט, אַז זיי שטעלען זיך אויף די גאַסען,

אויף די מאַטאָרען פון די אויטאָבוסען, וועלכע לויפען אַדורך אין די הונדערטער צו יעדער צייט פון טאָג דורך דעם סקוואר. זיי פליהען אַרונטער געדיכט אונטער די רעדער אויפצופּיקען אַ ברעקעלע, אָדער שטעלען זיך אָפּ אויפ'ן טראָטואַר אין מיטען געדרענג פון די מענשען, פליהען פערביי די דורכאיילענדע אויטאָמאָבילען און עס דאַכט זיך, אַז אָט=אָט ווערט די טויב איבערגעפאָהרען, ווערט די טויב צוקוועטשט אונטער'ן ראָר, צוטראָטען פון מענשען=טריט. אָבער עס טרעפט קיינמאָל נישט, אַז מען זאָל אַ טויב איבערפאָהרען, צוקוועטשען, צוטרעטען, אָדער עס זאָל ווער אײנפאַלען אַ טויב צו כאַפּען. זיי זיינען אַזוי געניט, אַזוי איינגעוואָהנט צו דעם האַסטיגען רויש אין וועלכען זיי לעבען, אַז זיי מיידען=אויס דעם טויט פון פאַר די אויגען, און געהען=אַרויס פון אונטער די אויטאָמאָבילרעדער אונבעריהרט.

דאָס רוב פון די טויבען זיינען טאַקע געבוירענע און אויסגעהאָדעוועטע אין סקוואר. זייערע עלטערען האָבען זיי אויסגעבריהט אין די רעדער פון „זעאוס" רייטוואָגען, אָדער צווישען די שענע פיס פון „אַפּאָלאָ", וואָס איז אויסגעסקולפּטירט אין דעם גריכישען געזימס איבער דעם קינגס=מוזעאום, וואָס שטעהט אין סקוואר. אַנדערע ווידער האָבען געזעהן דעם טאָג=שיין אין דעם הוט פון אַדמיראַלישען דענקמאָל, אָדער אויף די פּלייצעס פון „נאַציאָנאַלען העלד". אָפּטמאָל מאַכט זיך, אַז אַ „זי" פון די סקוואר=טויבען לאָזט זיך אַרויס פון שטאָדט און פערפיהרט אַן „ער" פון דאָרף אין שטאָדט אַריין. די פרעמדע טויב פרואווט זיך איינלעבען מיט די שטאָדט=טויבען, אין רעש פון שטאָדט. טיילמאָל טרעפט, אַז אַזאַ פרעמדע טויב פון דאָרף געוואָהנט זיך ביסלעכוויז איין צום שטאָדט=לעבען, לערנט זיך אויס צו ליגען צווישען די אויטאָמאָבילען=רעדער. אָבער אין מעהרסטע פאַלען ווערען די פרעמדע טויבען פערשוואונדען. אָדער זיי פליהען צוריק אין די דערפער, פון וואַנען זיי זענען געקומען, אָדער מען געפינט זיי אין אַ פּאָר טעג אַרום צוקוועטשטע צווישען די רעדער פון די אויטאָבוסען, אָדער אויסגעמוטשעטערהייט פאַלען זיי אַראָפּ מיעדע פון הויכען פּיעדעסטאַל, אויף וועלכען עס שטעהט די פיגור פון אַדמיראַל, און בעשפּריצען מיט זייער בלוט דעם טונקעלען פערשטויבטען מאַרמאָר פון דעם בעשטאַנד. נאָר קיינער בעמערקט עס נישט און קיינער זעהט דאָס נישט.

אַז עס קומט פאַרנאַכט, ווען די זון הויבט זיך אָן צו זעצען ערגעץ הייט אונטער דער שטאָדט, און אין דער שטאָדט אַליין ווייסט מען נור דערפון, וואָס מען הויבט אָן אָנצוצינדען די גאַסען־לאָמפּען, בעהאַלטען זיך די טויבען אין זייערע נעסטען, זוכען שוץ צווישען די גריכישע „געטער“ און „געטינס“ פון מוזעאום־געזימס, אין דעם גרויסען הוט פון אַדמיראַל נעלסאָן. דענסמאָל הויבען זיך אָן איבער די טראָטואַרען פון סקווער צו בעווייזען זיך גאַנץ אַנדערע טויבען, נאַכט־טויבען אין געשטאַלט פון יונגע מיידלעך, אָנגעטאָן אין זעהר עלעגאַנטע קליידער, אויפפאַלענד קורצע ספּאָדניצעס, פון וועלכע עס זעהען זיך אַרויס די לאַנגע געטאָקטע פיס, בעצויגען מיט פלייש־קאָלירטע זיידענע זאָקען, אין שוואַרץ קאָלירטע גריכישע שיכלעך, און הויכע, ברייט־רונדיגע מיט שפּיצען בעזוימטע קאַפּעליושען, פון וועלכע עס קוקען אַרויס שוואַרצע אויגען, קאַרשען־אויגען, בלויע סאַפּירען און בורשטין־שיינענדע קאַרע אויגען, און רייצען און ציהען נאָך זיך יונג און אַלט.

די מעהרסטע פון די מיידלעך, וועלכע דרעהען זיך איבער דעם סקווער אין אבענד, זיינען היימישע, אַזוי ווי די טויבען, געבוירען אין סקווער, אויפגעצויגען צווישען די רעדער פון אויטאָמאָבילען און מאָטאָרען פון אויטאָבוסען און שטויב פון די געמויערטע הייזער אויף אַספאַלט־גאַסען, אויסגעבריהט אויף דער שטאָדט־זון. און אַזוי ווי די טויבען געהען זיי דורך צווישען די מענגע מענשען, דרעהען זיך הינטער די פיס פון פאַרבייגעהער, מישען זיך אוים מיט די נאַציעס פון דער וועלט, וואָס שפּאַציערען אין די אָבענדען אויפ׳ן סקווער, און קומען אין לייבליכער בעריהרונג מיט אומבעקאנטע, פרעמדע ווענזענס און געהען אַרויס גאַנץ אונבעריהרט, נישט פערלירענדיג דערביי דאָס מיידליש־טויבענדיג, וואָס זיי בעזיצען. נאָר טיילמאָל מאַכט זיך, אַז עס פערבלאָנדזשעט צווישען די היימישע מיידלעך אַ פרעמדע פון דאָרף...

אויפ׳ן סקווער, אין גרעלען פאַרנאַכטליכען עלעקטרישען שיין, צווישען די פיעל פאַרבייגעהענדע, האָבען געשפּאַצירט צוויי מיידלעך;ביידע געקליידעט אין יענעם אויפפאַלענדען שיק און רייץ, מיט וועלכע עס נעהמען זיך אוים אַ געוויסע סאָרט מיידלעך, און וואָס אַנדערע פרויען, נישט פון זייער פּראָפעסיע, מיהען זיך זיי נאָכצוטאָן און קענען נישט... די מיידלעך, וואָס האָבען אויסגעזעהן אויסערליך ווי צוויי גלייכע אין

יאָהרען — כאָטש אין דער אמת'ן נישט אַזוי — האָבען פערגעסען דעם ציעל פון זייער גאַנג און געדעכט צווישען זיך פערטרויליך, פון היימישע זאַכען.

— און די מאַמע האָט זעהר געוויינט, ווען דו ביזט אַוועק־געגאַנגען? — האָט איינע געפרעגט די אַנדערע אויף אידיש.

— גיין, געוויינט האָט זי ניט, פאַרוואָס זאָל זי וויינען, זי האָט דאָך געוואוסט, אַז איך פאָהר צו דיר.

— און וואָס מיינט מען אין דער היים אויף מיר? וואָס זאָגט מען, וואָס טהו איך דאָ? — האָט די עלטערע ווידער איבערגעפרעגט דער יונגערער, פיליכט צום הונדערטסטען מאָל.

— דער פאָטער האָט דאָך דערצעהלט אין שוהלכעל, וואָס דו האָסט אהיים געשריבען אין בריעף, אַז דו ביסט אַנגעשטעלט אין א גרויס געשעפט פון ווייסוואַרג, און אַז דו פערדינסט שען געלד.

— גלויבט מען אין דער היים? גלויבט מען?

— פאַרוואָס זאָל מען ניט גלויבען, אַז דו האָסט אַזוי געשריבען. די עלטערע האָט אַ מינוט שטיל געשוויגען.

— מיינסט אפשר, אַז איך האָב ניט געארבייט אין אַ וויים־געשעפט? צוויי יאָהר האָב איך זיך אָפּגעפּלאָגט ביי יאָסעלס זוהן פון דער היים דעם געלען ברוך, ער האָט אויף וויטשעפּעל אַ סטאָר. צוערשט האָב איך געארבייט ביי איהם אין שאָפּ, פאַר צוואַנציג שילינג אַ וואָך, דערנאָך האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך וועל זיין אַ „גוד גוירל“, וועט ער מיר צולעגען צו צוויי „גינעס“, נאָר איך זאָל נישט אויסזאָגען די אַנדערע. אַנגעטשעפּעט זיך צו מיר, אויף אַ מינוט האָט ער מיך נישט אָפּגעלאָזט. דערנאָך, אַז ער האָט מיך אַריינגעשטעלט אין סטאָר אַריין, בין איך דאָך שוין גאָר געווען „זיינע“, פערקויפט ווי אַ הונד, איידער בחנם איז דאָך שוין גלייכער פאַר געלד, — האָט מען דאָך עפּעס דערפון.

יעצט האָט די יונגע געשוויגען.

— און גלויב מיר, עס איז גאָר ניט אַזוי דער מעהר מיט די שאָפּ־מיידלעך, אָדער די אָרענטליכע סטאָר־מיידלעך. עס איז דען דאָ איינס פון זיי אַן אָרענטליכס? זיי בעלאַנגען דאָך אַלע צו די „מענעדזשערס“, ווי אויך צו די „באָסעס“ — זיי קענען דען טהאָן, וואָס זיי ווילען?

די יונגערע האָט ווידער געשוויגען.

— און דאָ ווייס איך דאָך כאָטש פאַר וואָס און פאַר ווען. געה ארוים אין סקוועער אויף אַ פּאָר שעה, מאַך מיר מיינע פּאָר „גינעס“ און בין מיר אַ פרייער מענש. קיינער „באַדערט“ מיך ניט, גיב דעם פּאָליסמאַן אַ פּאָר שילינג אַ וואָך, בין איך דאָך אַ פרייער פויגעל, וואָהן זיך וואו איך וויל, קלייד מיר אוים.

— און קיינער ווייסט ניט דערפון? — פרעגט זיך די אנדערע.

— וואָס מיינסטו, דאָ איז קראַצניץ, וואָס יעדער ווייסט וואָס דו טהוסט? דאָ איז יעדער פאַר זיך.

די יונגערע האָט ווידער געשוויגען.

— און מיט וואָס פאַר אַ דזשענטעלמענס דו טרעפסט זיך דאָ, מיינסטו עס זיינען אַזעלכע לייט, ווי ביי אונז אין קראַצניץ? דאָ געהט ניט אַבי ווער אוים מיט אַ „ליידי“. דאָ געהט נאָר אוים אַ „דזשענטעלמאַן“, פיהרט דיך אויף סאַפּער אין אַ פיינעם רעסטאָראַן, אָדער אין אַ טאַנץ־זאַל. אַמאָל קען מען מאַכען די בעסטע „פּארטי“. וויפיעל „שאַנסעס“ האָב איך שוין געהאַט. וויפיעל דזשענטעלליים פון די „הויכע סאָסייטי“ מיט גוטע „פּאָזישאָנס“ זיינען געלעגען צו מיינע פיס און געגאַנגען פאַר מיר די כפּרה, געבעטען זיך ביי מיר, אַז איך זאָל געהן מיט זיי „געמען רומס“.

— און פאַר וואָס האָסטו נישט געוואָלט?

— עס איז נישט גוט, — לערנט די עלטערע די יונגע, — צופיעל זיך אריינלאָזען מיט אַזאַ „דזשענטעלמאַן“ טויג נישט. דאס איז נישט פאַר אונזערס איינער. אונזערס איינע איז אזוי: געטראָפען אַ דזשענטעלמאַן, וויל ער געהן מיט דיר אויף סאַפּער — גוט, געגאַנגען מיט איהם, געווען מיט איהם, אָבגעצאָהלט. איך געה מיר מיין וועג, דו — דיין וועג. איך קען דיך נישט, דו — מיך נישט. אַז נישט, ווייסט דו נישט, מיט וועמען דו קענסט זיך אריינלאָזען און דו קענסט נאָך אריינפאַלען אין „טראָבעל“ — די פּאָר „גינעס“ פון דיר צונעהמען, אָדער אַנדערע צרות אָנטאָן. עס איז נישט גוט.

אין דעם איז דער יונגערמאַן, וואָס איז שוין אַ פּאָר מאָל פאַרביי־געגאַנגען פאַרביי זיי ווידער צוגעקומען צו די מיידלעך, געקוקט זיי אין פּנים אריין, און אַלץ נישט געקענט אָבמאַכען זיין מיין, צוצוגעהן צו זיי, צי נישט.

— גיב נור א קוק ווי דער גרינהארן האָט זיך צוגעטשעפּעט צו

אונז. קום שוין אהער, גרינע אוגערקע, — האט זיך אנגערופען די עלטערע.

דער יונגערמאן האט געגעבען א ווייכען סאמעטען בליק אויף די יונגע־ע, וועלכע האט אויסגעדריקט שרעק און ווי עפעס בעטענדיג זיך, אז עס האט זיך געדאכט, אז אט שטעלט ער זיך שוין אב, ווידער האט ער גישט געוואגט און איז ווייטער געגאנגען.

— כ'לעבען, דו גפעלסט איהם, דאושע, — האט געזאגט די עלטערע, — און פון אזא „העכט", אז מען כאפט, קען מען ארויסציהען עטליכע שענע „גינעס", עס איז גאר א גרינע חיה, — זאלסט נאר קענען פון איהם ארויסציהען.

די יונגערע איז פערשעמט געווארען און דערשראקען אביסעל, און האט נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

— שא, אט קומט ער נאך אמאל, דו מאך זיך גאר נישט קוקענדיג אויף איהם, האב איהם אין דר'ערד. וואס ווינציגער דו וועסט קוקען אויף איהם, אלץ מיעפער וועט ער ליעגען צו דיינע פיס. נאר טאמער וויל ער אוועקגעהן, דאן גיב איין בליק אויף איהם. אבער אזא קוק, אז דו זאלסט איהם די מוטער'ס מילך ארויסנעמען מיט דעם קוק.

די יונגערע איז שטיל געווען און דערשראקען. דער יונגערמאן האט זיך יעצט דערנעהנטערט צו זיי, אבגעשטעלט זיך.

דער יונגערערס הארץ האט אנגעהויבען צו קלאפען:

— קען מען אייך בעגלייטען? — האט דער יונגערמאן אנגעהויבען צו שטאמלען.

די יונגערע האט געקוקט אויף דער עלטערער.

— עס בעלאנגט וואוהין — האט זיך די עלטערע אבגערופען.

דער יונגערמאן איז צוטומעלט געווארען פון אזא ענטפער און האט געשטאמעלט.

— יא, וואוהין?

— אין קאפע ראיאל, דארט שפיעלט שענע מוזיק.

— יא, אין קאפע ראיאל — האט דער יונגערמאן געשטאמעלט.

דער יונגערמאן האט אנגעהויבען מיט זיי מיטצוגעהן.

— זעהסט, ווי מען מאכט עס? — האט די עלטערע צוביטען דעם זאץ אין אידיש צו די יונגערע. די יונגערע האט געשוויגען, נאר איהר הארץ האט געקלאפט.

— נאַ, געה דו ביי זיין זייט, דו געפּעלסט איהם — האָט די עלטערע קונציג געגעבען זיך אַ דרעה און צוגעשאַרט די יונגערע צו דער זייט פון דעם יונגענמאַן.

די יונגערע איז געבליבען פאַר אַ מינוט ערשטוינט; דאָס קלאַפּען פון איהר האַרץ האָט זיך געהערט אין דער הויך.

— האָב ניט קיין מורא, איך וועל שוין רעדען פאַר דיר. דו קוק איהם נאר אין די אויגען אריין, — האָט די עלטערע געלערנט די יונגערע. זיי זענען אַלע דריי געגאַנגען אין קאַפּע ראָיאַל.

---

## II

חיים פישער האָט געהאַט שענע מוידען, מוידען מיט געדיכטע, שוואַרצע צעפּ האָר, און מען האָט געזאָגט, אַז אַ בוים מיטן וואָרצעל קאָלט אַזא מויד געקענט אַרויסרייסען מיט איהרע צעפּ. רויטע געזונטע באַקען און גלאַנציגע אויגען. די מוידען האָבען גע'שם'ט איבער דער מדינה. האָט טאַקע חיים פישער מיט זיי גוטע שדוכים געטאָן. איינע האָט ער אויסגעגעבען קיין קרושנעוויץ, גענומען אַ רייכען פערד־סוחר אַ מאַן, אַן אַלמן. אַן אַנדערע האָט ער חתונה געמאַכט פאַר אַ קצב'ס אַ זוהן, און נאָך דריי האָבען זיך ביי איהם אין שטוב ארומגעדרעהט. דיענען וועט ער זיי ניט שיקען, עס פּאַסט ניט פאַר חיים פישער, אַז זיינע טעכטער זאָלען דיענען. האָבען די מוידען פערפיהרט אַ שטאָדט מיט יונגען. אַ גאַנצען טאָג גאָרנישט געטהאָן, נאָר זיך אויסגעזועצט אַלע דריי, ווי די ליאַלקעס, אויפ'ן גאַניקעל, אין שמאָלען געסעל, זומער־לעב, אין די בלויזע העמדער, אין די ווייטע אונטערקליידלער, מיט די נאַקעטע הענד און בוזעמס אַרויס פאַר דער אָפּענער שיין, און זיך אויסגענעהט געהעפּטענע וועש און געזונגען ליעדער. פאַרנאַכט, ווען די וואָלקאָרזשעם מיט די שטעפּען־מאַכער און די סוביעקטען פון די געשעפטען זענען אַהיים געקומען פון דער אַרבייט, האָבען זיי זיך אָפּגעוואַשען מיט שמעקענדיגע זייף. ווער עס האָט געהאַט האָט זיך אויסגעפּוצט אין די שבת'דיגע קראַוואַטען און געקליבען אַרום זיך די מוידען. דאָס גאַנצע געסעל האָט געשווירבעלט מיט יונגען אַ גאַנצען אבענד, געדרעהט זיך אַרום די מוידען, ווי ביהנען אַרום האָניג. אַ טייל האָט געהאַט דאָס גליק צוגעלאָזען אַז

ווערע׳, זענען זיי געזעסען אויף די טרעפּלעך פון גאַניקעל און געזונגען ליעדער. אַנדערע האָבען זיך געדרעהט אין געסעל. אַזוי האָט דאָס יונגוואַרג געברויעט אַ גאַנצע נאַכט און ניט געלאָזט דאָס גאַנצע געסעל ווייבער און אידען קיין אויג צו טהאָן, ביז דער פּישער איז אַרויסגעקומען אויפ׳ן גאַניקעל אין די גאַטקעס, און האָט מיטן פּאַסיק אַריינגעיאָגט די מוידען אין שטוב אַריין. און צו די יונגען האָט ער געזאָגט:

— איהר געהט אַהיים. איהר וועט זיך אַ כאָליערע אַוועקלייגען!

און אַז די יונגען האָבען געזעהן, אַז די מוידען זיינען אין שטוב פערשוואונדען, זיינען זיי זיך צוגאַנגען, און דאָס געסעל האָט געקענט איינדרעמלען.

אין די זומערדיגע שבתים נאָכמיטאָג, ווען די גאַנצע שטאָט זאָגט „פּרק“, האָבען די מוידען צוזאַמענגענומען די יונגען און האָבען געמאַכט אַ טאַנץ. איז דער רב דערפון געוואָהר געוואָרען, האָט ער געשיקט נאָך חיים פּישער און איהם געסטראַשעט, אַז ער וועט איהם די פּיש אַסר׳ן, אויב ער וועט די „נייע מאָדע פון טאַנצען“ ניט אונטערברייגגען. האָט חיים צוטריבען די יונגען און עס איז געוואָרען אויס טאַנץ.

האָבען זיך די מוידען נישט געהאט וואו אַהינצוטהאָן אין שטעטעל. האָבען זיי אָנגעהויבען צו טראכטען וועגען אַוועקפאָהרען פון דער היים אין דער גרויסער שטאָדט. איז איינע אַוועקגעפאָהרען צום זמן נאָך לאָדז און איז דאָרט פערבליבען אַ גאַנצען ווינטער. אויף פּסח איז זי צוריקגעקומען און האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ פולען קאַסטען מיט וועש און קליידער, מיט אַ ווינטער־מאַנטעל און אַ פּאָר שיך מיט אַ פּאָר קאַלאָשען. זי האָט געזאָגט, אַז זי אַרבייט אין אַ גרויסען וואַרען־געשעפט, אַ פערקויפערין איז זי דאָרט. אין שטעדטעל האָט מען גערעדט, אַז זי איז פּשוט אויף אַ שטעל פאַר אַ דינסט. און אַנדערע האָבען נאָך ערגערס געזאָגט...

איז חיים פּישער דערפון געוואָהר געוואָרען. איז ער שוין אַרויסגעגאַנגען אין גאַס שלאָגען די וואָס רעדען, איז געוואָרען אַ גרויס גערודער יום־טוב אין שוהלכעל, וואו עס דאַוונען די פּישערס. איז חיים אַהיים געקומען פון שוהל אַ בייזער און האָט געשוויגען אַ גאַנצען יום־טוב. אַז די מויד האָט זיך געקליבען ווידער צו פאָהרען קיין לאָדז, האָט חיים פּישער געזאָגט, אַז ער וועט זי ניט לאָזען. זי זאָל זיין אין דער היים. און ווען עס

געפעלט איהר נישט די היים, לאָז זי געהן פאַר אַ דינסט, נאָר נאָך לאָדז וועט ער זי נישט לאָזען. און ער האָט איינגעשלאָסען דער מויד'ס קליידער מיט די וועש, מיט די שיך און די נייע פּאָר קאַלאָשען. האָט זיך די מויד אַרויסגעגנב'עט ביינאַכט, אַ יונג האָט איהר געהאָלפען אַרויסצוגנב'ענען ־עם קאַסטען מיט די זאַכען און זי איז אַנטלאָפען.

אַ לאַנגע צייט האָט מען פון דער מויד נישט געהערט. אין יאָהרען אַרום איז אָנגעקומען פון איהר אַ בריעף פון לאָנדאָן מיט אַ טשעק אויף אַ פּאָר פונטען, וואָס די עלטערן האָבען נישט געוואוסט וואָס דאָס איז. אין דעם בריעף שרייבט זי, אַז זי האָט זיך ניט, גאָט צו דאַנקען, צו בעקלאָגען. עס געהט איהר נישט שלעכט. זי איז אין אַ געשעפט פון וויים־וואַרג, און דער בעל־הבית איז צו איהר גוט. זי האָפט נאָך אין גיכען איהרע עלטערן צו דערפרעהען מיט פרעהליכע נייעס... זי שטעהט אין שדוכים, שרייבט זי מיט פיעל־מיינענדיגע פינטעלעך...

דער פאָטער האָט געטראָגען דעם בריעף אין שוהלכעל אַריין און האָט איהם געגעבען אַלעמען צו לעזען.

איז דורכגעגאַנגען ווידער אַ לאַנגע צייט, און די „פרעהליכע נייעס“ האָבען זיך נישט געהערט. און ווען די עלטערן האָבען זיך שוין געהאַט מיאש געווען דערפון, איז אָנגעקומען אויף ראש־השנה אַ וואונש־קאַרטע אַזוי גרויס ווי אַ טעלער, מיט אַ שיף און טויבען און אַלערליי געמעלען — און קיין איין וואָרט ניט מעהר. אין אַ געוויסע צייט אַרום, אויף אַ פּסח, איז אָנגעקומען אַ טשעק אויף פינף פונט, אָהן אַ וואָרט, דאַן איז באַלד ווידער אָנגעקומען אַ בריעף: „טייערע טאַטע און טייערע מאַמע“, און זי שרייבט, אַז געהן געהט עס איהר גוט, עס פעהלט איהר חלילה קיין זאַך נישט, נאָר איינס פעהלט איהר יאָ — דאָס איז „אַ מאַמע'ס האַרץ“. עס איז שלעכט צו זיין צווישען פרעמדע מענשען אַליין, ווי אַ פער־בלאָנדזשעטע שעפּס פון דער סטאַדע. און ערשט יעצט ווייסט זי ווי אָפּצו־שעצען וואָס עלטערן זענען פאַר אַ קינד. אין דער פרעמד ווייסט מען דאָס ווי צו שעצען... און זי שרייבט, אַז ווען זי וואָלט געקענט האָבען אַ נאָהענטען מענשען מיט זיך, וואָלט איהר קיין איין זאַך ניט געפעהלט...

אין דער משפחה האָט מען געוויינט אויף דעם בריעף, ווי צו תשעה־באב... נאָר קיין „טייערע מאַמע“ איז שוין ניט געווען, וואָס זאָל בעגיסען דעם בריף מיט הייסע טרערען. די מוטער איז דורך דער צייט שוין געשטאָרבען.

אין דער הוים, ביים אַלטען הוים, איז נאָר איבערגעבליבען דעם פעטער זרח'ס, עליו השלום, אַ מיידעל, וואָס דער אַלטער פישער האָט נאָך דעם ברודער'ס טויט צו זיך אין שטוב אַריינגענומען און געהאַלטען ווי אַן'אייגען קינד. וואָרים זיינע אייגענע טעכטער האָט ער שוין געהאַט אויסגעגעבען. און דער אַלטער פישער הוים איז געקומען אויף דער עלטער, און קיין נדן פאַר דעם ברידער'ס טאָכטער האָט ער אויך ניט געהאַט, און קיין שידוך פאַר דער מויד האָט זיך נישט געמאַכט, האָט מען אַוועקגעשריבען אַ בריעף צו דער שוועסטער אין לאָנדאָן: אַז „די מאַמע, אין ליכטיגען גן-עֵדן זאָל זי זיין, לעבט שוין נישט מעהר און דער טאַטע איז שוין צו-אַלט אַליין אַרויסצופאָהרען צו די אָזיערעס נאָך פיש... אַז עס וואָלט ווער צוגענומען דעם פעטער זרח'ס טאָכטער, וועלכע איז ביים טאַטען, וואָלט ער געגאַנגען צום אידעם נאָך קרושנעוויץ. בלויז העלפענדיג איהם ביי דער יאַטקע, וואָלט ער זיך פערדינט זיין שטיקעל ברויט“.

איז באַלד אין אַ פּאָר וואָכען אַרום אָנגעקומען אַ בריעף פון לאָנדאָן, מיט אַ טשעק אויף פונטען, אַז דעם פעטער זרח'ס טאָכטער, דאושע, זאָל נישט אַנדערש טהאָן, נאָר גלייך קומען צו פאָהרען צו איהר קיין לאָנדאָן. „זי וועט דאָ, שרייבט זי, גליקליך ווערען“.

האָט מען דער מויד איינגעפּאַקט אַ קאַסטען מיט זאַכען, מושוה געוואָרען מיט נטע דעם פוהרמאַן פאַר גנב'ענען די גרענעץ. און נטע האָט געשוואָרען ביי זיין „ווייב און קינד“, אַז ער וועט די מויד אָפּהיטען ווי אַן אויג אין קאָפּ ביז איבער די גרענעץ. און איבער דער גרענעץ וועט ער די מיטגעבען מיט אַ פּאַרטיע „ליטוואַקעס“, וועלכע פאָהרען נאָך לאָנדאָן.

---

## III

אַז די קוזינע איז אַראָפּגעקומען קיין לאָנדאָן, האָט ראָזע נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן מיט איהר. ראָזע האָט זיך געמאַכט איהר כשר שטיקעל ברויט פון דעם, וואָס זי איז געווען אַ גאַסען-מיידעל, אַ בכבודיג גאַסען-מיידעל. קיין פריינד האָט זי נישט געהאַט, ווייניג בעקאַנטע, אַ חוץ איהר בעל הבית'טע, די דשעניטערין, אַ גוטע אַלטע איירישע פרוי, מיט וועלכע ראָזע האָט זיך גוט בעפריינדעט. אָפטמאָל איז די גויה אַרויפגעקומען צו איהר, געגעסען ביי איהר, און ראָזע האָט איהר מתנות

געגעבען. די גוטע איירישע האָט אַלץ געהאָפט, אַז ראָזע וועט אָננעהמען דעם אמת'ן קריסטוס־גלויבען, און ווערען אַ באַפּטיסטין, ווי זי איז אַליין. ראָזעס פּראָפּעסיע איז איהר נישט אָנגעגאַנגען: „יעדען איינעם קומט נישט אָן דאָס שטיקעל ברויט לייכט“. נאָר ראָזעס גלויבען האָט איהר נישט געלאָזט רוהען, און זי האָט אַלץ געהאָפט, אַז די שענע אידין וועט ווערען אַרונטערגענומען אונטער קריסטוסעס פליגלען און נישט אַנדערש, ווי נאָר אונטער זיינע „באַפּטיסטישע“ פליגלען.

ראָזע אָבער האָט געזאָגט: טאָקע זי איז אַ גאַסען־מיידעל, אָבער דעם גלויבען פון איהרע עלטערען וועט זי נישט ביישען, אפילו ווען מען זאָל איהר אַוועקגעבען דעם „קינגס פּאַלאַץ“.

אייגענטליך האָט ראָזע נישט פערשטאַנען, פאַרוואָס עס איז אַזאַ שלעכטע זאַך צו זיין אַ גאַסען־מיידעל. נאָר אַלע האָבען געהאַלטען, אַז אַ גאַסען־מיידעל איז אַ שלעכטע און אַ מיאוסע זאַך, האָט זי אויך אַזוי געהאַלטען און זי האָט זיך געהיט דערמיט פאַר בעקאַנטע און לאַנדסלייט. דורך דעם איז זי ניט געגאַנגען אין די גאַסען, וואו זי האָט געקענט בעגעגענען אַ לאַנדסמאַן, זי האָט אויסגעמיטען „ווהייטשעפּעל“ און דעם גאַנצען „איסט ענד“, זי האָט גערעדט ענגליש, און געהאַלטען זיך פאַר אַ ליידי. אָנטהון האָט זי זיך געקענט נאָך פון דערהיים, פון שטענדיג איז זי אַריין אין די הויכע גאַסען אַלס „פּיקאַדילי“ — צום אַדמיראַל־סקוועהר, געזעסען אין די לאָבעס פון די האָטעלען. מיט דער צייט געקראָגען איהר שטענדיגע „קונדשאַפט“, אַ פּאָאַר „דזשענטעלליים“, מיט וועלכע זי איז אויסגעגאַנגען אויף סאַפּער נור דורך „אַפּאָינטמענטס“.

געוואָהנט האָט זי אין איהר אייגען צימער, ביי איהר איירישער פריינדין. קיינמאָל האָט זי קיינעם ניט געבראַכט אַהיים צו זיך אין צימער, אַחוץ איהרע פריינדין־„ליידים“. די שכנים האָבען אייגענטליך ניט געוואוסט, מיט וואָס זי באַשעפטיגט זיך, פון איהרע קליידער און מאַניערען האָט מען עס אויף איהר אויך נישט אָנגעזעהן.

צוערשט האָט זי געהאַלטען איהר „קוזינקע“ ביי זיך, זי איז צוליעב דער „קוזינע“ נישט אַרויסגעגאַנגען אין די אָבענדען, און זי האָט זעלבסט־פערשטענדליך נישט געזאָגט דער קוזינע מיט וואָס זי בעשעפטיגט זיך. אָבער באַלד האָט זיך דאָס אָפּגערופען אויף איהרע פינאַנסען. קיין געלד האָט זי נישט געהאַט, געלעבט ווי יעדער „פּראָלעטאַריער“ פון דער האַנד

אין מויל. דאן האט זי געגומען פערליערען קונדשאפט. האט זי פאר דער קוזינע געדונגען א בעזונדער צימער ערגעצוואו אין די אידישע געגענדען, און אליין האט זי זיך ווייטער בעשעפטיגט מיט איהר בעשעפטיגונג.

דעם פעטער זרח'ס טאכטער האט געפרואווט פערדינען, געגאנגען אין שאפ אריין ארבייטען. קיין ארבייט איז ניט געווען, און דאס וואס זי האט יא געקענט פערדינען, האט ניט געקלעקט אויף איהר אויסהאלטען, און דערביי איז די ארבייט געווען אזא שווערע, אז זי האט אין די ערשטע פאר וואכען אויפגעגעסען „דאס גרינע מעדעל", און די „רויטע באקען", וואס זי האט מיגעבראכט פון דערהיים, זענען בלייך געווארען, און די ליפען גרעבער, און די אויגען אויסגעלאשען, און אז דעם פעטער ברוך'ס טאכטער האט דערזעהען, וואס עס איז געווארען פון דער קוזינע, איז איהר הארץ צושניטען געווארען.

דערוויל איז די יונגערע אויך געוואהר געווארען, מיט וואס די עלטערע בעשעפטיגט זיך. קיין שטארקען איינדרוק האט עס אויף איהר נישט געמאכט, דערפאר, וואס זי האט נישט געזעהן קיין אפשטויסענדעס, און האט נאר געזעהן, ווי איהר קוזינע וואהנט אין א פיינע וואהנונג, טהוט זיך אן אין זיידענס, אין אויסגעהאפטענע העמדער, די שענסטע היט, טהוט גארנישט א גאנצען טאג און האט נישט קיין „באס" איבער זיך, און דארף נישט זיצען אין שאפ אין די הייסע זומער־טעג, — אין אבענד געהט זי אוים ספאצירען מיט פיינע לייט, וועלכע בעהאנדלען זי אזוי פיין, און אזוי אנשטענדיג — אדרבה, די קוזינעס פראפעסיע האט איהר אימפאנירט, זי איז שטאלץ געווען, וואס זי האט א קוזינע אזא „גרויס־ארטיגע ליידי" — און זי פלעגט אפט ארויסקומען צו איהר, זיצען ביי איהר און בעוואונדערען איהרע קליידער, איהרע שיך און איהרע היט. — ענדליך האבען די מיידלעך געוואהנט צוזאמען.

צוערשט האט די עלטערע פערדינט, און די יונגערע איז געבליבען אין דער היים. זי האט זיך אנגעטהון אין דער קוזינעס געגוצטע קליידער, געגעסען גוט — און באלד אנגעהויבען אויסצוזעהען פריש און שען. דער שאפ איז אוועקגעשוואומען, ווי א בייזער חלום — שוין קיינמאל נישט צוריק צו קומען. פון קיין אנדער פרנסה האט מען אויך נישט געקלערט. עס איז זיך נישט געווען צו וואס צו נעהמען. און קיין פרנסה האט נישט אויסגעזעהען ביי איהר אזוי גרינג, אזוי פיין און אזוי

אַנשטענדיג ווי איהר קוזינעס... און אַמאָל האָטביידע מיידלער געטראָפען אויפ'ן גאַס איינער פון ראָזע'ס פערעהרער, אַ עלטערער דזשענטעלמען שוין, — זעהר אַנ'אַנשטענדיגער „דזשענטעלמאַן", ער האָט זיך זעהר געפרעהט מיט רחל'ען, ראָזעס שוועסטער, אַזוי האָט זי ראָזע פאַר־געשטעלט, און ער האָט ביידע „שוועסטער" איינגעלאַדען צו „סאַפער" אין „מאַנאַקאָ". עס איז געווען אַזוי אַנשטענדיג... אין ביסלעכווייז האָט ראָזע מיטגענומען איהר קוזינע און אָנגעהויבען איהר איבערצוגעבען די סודות פון איהר פראָפעסיע — ביז מיר האָבען זי געטראָפען אויף פּיקאַדילי, ביי דעם סקווער פון די מויבען... ביז ראָזע האָט מיטגענומען איהר קוזינע אויף דער גאַס און געפיהרט זי אין „קאַפע ראָיאַל".

## IV

נאָך דעם ווי זיי זענען אַלע דריי אָבגעזעסען אַ געווויסע צייט אין קאַפע־ראָיאַל, געטרונקען קאַפע און ליקער, האָט ראָזע געזאָגט צו די יונגערע:

— וואָס וועט זיין דער סוף פון זיצען, איך וועל אייך לאָזען אליין— איהר וועט זיך שוין אַנ'עצה געבען אָהן מיר.

— ניין, ראָזע לעבען, איך בעט דיך, געה נישט אוועק — האָט די יונגערע אָנגעכאַפּט די עלטערע ביי דער האַנד, — איך האב מורא צו זיין אליין.

— מורא, אין לאָנדאָן האָט מען נישט קיין מורא, — האָט די עלטערע געלאַכט — געה שוין נאַר, בלייב אליין מיט איהם, ער וועט דיך נישט אָבבייסען, דזשענטעלליט האָבען ליעב צו זיין אַליין מיט זייערע ליידים. „איז'נט סאָ?" — האָט זי געזאָגט צום יונגען־מאַן אויף ענגליש.

— שור, יו אר רייט — האָט דער יונגערמאַן געשטאַמעלט פער־לעגען.

— און פריהער געלט, דו הערסט. נישט ווינציגער אַזוי ווי איך האָב דיר געזאָגט, און מאַך נישט מיט איהם קיין לאַנגע מעשיות. — האָט זי געזאָגט צו דער יונגערער אויף אידיש, אַז דער דזשענטעלמען זאָל נישט פערשטעהן...

די יונגערע איז רויט געוואָרען, איהר האַרץ האָט אָנגעהויבען צו

קלאפען נאך העכער: טיק-טאק, האט אויף אלע געקוקט אין קאפע-הויז, אויף די געסט, אויף די מיידלעך ארום די טישען, וואס זיצען און רויכערען סיגארעטלעך, נאר נישט אויף איהר „בעשערטען“, וואס איז געזעסען געגענאיבער איהר.

דער יונגערמאן האט בעשטעלט נאך קאפע, נאך ליקער, גערעדט האט ער מיט ראזען אין ענגליש, וואס די יונגערע האט האלב פערשטאנען.

— זי איז נישט לאנג אין לאנדאן, און ווייס נאך נישט ווי אומ-צוגעהן מיט „דזשענטעללייט“ — האט ראזע פערענטפערט איהר קוזינע פאר'ן גאסט.

— אבער דערפאר איז זי א שענע, — האט דער גאסט געזאגט קוקענדיג אויף איהר.

— זי איז די שענסטע מיידעל פון סקווער, — האט ראזע געזאגט, און שטופענדיג הינטער ארום איהר קוזינע, האט זי צוגעלייגט אויף אידיש:

— דער גוי איז פערליעבט אין דיר, קענסט רייסען פון איהם א פאס, דו גרינע אוגערקע.

אבער די יונגערע איז געבליבען זיצען א פערשעמטע, רויט-טוידט מיט א קלאפענדיג הארץ און נישט געוואוסט, וואס צו טהון און וואס צו זאגען.

— זאל איך רעדען פאר דיר, איך וועל טאפען דעם דופק, אויב עס לוינט זיך, — האט די עלטערע געזאגט.

— ראזע לעבען, איך בעט דיך — האט די יונגערע אנגעכאפט די עלטערע ביי דער האנד און געבעטען זיך, אז זי זאל שווייגען.

— וואס וועט זיין דער סוף, עס ווערט דאך שפעט, אז איך וואלט אזוי געזאלט ביי יעדען גאסט באלאמוטשען, מאכען חנ'דלעך, וואלט איך שעהן אויסגעזעהן? איך וואלט אויף קיין שיך נישט געהאט!

— ראזע לעבען, איך וויל אהיים געהן, — האט די יונגערע געזאגט.

— פארוואס?

— איך ווייס נישט פארוואס, איך האב מורא.

— פארוואס האסטו מורא?

— איך ווייס נישט, איך האב מורא.

— עס איז נישט שעהן צו בעליידיגען אַ גאַסט, ער האָט געלד געספּענדעט.

— מיין פריינדין איז קראַנק, פיהלט זיך נישט מיט אַלעמען. — דער דזשענטעלמען וועט דאָך מיט מיר בלייבען — האָט זי זיך געווענדעט מיט אַ פערשאַרט שמייכעלע צום גאַסט.

— אַז די פריינדין וועט נישט איפּערזיכטיג זיין — האָט דער „דזשענטעלמען" געזאָגט.

— מיין פריינדין איז נישט קיין איפּערזיכטיגע — האָט ראָזע געלאַכט, — ס'וואָהר? נאַ, נעהם די שליסעל און געה אַהיים. — גיט זי איבער דער קוזינע די שליסעל — איך וועל זיך באַלד מיט איהם אָפּפּאַרטיגען — גיט זי צו צו דער יונגערער אויף אידיש...

שפּעטער, אַז ראָזע איז צוריק געקומען אין וואָהנונג, וואו זיי האָבען געוואָהנט, האָט זי אַרויסגעוואָרפען פון זיידענעם זאַק אַ פּאַפּירענעם פינף פונט שטיק און האָט עס צוגעוואָרפען צו דער יונגערער.

— נאַ זעהסט, וואָס איך האָב אַרויסגעקריגען פון דעם הונט.

די יונגערע איז נישט געשלאָפען. זי איז געלעגען אויפ'ן בעט אַנ'אָנגעטהונענע, מיט די צעפּלאָשעטע האָר. זי האָט געלאָזט פאַלען דעם פינף-פונט-שטיק און איז רויט געוואָרען.

— נאַ, נעהם צו, עס איז דיין געלד.

די יונגערע איז נאָך מעהר רויט געוואָרען.

— מיין? — האָט זי געשמייכעלט.

— יאָ, איך בין געגאַנגען פאַר דיר.

די יונגערע האָט געשוויגען.

— פאַרוואָס ביסט דו נישט געגאַנגען מיט איהם? „אַ גיים דזשענטעלמען" געוועזן.

— ער איז מיר נישט געפעלען, — האָט די יונגערע געזאָגט.

— נאַר איינע, דו האָסט דען חתונה מיט איהם? ביסט זיך משדך מיט איהם, צי וואָס? היינט קענסט דו איהם, מאָרגען נישט. וואָס אַרט עס דיך?

די יונגערע האָט געשוויגען.

— ווייסט דו וואָס, די בעשעפטיגונג איז נישט פאַר דיר, — זאָגט ראָזע, אויסטהוענדיג זיך די זאָקען, — צו דער בעשעפטיגונג בעדאַרף

מען האָבען אַ גאַנץ אַנדערען סאָרט כאַראַקטער. מען בעדאַרף וויסען ווי דערמיט זיך אומצוגעהן, אַזוי ווי איך. איך האָב מורא, אַז דו וועסט עס קיינמאָל נישט קענען.

די יונגערע האָט געשוויגען.

— דו כלה'ס זיך צופיעל מיט זיי, אַזוי ווי עס וואָלט געווען דיין חתן. איך וואָלט זיך דורך דער צייט מיט דריי אָבגעפאַרטיגט, — זאָגט די עלטערע, אויסטהוענדיג דעם צווייטען זאָק פון פוס.

— נו, איך הויב דאָך ערשט אָן, איך וועל זיך אודאי צוגעוואָהנען, — פערענטפערט זיך די יונגערע.

— איך האָב מורא, אַז נישט, צו דעם בעדאַרף מען האָבען אַ גאַנץ אַנדער סאָרט כאַראַקטער... — זאָגט די עלטערע, אויסטהוענדיג זיך דאָס קלייד.

---

### V

אין די נעכסטע פאָר וואָכען האָט ראָזע טאַקע איהר קוזינקע נישט מיטגענומען צו איהר בעשעפטיגונג. די מיידלעך האָבען געוואָהנט צוזאַמען, געגעסען צוזאַמען. דאָושע האָט אָנגעטהון ראָזע'ס האַלקעלעך און בלוזקעלעך און ראָזע האָט איהר געגעבען קליינגעלד. ראָזע האָט זיך ווייטער בעשעפטיגט ביי איהר בעשעפטיגונג, אַרויסגעגאַנגען יעדען אבענד צו איהרע בעשטעלונגען. איז נישט געווען קיין „בעשטעלונגען", איז זי געגאַנגען אויפ'ן סקווער זוכען בעשעפטיגונג, וואָס זאָל איהר און איהר קוזינע געבען אויף היונה. די קוזינקע האָט גאָרנישט נישט געטהון. ביימאָג האָבען די מיידלעך זיך געקאָכט, גענייהט, אויפגעהאָפטען זיך שענע, געשטיקטע וועש, דערצעהלען זיך מעשיות פון דער היים, לאַכען און פרעהען זיך, אָבער ביידע בייגקען נאָך עפּעס — נאָך וואָס זיי האָבען אַליין נישט געוואוסט. אַמאָל פלעגט מען אויך רעדען פון ראָזע'ס בעשעפטיגונג. ראָזע האָט איהר דערצעהלט פון די „דזשענטעלליים", מיט וועלכע זי האָט נעכטען געגעסען סאַפּער און נישט איינמאָל געמאַכט צוזאַמען דאָס געלעכטער פון זיי, דערצעהלענדיג דערביי די אינטימסטע זאַכען, אָהנע זיך עפּעס צו זשענירען, צו פערשעמען זיך, אָדער צו פיהלען, אַז זי זאָגט עפּעס נישט שעהנס...

צי דערפאַר, וואָס דאושען איז פריקרע געווען צו לעבען אויף ראָזעס חשבון, צי צוליב אַנדערע אורזאַכען — ווער קען וויסען? דאושען האָט זיך פערגלוסט צו געהן צוריק צו דער אַרבייט אין שאַפּ. און אַז ראָזע האָט געהערט דערפון, האָט זי געזאָגט צו איהר:

— וואָס פאַלט דיר איין? דאָס געזונט און לעבען אַוועקלעגען פאַר צוועלף שילינג אַ וואָך? וואָס וועסטו האָבען דערפון?

די יונגערע האָט געשוויגען אַ ווײַלע, דאַן האָט זי זיך אָפּגערופען מיט האַרץ-קלאַפּונג:

— ראָזע, ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגען... — און האָט אָפּגעהאַקט.

— וואָס ווילסטו זאָגען?

— איך גלוסט אויך נישט צו געהן צוריק אין שאַפּ

— ווער הייסט דיר דען? — זאָגט די עלטערע און שווייגט.

— און וואָס דען וועל איך טהאָן?

— וואָס זאָלסטו טהאָן?

און דאַן האָט דער געשפּרעך זיך אָפּגעהאַקט

---

אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָט ראָזע געקראָגען אַ בעשטעלונג פון אַנ'אַלטען בעקאַנטען, אַ „סטעדי קאַסטאָמער" אויף אַ „ראַנדעוואו". דער „סטעדי קאַסטאָמער" האָט זי געבעטען, אַז זי זאָל מיטבּרענגען איהרם אַ פריינדין, וואָרים ס'וועט זיין נאָך אַ „דזשענטעלמאַן", אַ פיינער מאַן, זיינס אַ פריינד. זיי וועלען זיך אַלע טרעפען אין דער „לאָבבי" פון אַ בעוואוסטען האָטעל. די פריינדין, האָט דער „סטעדי קאַסטאָמער" געבעטען, זאָל זיין אַ „נאַיִם לוקינג גורל", וואָס קען זיך „ביוזעיווען" אין אַ „סאָסייעטי". די פּאַרטי וועט האָבען סאַפּער צוזאַמען אין אַ פיינעם פּלאַץ. לאַנג האָט ראָזע געקלערט וועמען מיטצונעהמען. דאושע האָט געוואוסט פון דער פּאַרטי. דאושע האָט געהאָלפען ראָזע'ן זיך אָנצוטהאָן צו אָט דער „פּאַרטי". מיט איהר האָט זיך ראָזע מישב געווען, וועלכע קלייד זי זאָל אָנטהאָן, ווי אַזוי זי זאָל פערלאָקען איהרע האָר, ווי אַזוי זי זאָל דראַפּירען איהרע שאַלען. אָנטהועענדיג זיך, האָט ראָזע גערעדט צו זיך:

— וועמען נעהמט מען דאָס מיט?

האָט זיך דאושע אָפּגערופען אין דער שטיל, האַלב מיט געלעכטער און האַלב שעמעוודיג:

— אַז דו וואָלסט געוואָלט, וואָלט איך מיטגעגאַנגען.

— דו? — האָט זיך געוואונדערט ראָזע — עס איז נישט פאַר דיר.

— פאַרוואָס? — האָט געפרעגט די יונגע דאושע און איז רויט געוואָרען.

— מען דאַרף זיך קענען מיט דעם אומגעהן. עס איז נישט פאַר דיין כאַראַקטער.

— דו מיינסט פאַר דענסמאָל?.. איך בין געווען אַ גרינע, איך האָב נאָך ניט געוואוסט — האָט דאושע געזאָגט.

— אַז דו ווילסט דוקא מיטגעהן, קום — האָט ראָזע געזאָגט — נאָר מאַך עס שנעלער, זיי וואַרטען שוין אויף אונז.

— ראָזע „דיער“ — איז דאושע אַרויסגעפאַלען אויף ראָזעס האַלז און האָט זי אָנגעהויבען צו קושען און צו האַלזען.

— מען דאַרף זיך אָבער אָנטהאָן אַזוי, אַז זיי זאָלען די כפרה ווערען — זאָגט ראָזע און האָט אָנגעהויבען אַרויסצושלעפּען פון איהרע קאַסטענס אַלע איהרע בעהאַלטענע אוצרות, זיידענע קאָלירטע אונטער־קליידלעך, קליידער אין פערשידענע פאָרמען און מאָדעס: געהאָפטענע שפּיצען, בראַסלעטען אויירינגלעך, פּאַסקעס — און פון דעם אַלעמען אויסגעפּוצט דאושען אַזוי, אַז זי האָט טאַקע אויסגעזעהען, אַז מען האָט געקענט „פאַר איהר די כפרה ווערען“...

דער „סטעדי קאָסטאָמער“ האָט מיטגעבראַכט אַ פריינד, אַ יונגען מאַן. אַלע פיער האָבען זיך בעגעגענט אין דער „לאָבבי“ פון האָטעל. ראָזע האָט בעקענט דאושע מיטן יונגען מאַן און אַליין האָט זי גענומען איהר „סטעדי קאָסטאָמער“ אונטערן אָרעם, דענקענדיג, אַז די צווייי הינטער זיי, דאושע מיטן יונגען מאַן, וועלען זיך שוין אַן עצה געבען אַליין. ערשט ביים עסען האָט זיך ווידער אַרויסגעוויזען, אַז דאושע הויבט ווידער אָן איהרע שטיק... זיצט ביים טיי ווי אַ כלה־מיידעל, האַלט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגען צו דער ערד, גנבעט בליקען צום יונגענמאַן. אָנשטאָט זי זאָל איהם קוקען אין די אויגען און לאַכען, שעמט זי זיך פאַר איהם, ווערט רויט, בלייך... ענטפערט נישט...

דעם יונגענמאַן, זעהט־אויס, איז דאָס קליינשטעדטעלדיגע כלה־שפּיעלען פון דער גאַסען־מיידעל געפעלען און ער האָט אויך מיטגעהאָלפען שפּיעלען דאָס חתן־כלה שפּיעל. ראָזען איז עס נישט געפעלען, אָבער זי האָט זיך נישט געקענט העלפען. זי האָט געוואונקען צו דאושען, געשטופּט זי, האָט געברומט צו איהר אין אידיש. און דאושע האָט געטהאָן דאָס איהריגע, האַלטענדיג דעם קאָפּ אַראָבגעבויגען צו דער ערד, פערשעמט, מעשה כלה, נאָר שיקענדיג גנבישע בליקען אויפן יונגענמאַן.

באַלד, אָבער, האָט ראָזע אָן זיי פערגעסען. זי איז שוין געווען האַלבלעך שכור און פערנומען מיט איהר „סטעדי קאָסטאָמער". און אַז מ'האָט געהאַלטען ביים אַוועקגעהן, האָט ראָזע גענומען איהר „סטעדי קאָסטאָמער" אונטערן אָרעם און איבערלאָזענדיג די צוויי הינטער זיך, האָט זי געזאָגט מיט אַ קאָקעטיש שמייכעלע:

— זיי וועלען זיך שוין אָן עֵצה געבען אָהן אונז.

נאָר דאושע האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען און אָנגעקוקט ראָזען מיט אַזאַ געבעט, מיט אַזאַ פערצווייפעלטען בליק, ווי ראָזע וואָלט זי איבערגעלאָזט אין דער מויטען־שטוב פון אַ געפענגנים.

— וואָס איז?

— ראָזע־לעבען! — האָט זיך דאושע אָנגעהויבען צו בעטען.

— הויבסט שוין ווידער אָן צו פערשעמען מיך פאַר מענשען? האָסט נישט בעדאַרפט אָנהויבען... פערטרייבסט מיר אַלע „קאָסטאָ־מערס"... — האָט ראָזע געזאָגט בייז.

דאושע האָט געהאַלטען דאָס פּנים אַראָפּגעלאָזען צו דער ערד.

— אַ, קום! זיי וועלען זיך שוין אָן עֵצה געבען אָהן אונז — האָט געזאָגט ראָזע און איז אַוועקגעגאַנגען, איבערלאָזענדיג דאושען מיט'ן פרעמדען יונגענמאַן אַליין...

---

אויפ'ן צווייטען טאָג, ווען ראָזע איז שפּעט אַהיים געקומען אויף איהר וואָהנונג, האָט זי געפונען דאושען ליגען אין בעט, מיט דער קאָלדרע איבערגעצויגען איבער'ן קאָפּ און וויינענדיג. האָט זיך ראָזע דערשראָקען, איז צוגעלאָפען צו איהר, זיך אַוועקגעזעצט ביים ראַנד פון בעט און אַרומגענומען דאושען.

— וואָס איז דיר, וואָס? ביזט נישט געזונט?

דאושע האָט נישט געזאגט קיין איין וואָרט, נאָר איינגעגראָבען איהר פּנים אין ראָזעס ברוסט און געוויינט, און געוויינט...

— ראָזע... ראָזע־לעבען...

— וואָס איז דיר געשעהן?

דאושע האָט געהאַלטען אָבער אין איין כליפּען:

— ראָזע... ראָזע־לעבען...

— איך האָב דיר באַלד געזאָגט, אַז עס איז נישט פאַר דיר. די בעשעפטיגונג איז נישט פאַר דיין כאַראַקטער. און דו האָסט מיך נישט געוואָלט פאָלגען... — האָט ראָזע געזאָגט מיט אַ פאָרוואורף.

דאושע האָט אַ מינוט געשוויגען, דאן האט זי זיך אָפּגערופען, אין טרעהרען, נאָר טיעפער, טיעפער איינגראָבענדיג איהר קאָפּ אין ראָזע'ס בריסטען.

— ראָזע־לעבען... איך האָב דיר עפּעס וואָס צו זאָגען...

— וואָס?

— איך האָב איהם ליעב — האָט דאושע אַרויסגעוויינט.

— וועמען? — האָט זיך ראָזע געוואונדערט.

— אַלעקס'ן..

— ווער איז אַלעקס? — וואונדערט זיך ראָזע.

— דער יונגערמאַן, וואָס דיין פריינד האָט געבראַכט.

— אַ, דאָס איז אַלעס? — האָט ראָזע געלאכט — אַהאַ, דאָס איז אַלעס... כאַ־כאַ־כאַ!

דאושע האָט זי אָנגעקוקט פערוואונדערט:

— פאַרוואָס לאַכסטו?

— פאַרוואָס איך לאַך? — זאָגט ראָזע, — אונזערס איינע טאָר נישט ליעב האָבען. דאָס איז גוט פאַר „גוירלס"... אונזערס איינע האָט נישט קיין צייט זיך אַריינצולאָזען אין אַזעלכע זאַכען — היינט דאָ, מאָרגען אוים. צופיעל זיך אַריינצולאָזען מיט איינעם איז נישט גוט.

דאושע איז שטיל געוואָרען און טרויעריג. איהרע אויגען זענען געוואָרען גרעסער און טרויעריגער, און זי האָט אָנגעקוקט ראָזען.

— איך האָב אויך אַמאָל ליעב געהאַט, נאָר דאָס איז שוין געווען אַזוי לאַנג... — האָט זי געזאָגט ציהענדיג זיך פאַר שלעפעריגקייט.

און אַז דאושע האָט איהר ווידער אָנגעקוקט מיט איהרע גרויסע אויגען, האָט זי צוגעלייגט:

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז די בעשעפטיגונג איז נישט פאַר דיר. ביי דער בעשעפטיגונג טאָר מען נישט ליעב האָבען — אַ־נישט, קומט גאָרנישט אַרויס דערפון.

דאושע איז געבליבען זיצען אויפן בעט, איהרע צוויי אויגען האָבען ערגעץ־וואו געקוקט פערקלערט...

# די מלחמה מיט חיה-רייצע

**(הומארעסקע)**

## I

ווען נישט דער נאָמען חיה-רייצע, נור משפט'ן זי לויט די קליידער, וואָס זי האָט געטראָגען, וואָלט מען נישט געקענט וויסען, צו וואָס פאַר אַ געשלעכט חיה-רייצע בעלאַנגט. איהרע קליידער האָבען נישט נור געהאַט פערלאָרען זייער אָריגינעלען שנית, און מען האָט נישט געוואוסט, אויב זיי זיינען געמאַכט פאַר אַ מאַן אָדער פאַר אַ ווייב. אפילו דאָס טיכעל איבער איהר קאָפּ, וועלכעס איז שוין אַזוי געהאַט צוגעוואַקסען צו איהר פנים, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז אַ טייל דערפון — האָט אויך נישט איבריגענס אונטערגעשטראָכען איהר ווייבליכעס. די צוויי עקען פון טיכעל, וועלכע האָבען זיך נאָכגעשלעפּט נאָכ'ן קניפּ אונטער איהר גאָמבע, האָבען אויסגעזעהען ווי צוויי פערקאָלטעוואַטע שפּיצען פון אַ באָרד. די עקען פון טיכעל האָבען אַריינגעשטעקט זייערע „נעזער" אין אַלצדינג, ביי וואָס חיה-רייצע האָט זיך בעשעפטיגט. איז זי געגאַנגען פון פעסעל-הערינג אַרויסנעהמען אַ הערינג, זיינען די עקען פון טיכעל געווען פריהער אין די הערינג-ראָפּע; איז זי געגאַנגען אָנשעפּען נאַפט, האָבען זיי זיך איינגעטונקט אין נאַפט-קענדעל און אפילו אין די שיסעל מיט קליסקעלעך, וואָס זי האָט אַריינגעכאַפּט פון איין קונה צום אַנדערען, זיצענדיג אויף אַ זעקעל זאַלץ, — זיינען זיי אויך אריין, פאַרזוכענדיג, אויב די קליסקעלעך זיינען גענוג געזאַלצען.

און נישט נור זייער אָריגינעלען קאָליר און שניט האָבען געהאַט פערלאָרען איהרע קליידער — נור אויך זייער אָריגינעלען שטאָף. מען

האָט אייגענטליך נישט געקענט וויסען, צי איהרע קליידער זיינען געשניטען פון שניידער=צייג אָדער צוזאַמענגעגליט געוואָרען אויס בלעך, אָדער אַנ'אַנדערען מעטאַל. די ברייטע ספּאָדניצעס, וואָס זי האָט געטראָגען איינע אויף די אַנדערע, זענען אַזוי שטייף געווען, און די ברייטע שירץ איבער זיי האָט אַזוי געבלישצעט פון דער זאַלץ=ראָפּע, וואָס האָט זיך בעזעצט אויף איהר און זי איז געווען אַזוי בעדעקט מיט הערינג=שופּען, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז חיה=רייצע איז אַזאַ מין הערינג=חיה, וועלכע מען האָט אַרויסגעשלעפּט פון אַ הערינג=פּעסעל.

פערפינסטערט אָפּ חיה=רייצע די וועלט צווישען נאַפּט און הערינג— דערפאַר אָבער וועבט זיך פאַר איהר אַ גאָלדענער שטוהל אין גן=עדן. אַ שטוהל נישט נור אַ פוסען=בענקעל. יאָ, ביי איהר מאַן ברוך=יואל צופוסענס. חיה=רייצע האָט פון נאַפּט און הערינג=געוועלבעל נישט נור אויסגעהאַלטען איהר בידנע לעבען אויף דער וועלט, נור האָט זיך אויך אָנגעגרייט קורח'ס אוצרות אויף יענער וועלט. איהר מאַן ברוך=יואל זיצט גאַנצע טעג אין חסידים=שטיבעל און לערנט. און ווען חיה=רייצע בעזאָרגט די וועלט, בעזאָרגט דערפאַר ברוך יואל די צווייטע וועלט. און נישט נור ברוך יואל אליין. צוויי הדר=יונגלעך האַלט חיה=רייצע ביי די בעסטע מלמדים אין שטאָדט, אַ בהור, אַ וואויל לערנער, און אַ איידעם מיט אַ היתר=הוראה אין דער קעשענע. קענט איהר זיך פאָרשטעלען דאָס עשירות און די גבורות, וואָס אזעלכע פינף „קאָרפּען=קעפּ" קענען אָנגריי= טען. פון אַ גאָלדענעם שטוהל אין גן=עדן איז אָבגערעדט, גאָט אַליין וועט עס איהר אַקעגען טראָגען. אפשר אויך אַ פּלאַץ אין דער שוהל מיט די הייליגע אמהות. און וואָס בעדאַרף אַ אידענע מעהר? דאָס בידנע שטיקעלע ברויט אויף דער וועלט, און דאָס גאָלדענע פוסען=בענקעלע אויף דער צווייטער...

און דאָס אַלעס פון נאַפּט און הערינג געוועלבעל. טאַקע מען ווערט פערשוואַרצט דערביי אַ גאַנצע וואָך. די הויט פון פּנים און די הענד ווערט אויפגעפרעסען פון זאַלץ=ראָפּע, און אַז עס קומט אויף דער נאַכט, ברענט עס ווי אַ פייער. שמירט זי זיך איין מיט אַזעלכע מינים שמירעכטסען, וועלכע בייסען. און אַמאָל מאַכט זיך, אַז מען דאַרף אַליין ברענגען פון דער באַהן אַהיים אַ פעסעל נאַפּט, אָדער אַ פּאָר זעקלעך זאַלץ און מען טיל זיך איינשפּאָרען אַ פּאָר „פייעם" טראָג=געלד, שפּאַנט זיך חיה=רייצע

איין מיט אַ יונגעל פון דער גאַס אין אַ װעגעלע, און פֿילט זיך ניט אַליין אַהיים צו שלעפּען דאָס פּעסעל נאַפט, אָדער די פּאָר זעקלעך זאַלץ. טאַטע דערנאָך קרעכצט זי אַ גאַנצע נאַכט אויף איהר געלעגער: אַז זי װײס נישט װאָס פֿאַר אַ זייט טהוט איהר װעה. און ברוך יואל, װאָס שלאָפֿט אין צװייטען בעט, פֿערשטעלט מיט׳ן שפּאַנישען װענטעל, קען אויך נישט שלאָפֿען. הערט ער זי קרעכצען — קרעכצט ער אויך, און פֿרעגט איהר: „װאָט איז איהר?“ ענטפֿערט זי: „אַך, גאָר נישט“. „זאָל איך אַראָפּגעהן און אָנװאַרימען אַ שטאַרץ צוצוליעגען?“ ענטפֿערט זי: „מען דאַרף נישט, עס װעט איבערגעהן“. און האַלט זיך איין פֿון קרעכצען, כדי ער זאָל ניט האָבען שברי־לב.

און עס קומט דער װינטער, דער פֿראָסט ברענט און די הענט יעדעס מאָל אין פּייכטען, װײַל דאָ שטעקט זי זיי אַריין אין פּעסעל הערינג און דאָ האַלט זי זיי אין טונדעל נאַפּט — און דערנאָך װערען זיי בעשאָטען מיט זאַלץ — די הויט שיילט זיך, װערט געפּלאַצט — און דאָס רויהע פֿלייש ברענט פֿון זאַלץ. אָבער װער האָט צייט צום קלערען װעגען דעם? זי האָט קליינע קינדער צום דערנעהרען, און ס׳מאַכט זיך אַ מאָל, אַז מען דאַרף פֿון קעלער אַרױפֿקייקלען אַ פּעסעלע הערינג, װעט זי דאָך נישט געהן רופֿען ברוך יואל׳ן, אַז ער זאָל איבער איהר באַלמוטשען פֿון לערנען (װאָס איז איהר גאַנצער האַנדעל, מ׳שטיינס געזאָגט, װערט געגען איין װאָרט פֿון זיין תורה?) אָדער זי װעט דאָך אויך נישט געהמען אַ „זעקסער“ און אַרױסװאַרפֿען פֿאַר אַ טרעגער. װאָס אַ נגידית׳טע איז זי? זי האָט דען נישט קיין קינדער אין חדר, פֿאַר װעלכע זי דאַרף מלמד־געלד צאָהלען? פֿילט זיך נישט חיה־רייצע און שפּאַרט אַליין אונטער איהר ברוסט און אָרימס און קייקעלט אַליין אַרויף דאָס פּעסעלע הערינג פֿון קעלער אין געװעלב אַריין. טאַקע ביינאַכט קרעכצט זי, „אַז זי װײס נישט פֿאַר װאָס איהר „האַרץ־ברעטעל“ טהוט װיי — אָבער אַ „זעקסער“ פֿאַר׳ן טרעגער האָט זי אַ געפֿונענעם. געליבט צו גאָט, חיה־רייצע „פֿיהרט אױס איהר װעלט“. אַ שטיקעל ברויט מיט אַ טעלער קליסקעלעך פֿאַר איהר מיט די חדר־אינגלעך יעדען אָבענד, פֿיש און פֿלייש אויף יעדען שבת, מלמד־געלד פֿאַר די אינגלעך. און דער עיקר, דער עיקר, דאָס גאָלדענע פֿיסען־בענקעלע װעבט זיך אין גן־עדן...

איך װײס נישט, צי עס איז געװען דאָס שטיקעלע ברויט אויף

דער וועלט, צי דאָס נאָלדענע פוסען־בענקעלע אויף יענער וועלט וואָס האָט דעם „ליכטיגען־פיעל־מעכטיגען“ פאַן שווישינסקי ניט געלאָזט רוהען. יעדעם מאָל, ווען דער פאַן איז דורכגעגאַנגען דעם אַלטען מאַרק און ער האָט בעמערקט די פויערשע פוהרען, וואָס שטעהען פאַר חיה־רייצעס געוועלבעל, און חיה־רייצע מיט איהר בלעכענע, שופּען־בעשפּריצטע שערץ, מיט דעם טיכעל מיט'ן קניפּ אונטער דער גאָמבע, איז בעשעפטיגט ביי די הערינג — האָט דאָס זיין האַרץ צובראָכען. דער פאַן האָט זיך אָבגעשטעלט, אונטערגעלעהנט זיך אויף זיין דיקען שטעקען, אַ פּאָר מאָל מיט די פינגער דורכגעצויגען די לאַנגע געלע וואָנסעס, און געקרייזעלט זיי ביי די עקען. זיינע דיקע אַראָפּהענגענדיגע באַקען, וועלכע זיינען בעקליידעט געווען מיט שטעכעדיגע חזיר־האָריגע באַקען־בערד, זיינען אָנגעלאָפען געוואָרען מיט בלוט און רויט געוואָרען. די הויכע געלבע ברעמען איבער די אויגען האָבען זיך אויפגעשטעלט, און די שוואַרץ־אַפּלען פון זיינע קאַרע אויגען זיינען קלענער געוואָרען און גלאַנצענדיגער. אַזוי איז ער געשטאַנען אַ לאַנגע ווייל און בעטראַכט חיה־רייצען מיט איהר געוועלבעל; נאָכגעקוקט און געזעהן ווי חיה־רייצע שלעפּט אַרויס פון איהר געוועלבעל די הערינג, דעם נאַפט, די זעקלעך זאַלץ און פּאַקט זיי אויף אויף די פויערשע פוהרען. דער פאַן האָט געשאָקעלט דערויף מיט'ן קאָפּ, אַזוי ווי חיה־רייצע וואָלט בעגאַנגען דעם גרעסטען פערברעכען. ענדליך האָט ער אויסגעשפּיגען און איז אַוועק־געגאַנגען מיט אַ צובראָכען האַרץ און געברומט צווישען די דיקע וואָנסעס:

— אָנגעזעצט זיך אויף פוילען ווי אַ קרענק אַ שלעכטע, פערקויפט די פויערים נאַפט מיט הערינג — און איד, אַ פּוילישער שלאַכטשיץ, מוז דאָס צוזעהן און שווייגען.

קיינער האָט נישט געוואוסט פון וואָס דער פאַן שווישינסקי ציהט זיין היונה. קיינמאָל האָט מען איהם נישט געזעהן טהאָן עפּעס, אָדער זיין בעשעפטיגט ביי עפּעס. אַלצדינג וואָס מען האָט געזעהן פון שווישינ־סקי'ן — איז געווען, אַז ער האָט זיך יעדען טאָג אין פריהמאָרגען אַרויף און אַראָפּגעדרעהט איבער די גאַסען פון שטעדטעל מיט זיין פריינד דעם „אַסעסאָר“ — די הענד פערלייגט אויפ'ן הינטען און בעקוקט דאָס שטעדטעל, אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען רעוויזאָרען. איין בעשעפטיגונג האָט ער יאָ געהאַט — ער איז געווען אַ „פּייער־לעשער“. און אַז ס'איז

געוועז א פאראד פון די פייער־לעשערס, און מען האט די „שפריצערס״ איבער די גאסען פון שטעדטעל געפיהרט — איז פאן שווישינסקי געוועז א גאנצער „נאטשעלניק״. אנגעטהאן אין א גרויסער פינקעלדיגער מעששענער קאסקע אויפ׳ן קאפ, האט ער פאראדירט איבער די גאסען פון שטעדטעל א טאג צו פריהער איידער דער פאראד איז געוועז און א טאג נאך „יום טוב״. ווען די „פייער־לעשערס״ זענען שוין געווארען אויס פייער־לעשערס און זיינען צוריק געווארען, ווער א שוסטער און ווער א וואסער־טרעגער, ווער א שיכור און ווער א גנב — פאן שווישינסקי אבער דרעהט זיך נאך ארום אין די בלויע בלוזקע מיט די מעששענע קנעפ און די מעששענע קאסקע אויפ׳ן קאפ מיט דעם העקעל ביי דער זייט. וואס פאר א געלעגענהייט עס האט זיך נאר געמאכט אין שטעדטעל, א ביסקופ איז געקומען צו פאהרען אין דער שטאדט־קירכע, א נאטשאלניק איז דורכגעפאהרען, דאס וואסעריל, וואס פליסט אונטער׳ן שטעדטעל האט זיך צובייזערט און אבגעריסען דאס בריקעל, זעלנער זיינען געקומען אין שטאדט אריין, — מיט איין ווארט, וואס עס האט זיך נאר געמאכט האט זיך באלד פאן שווישינסקי אנגעטהאן די מעששענע קאסקע אויפ׳ן קאפ און האט פאראדירט איבער די גאסען פון שטעדטעל מיט׳ן העקעל אין א זייט. אבער קיינמאל האט מען נישט געזעהן דעם פאן שווישינסקי טהאן עפעס, זייענדיג בעשעפטיגט ביי עפעס — און קיינער האט נישט געוואוסט, פון וואס דער פאן ציהט זיין חיונה.

— קענסט מיר נישט זאגען, נטע — פון וו_גען לעבט ער, דער פאן שווישינסקי — פלעגט זיך יעדעס מאל אנרופען חיים בעקער, אנגעטאן אין זיינע בעמעלטע הויזען, שטעהענדיג אויף דער שוועל פון זיין געוועלבעל, צו נטע קרעמער, וואס איז אויך געשטאנען אויף דער שוועל פון זיין געוועלבעל, ווען זיי האבען דעם פאן געזעהן אדורכגעהן אין זיין פייער־קאסקע.

— יענער איז א גרויסער פריץ, א פייער־לעשער, א גאנצער נאטשאלניק — און דו פרעגסט פון וואנען ער לעבט — האט איהם דערויף נטע אבגעענטפערט, קראצענדיג זיך אין בערדעל.

און אזוי ווי פאן שווישינסקי, אזוי איז אויך געוועז זיין קאמפאניאן, דער פאן פיעסאקי, וועלכער האט געקראגען דעם נישט זעהר קלארען טיטול פון „אסעסאר״. קיינער האט נישט געוואוסט, וואס דער טיטול

בעדייט און פאַר וואָס ער האָט איהם געקראָגען. דאָס שטעדטעל האָט דיביידע פאַנעם גערופען: „מלך אביון עט קאָמפּ.“. נאָר מען האָט נישט געוואוסט, וועלכער עס איז דער „מלך אביון“ און וועלכער עס איז דער „עט קאָמפּ.“. פאַן פּיעסאָסקי, פּונקט אַזוי ווי זיין פריינד שווישינסקי, האָט אויך נישט געהאַט קיין בעשטימטע פּראָפעסיע, און מען האָט אויך נישט געוואוסט גאַנץ גענוי, פון וואָס ער ציהט זיין חיונה און וואָס זיין בעשעפטיגונג איז. נאָר פאַן פּיעסאָסקי האָט געהאַט אַ טיטול, און האָט אויף דעם טיטול געוואָלט באָרגען ביי די אידען געלד. און יעדעס מאָל, ווען עוזר דער מלוה האָט איהם אָפּגעזאָגט, שווערענדיג ביי זיינע פּיאות, אַז ער האָט נישט קיין באַרעס געלט, איז דער אַסעסאָר בייז געוואָרען און האָט אָנגעהויבען צו שרייען: וואָס, מיר אַנ'אַסעסאָר, אַ קעניגליכען אַסעסאָר וואַגסטו אָפּצוזאָגען, — ווייסטו וואָס אַנ'אַסעסאָר איז? נאָר עוזר'ל דער מלוה האָט נישט געוואוסט וואָס אַנ'„אַסעסאָר“ איז, און דורך דעם האָט ער זיך אויך נישט געשראָקען פאַר'ן פאַן. אָבער אַחוץ דעם טיטול איז אין אַלע אַנדערע זאַכען דער פאַן פּיעסאָסקי גלייך געווען צום פאַן שווישינסקי. און האָט פאַן שווישינסקי געהאַט אַ מעשענע קאַסקע, אין וועלכער צו פּאַראַדירען, האָט דערפאַר דער פאַן פּיעסאָסקי געהאַט אַ בלויען „פראַק“ מיט מעדאַלען. און אַז עס איז געקומען אַ יום=טוב אין שטעדטעל, האָט זיך דער פאַן פּיעסאָסקי אָנגעטאָן זיין בלויען ראָק מיט סאַמטענע לאַמפּאַסען, און צווייפעלהאַפטע מעדאַלען פון צווייפעל=האַפטען מעטאַל האָבען בעקליידט זיין ברוסט, און עפּעס אַ „נאַפּאָ=לעאָניש“ היטעל האָט בעציערט זיין קאָפּ און האָט מיט זיין פריינד פאַן שווישינסקי אין די מעשענע קאַסקע פּאַראַדירט איבער די גאַסען. און האָט דער פאַן שווישינסקי געהאַט אַ שטעקען, האָט דערפאַר אָבער דער פאַן פּיעסאָסקי געהאַט אַ הונד מיט אַ קורץ אונטערגעהאַקט עקעל און אויך ווי זיין הער אַ קורץ אונטערגעשוירען נעזעל, אַ פּורעל אַנ'אַלטען. ביידע, דער הער און הונד, האָבען ליעב געהאַט צו פּאָמאַדירען זיך די האָר מיט פעטע דיקע פּאָמאַדע. און ווען זיי זיינען ביידע אַרויסגעקומען אין פריה=מאָרגען אין געסעל, אָבפּאָמאַדירט די האָר, האָט זיך געקליבען אַרום זיי אַ וואָלקען פון פליגען, מוקען און אַלע אַנדערע געפליגעל, וואָס האָבען זעהר ליעב דעם זיסען טעם פון פּאָמאַדע. און דער פאַן פּיעסאָסקי האָט געפיהרט מיט זיי אַ מלחמה מיט זיין סאָלירט טאַשען=טיכעל, און

ווען ער האָט מיט זיין קאָלירט טאַשען־טיכעל אָוועקגעטריבען די פליגען פון זיינע פּאָמאַדירטע האָר, האָט ער דאָס אויך שוין איינצייטיג געטאָן פאַר זיין הונד, — פאַר וואָס דער הונד איז איהם זעהר דאַנקבאַר געוועז, ווייל ער האָט נישט מעהר געהאַט קיין עק, מיט וועלכען אוועקצוטרייבען די פליגען.

דיביידע פאַנעם פלעגען זיך טרעפען יעדען פריה־מאָרגען פאַר דער טיר פון ראטה־הויז, פון וואַנען זיי האָבען אָנגעהויבען צו מאַכען זייער אונטערזוכונגס־טור איבער'ן שטעדטעל.

— מיט'ן שטערן אין דער ערד פאַר דעם פיעל־מעכטיגען פאַן אַסעסאָר, — האָט בעגריסט דער פאַן שווישינסקי דעם פאַן פיעסאָסקי מיט אַ טיעפען בויג צו דער ערד, און מיט אַ זשעסט מיט דער האַנד.

— דער דיענער פון דעם לייכטענדען פיעל־מעכטיגען פאַן שווי־שינסקי — האָט איהם דער צווייטער אָפּגעגעבען מיט אַ בויג און מיט אַ זשעסט.

— ווי פיהלט זיך דער פאַן אַסעסאָר היינט? ווי איז ער גע־שלאָפען? האָט ער געטרוימט אָנגענעהמע חלומות? האָט איהם דאָס פרישטיק געשמעקט? — האָט דער פאַן שווישינסקי געפרעגט דעם פאַן פיעסאָסקי.

דערויף האָט דער פאַן נישט אָפּגעענטפערט, נאָר צוריקגעצאָהלט מיט אַ פראַגע:

— און וואָס מאַכט דאָס טויבען־קעפעל, די ערליכע מאַדאַם, דיין ווייבעל? איך קוש איהר הענטעל און פיסעל.

דאָס איז אָבער נאָך גאָר נישט געוועזן, ווען מען האָט געדאַרפט מאַכען דעם ערשטען טריט.

איינער האָט דעם אַנדערען אָנגעבאָטען, אַז ער זאָל דער ערשטער אָנהויבען צו געהן.

— פּראָשע פאַנאַ! — האָט פאַן שווישינסקי זיך פערבויגען פאַר'ן פאַן פיעסאָסקי און געוויזען איהם מיט אַ זשעסט, אַז ער זאָל דער ערשטער טרעטען אַ טריט.

— אָ ניין, ניין, ערשט נאָך דעם פאַן — פּראָשע פאַנאַ, — האָט דער צווייטער זיך פערבויגען פאַר'ן ערשטען.

— אַ ניין, דער פּאַן אַסעסאָר איז עלטער — און איהם קומט דער האָנאָר — פּראָשע פּאַנאַ!

— ניין. פּראָשע פּאַנאַ!

עס האָט געדויערט אַ היבשע ווײלע, ביז די ביידע פּאַנעס האָבען ביידע צוזאַמען מיט אַמאָל געמאַכט דעם ערשטען טריט, און אָנגעהויבען זייער רונד איבער'ן שטעדטעל.

דעם ערשטען, וואָס זיי האָבען אָנגעטראָפען, איז געווען לייבעל דאָרפסגעהער, וועלכער האָט געשלעפּט אַ קעלבעל פון דאָרף. דאָס קעלבעל וויל נישט געהן און לייבעל האָט עס געכאַפּט אויף זיינע פּלייצעס. דער איד איז געווען אָפּגעהעשעט, געבאָדען זיך אין שווייס. די אַנגסטען זענען איהם גערונען פון הינטערן היטעל און פייכט געמאַכט דאָס פּנים. געזעהן אַזעלכע צוויי וואַזשנע פּאַנעס, איז ער אַראָפּ פון וועג און האָט נאָך צייט געהאַט מיט איין האַנד דאָס היטעל צו ציהען פאַר זיי מיט מורא.

ביידע פּאַנעס האָבען זיך אָפּגעשטעלט און נאָכגעקוקט לייבלען:

— זעהט דער פּאַן, שלעפּט ער אונזער קעלבעל פון אונזער פוילען.

— און ווער? אַ איד.

— צום אידישען שוחט וועט ער עס אַוודאי שלעפּען, דאָס אָרימע קעלבעל, שחט'ען עס, אַז די אידען זאָלען האָבען פלייש אויף שבת.

— און מיר צוויי פּוילישע שליאַכציצעס זאָלען דאָס צוזעהן, ווי דער איד שלעפּט אונזער קעלבעל, פון אונזער פוילען, אויפצועסען פאַר די אידען אויף שבת — צוזעהן און שווייגען, — האָבען ביידע געקרעכצט.

נאָר פּלוצים זיינען זיי שטעהן געבליבען און האָבען ווייטער נישט געקענט געהן — אַ גרויסע אייזערנע באַלקע האָט זיי פערשטעלט דעם וועג.

— און דאָס וואָס איז? ווי אַזוי וואַגט ער דאָס? מיר פּוילישע שליאַכטשיצעס.

זעליגעל אייזען־סוחר האָט מיט אַ פויער אַרויסגעשלעפּט אַ גרויס שטיק אייזען פון געוועלב אַרוים און געהאָלפען אויפלעגען אויפ'ן גוי'ס פוהר. אונטער דעם לאַסט פון אייזען האָט זעליגעל אָפּירגעשמייכעלט מיט זיין שפּיציג בערדעל און געבעטען „וויבאַטשעניע“ פון די „פּאַנעס“ פאַר־וואָס ער האָט זיי פערשטעלט דעם וועג. די פּאַנעס האָבען זיך אָפּגע־

שמעלט, זייערע פּנימער מיט זייערע קאַרקען זיינען אָנגעלאָפען מיט בלוט און ביידע מיט אַמאָל האָבען אָנגעהויבען צו שרייען צום איד:

— זעהסט נישט, איד, ווער דאָ געהט, ווי אַזוי וואַגסט דו?

דער איד מיט'ן גוי האָבען געלאָזט פאַלען דאָס אייזען אויף דער ערד, דער איד האָט געהאַלטען אין איין ציהען דאָס היטעל, און געבעטען „וויבאַטשעניע". און דער פויער האָט געקושט די פאָלעס פון די פאַנעס.

פאַן פיעסאָצקי האָט אַרויסגענומען זיין קאָליערט טאַשען־טיכעל, אָבגעשטויבט זיך, אַוועקגעיאָגט די מחנה פליגען פון זיין פּאָמאַדירטען קאָפּ, אַוועקגעיאָגט די פליגען פון אַרום הונד'ס נעזעל און האָט זיך אָנגערופען:

— איך זאָג דיר, ליכטיגער פּאַן, אַז מיין קריסטען־געדולד פּלאַצט מיר, ווען איך זעה, ווי די אידען האָבען איינגענומען פּוילען.

— אין מיר, ליכטיגער פאַן, האָט שוין לענגס געפּלאַצט — האָט דער פאַן שווישינסקי צוגעלייגט.

נאָר זייער געדולד האָט ערשט רעכט אָנגעהויבען צו פּלאַצען, ווען זיי זיינען צוגעקומען צו היה־רייצעס הערינג־געוועלבעל און געזעהן די פויערשע פוהרען פאַר'ן געוועלבעל.

— זאָל דער פאַן אַסעסאָר אַריינקוקען — אַ פולע געוועלבעל מיט פויערים, אונזערע פויערים. איז געקומען אַ פרעמדער און נעמט אונז אַוועק די פויערים, פערקויפט פאַר זיי נאַפט, הערינג, זאַלץ, נאָגט אויס דאָס בלוט פון די אָרימע פויערים. אונזער פוילען, אונזער הערינג — און ס'קומט אַ פרעמדער און נעהמט עס אַלעס אַוועק פון אונז.

— און מיר, צוויי פוילישע שליאַכטיציעס, שטעהען און קוקען דאָס צו און שווייגען.

— איך האָב שוין לענגס געזאָגט, מיר מוזען זיך אָרגאַניזירען. מיר מוזען עפּעס טהאָן. מיר טאָרען עס ניט צולאָזען. די גאַנצע „אויטשיזנע" איז אין געפאַהר.

— זאָל דער „יאַסנאַוועלמאָזשני פאַן" זאָגען וואָס מען קאָן טהאָן.

— וואָס מען קאָן טהאָן? — ענטפערט דער פאַן שווישינסקי. — דער הערליכער „אַסעסאָר" קוקט־אָן די אידענע, מיינט ער, אַז דאָס איז אַ פּראָסטע הערינג־אידענע? זי איז אַנ'אַגענט פון ראָטשילד'ען. דער גאַנצער „קאַהאַל" שטעהט הינטער אהיר. די אינטערנאַציאָנאַלע אידישע

פינאנסיסטען מיט ראָטשילד'ען אָן דער שפּיץ פינאַנסירען איהר געשעפט פון נאַפט און הערינג. יאָ, יאָ, אַזוי איז עס. ער ווייס עס, אַליין אין די פּוילישע ציימונגען געלעזען... אויסצוזאָגען דאָס בלוט פון פּוילישען פּויער.. און אַזוי ווי די אידען טהוען, מוזען מיר אויך טאָן. מיר מוזען זיך האַלטען אינאיינעם, אָרגאַניזירען זיך אין אַ פּוילישער קריסטליכער, קאַטוילישער „ספּולקע". מיר מוזען אַוועקנעהמען פון דער אידענע די פּויערים. מיר ווילען פערקויפען נאַפט און הערינג פאַר די פּוילישע קאַטוילישע פּויערים, מיט אַ פּוילישע מאָס, נישט מיט אַ אידישע.

— וואָס? דער ליכטיגער, פּיעל־מעכטיגער פּאַן וועט פערקויפען נאַפט און הערינג? — פרעגט דער פּאַן פּיעסאָסקי.

— יאָ, יאָ, פאַר פּוילען וועל איך אַלץ טאָן, צו ראַטעווען די „אויטשיזנע" פון די אידישע פינאַנסירען. וועט עס דער ליכטיגער פּאַן אָסעסאָר נישט טהאָן פאַר פּוילען?

— אָ, געוויס וועט ער עס טהאָן. פאַר פּוילען וועט ער אַלצדינג טהאָן. אפילו מיט נאַפט און הערינג האַנדלען.

— סלאָוואָ האָנאָרו!

— סלאָוואָ האָנאָרו!

— אַזוי רעדט אַ פּאָליאַק, פאַר דער פּויליש גלאָריע — פאַר די אויטשיזנע.

— מיט נאַפט און הערינג!

— לאָמיר זיך ליעבען, ברודער!

— מיר ליבען זיך, ברודער!

און ביידע פּאַנעס זיינען געפאַלען איינער אויף דעם צווייטענס האַלז און האָבען זיך צוקושט.

II

דיביידע פּאַנעס זענען אַרומגעגאַנגען אין דער שטאָדט און געקליבען אונטערשריפטען פון גלח, פון דאָקטאָר און פון אַנדערע אָנגע־זעהענע פּוילישע „אָביוואַטעלעס", און אַוועקגעשריבען אַ בריעף אין דער גרויסער שטאָדט צו דער געזעלשאַפט צו „קעמפּפען געגען אידישען

האַנדעל", אַז מען זאָל אויפעפענען אין דער שטאָדט אַ פּויליש קריסטליך־קאַטוילישען געשעפט פון נאַפט און הערינג.

עס איז אַראָפּגעקומען אַ פּוילישער אַגיטאַטאָר אין שטעדטעל אַריין, פּעררופען אַ פערזאַמלונג ביים דאָקטאָר אין שטוב. און דער גורל איז געפאַלען צו קעמפען געגען חיה־רייצע'ן. פאַרוואָס דוקא חיה־רייצעס געוועלבעל פון נאַפט און הערינג איז זיי געשטאַנען אין די אויגען? עס איז געווען דערפאַר, ווייל פאַן שווישינסקי האָט אַזוי אַלעמען איבערצייגט אויף דער פערזאַמלונג, אַז היגטער דער אידענע חיה־רייצע שטעהט ראָטשילד. און די געזעלשאַפט האָט געוואָלט דורך דער הערינג־אידענע געבען אַ טויט־קלאַפּ „דעם גאַנצען אידישען אינטערנאַציאָנאַלען פינאַנס". ס'איז געבליבען, אַז דאָס ערשטע איז צו קעמפען געגען דער הערינג־אידענע, אויפצועפענען אַ פּויליש קריסטליך־קאַטויליש געשעפט פון נאַפט און הערינג. אוןביידע „ליכטיגע פּיעל־מעכטיגע" פּאַנעס — פּאַן שווישינסקי מיט'ן „אַסעסאָר" — האָבען זיך אונטערגענומען פאַר דער „גלאָריע פון פּוילען" אַליין צו שטעהן אין געשעפט און צו פערקויפען נאַפט און הערינג, פאַר וואָס אַלע האָבען בעוואונדערט זייער מוט און בעגליקווינשט זיי און בעטראַכט זיי פאַר העלדען. די דאַמען האָבען זיי געפּאַטשט „בראַוואָ" און די פּאַנעס האָבען געשריען: „ניעך זשיִנֶ". און פּאַן שווישינסקי און דער „אַסעסאָר" האָבען זיך פערגייגט מיט עכטען פּוילישען זשעסט און מיט ריטערליכען מוט, ווי זיי וואָלטען געגאַנגען אין אַ גרויסער שלאַכט.

דער גלח פון שטעדטעל איז געוואָרען דער ערשטער האָנאָראָווער פּרעזעס פון „דער פּוילישער קריסטליכער קאַטוילישער געזעלשאַפט פון נאַפט און הערינג". דער דאָקטאָר — דער צווייטער האָנאָראָווער פּרעזעס. דער אַפּטייקער — דער ערשטער פּרעזעס, דער שרייבער אין מאַגיסטראַט — דער צווייטער פּרעזעס. פּאַן שווישינסקי — ערשטער דירעקטאָר, פּאַן פּיעסאָסקי — צווייטער דירעקטאָר. אַזוי איז אַוועקגעגאַנגען אַ רייהע פון טיטולען, פון „פּרעזעסען", „דירעקטאָרען" און אונטער־„סעקרעטאַרען" ביז צום לעצטען שוסטער־שגץ. אַלע גוים פון שטעדטעל האָבען געקראָגען טיטולען פון דער געזעלשאַפט. דער גלח מיט דעם דאָקטאָר זיינען אריינגעפאָהרען אין דער גרויסער שטאָדט און געווענדעט זיך צו דער באַנק פון „אונטערשטיצען דעם פּוילישען האַנדעל" מיט

אַנ'אויספיהרליכען און לאַנגען בעריכט וועגען דער אידענע חיה־רייצע, וואָס שטעהט אין פערבינדונג מיט אַלע אינטערנאַציאָנאַלע אידישע פינאַנסיסטען פון דער גאַנצער וועלט, אַנצופיהרען אַ האַנדעל מיט נאַפט און הערינג פאַר די פויליש־קאַטוילישע פויערים, פון וועלכע זי צאַפּט אוים דאָס בלוט און די גאַנצע „אויטשיזנע" שטעהט אין געפאַהר און־טערצוגעהן צוליעב דער אידענע. דעריבער בעטען זיי פון דער באַנק דעם גויטיגען קרעדיט פאַר דער געזעלשאַפט, צו ראַטעווען דעם פוילישען האַנדעל פון אידישע הענד און צו געבען אַ טויט־קלאַפּ דעם „אידישען קאַפּיטאַל". — וואָס די באַנק האָט זיי גאַמירליך בעוויליגט.

אין די פוילישע צייטונגען האָט מען געשריבען וועגען דער גרויסער געפאַהר, וואָס שטעהט־פאַר דער פוילישער נאַציע פון דער הערינג־אידענע חיה־רייצע, וואָס איז אין פערבינדונג מיט ראָטשילד'ן און אויפגעפאָדערט די געזעלשאַפט צו וועהרען זיך געגען איהר. און דער גלח פון שטעדטעל האָט יעדען זונטאָג דרשות געהאַלטען אין דער קירך פאַר די פויערים, און געשראָקען זיי מיט'ן גיהנום און מיט'ן טייוועל, און מיט טריקעניש און מיט הונגער, ווען זיי וועלען קויפען ביי די אידענע חיה־רייצע. און דאַגעגען האָט ער פערשפּראָכען דאָס „הימעל־רייך" און פערגעבונג פון אַלע זינד — און די ברכה פון הייליגען פאַפּסט, מיט אַלע הייליגע — ווען זיי וועלען קויפען נאַפט און הערינג ביי די „פּוילישע קריסטליכע קאַטוי־לישע געזעלשאַפט".

חיה־רייצע האָט גאָר נישט געזאָגט. זי איז נישט געפאָהרען אין דער גרויסער שטאָדט אַריין. זי האָט נישט געהאַט צו וועמען צו פאָהרען. נור ג'ין אבענד, אַז זי האָט געזעהן איהרע צוויי חדר־אינגלעך זיצען מיט'ן טאַטען ביי דער גמרא און לערנען — האָט זי זיך די גאַנצע זאָרג פון נאַפט און הערינג פון קאָפּ אַרויסגעשלאָגען. און קוקענדיי אויף איהרע צוויי לעהרען־קינדער, האָט זי צו זיך געזאָגט:

— גאָט וועט מיך נישט פערלאָזען, אין זייער זכות.

און אַז ווער פון די אידען אין גאַס זיינען צוגעקומען צו איהר און געמאַכט מיט איהר אַ שמועס, און געפרעגט זי:

— אויב זי ווייס פון די „שוואַרצע וואָלקענס", וואָס ציהען זיך איבער איהר קאָפּ?

האָט זי געענטפער'ט:

— איך האָב נישט וואָס צו שרעקען זיך. איך האָב אַ שטאַרקען צד ביים טיש. איך האָב חדר=אינגלעך צו דערנעהרען...

---

III

אין טאָג, וואָס מען האָט אויפגעעפענט דאָס געוועלב פון די „פוילישע קריסטליכע קאָטוילישע געזעלשאַפט פון נאָפט און הערינג“, איז געווען אַ גרויסע חגא אין שטאָדט. דער קירכען=גלאָק האָט געקלונגען פון פריה=מאָרגענס אָן און האָט גערופען די גוים אין קירכע אריין. דאָרט האָט דער גלח אָבגעהאַלטען אַ געבעט, און געבעטען פון גאָט „נצחון פאַר פוילען עגגען איהר פיינד חיה=רייצע“. דערנאָך איז מען אַוועק מיט קירכליכע פאָהנען און הייליגע בילדער פאַר דעם „נאָפט מיט הערינג“ געוועלב, וואָס איז געווען געגענאיבער חיה=רייצע'ס געוועלבעל. דאָס געוועלב פון דער פוילישער געזעלשאַפט איז געווען בעהאַנגען מיט פוילישע פאָהנען, און מיט קריסטליכע פאָהנען. די שילד פון געוועלב איז געווען בעמאָלט מיט'ן הייליגען בילד פון די „מאַטקע באָסקע“ און מיט יעזוס'עס בילד, ווי זיי שטעהען און טייטלען מיט די פינגער אויף אַ הערינג מיט אַ קאַן נאַפט, און ווייזען=אָן פון זייער הימלישען טראָהן, „אַז נור דאָ זאָל מען קויפען נאַפט און הערינג“.

דער גלח האָט בעשפריצט דאָס געוועלב מיט הייליג וואַסער און אַלע פוילישע אָביוואַטעלעס האָבען געקניעט און געבעטען פאַר נצחון אויף פוילען.

און געגענאיבער דער גאַנצער צערעמאָניע איז געשטאַנען חיה=רייצע פאַר איהר נאַפט=געוועלבעל, מיט דעם טיכעל פערבונדען איבער'ן קאָפ, מיט די צוויי שפיצען פון טיכעל אונטער איהר געמבע און מיט דער בלעכענער שירץ, פערלייגט די הענד, און האָט זיך געטראַכט: „איך האָב חדר=יונגלעך צו דערנעהרען“.

דער ערשטער „פּרעזעס“, און דער צווייטער האָנאָראָווער פרעזעס, און דער ערשטער דירעקטאָר און דער צווייטער דירעקטאָר, און דער ערשטער האָנאָראָווער סעקרעטאַר, און דער צווייטער האָנאָראָווער סעקרע=טאַר זענען געזעסען אויף שטוהלען און האָבען אָפּגעוואַרט דעם ערשטען קונה, וואָס וועט אַריינקומען קויפען.

דער ערשטיער קונה, וואָס איז אַריינגעקומען אין קריסטליכען קאַטוי־לישען געוועלב, איז געווען, ווי עס איז געווען צו ערוואַרטען, מאַנקע „די שיקסע“, וועלכע מען האָט גערופען אין שטעדטעל מיט דעם נאָמען נישט אָהן געניגענדע אורזאַכען. זי איז געווען אָנגעפודערט און אויפגעקעמט צו דעם פּאַראַד, און מיט דעם אויסגעשנימעצטעם קאַפּטענדעל — זי איז געקומען קויפען אַ קוואַרט נאַפט און צוויי הערינג. קיינער האָט נישט געוואוסט צו וואָס זי בעדאַרף די נאַפט. קיין הויז האָט זי נישט געהאַט. נור געקומען אַ מצוה טהאָן. — „איך קויף נור שטענדיג אין קאַטוילישע געוועלבער. אַליין אַ קאַטוילישקע געה איך צו קאַטויליקען. יעדער צו ס'זייניגע“ — האָט זי געזאָגט צו די אָביוואַטעלעם. כאָטש אַלע האָבען געוואוסט, אַז אין איהרע אייגענע געשעפטען היט זי נישט זעהר אָב דעם פּרינציפּ, און מאַכט נישט קיין גרויסען חילוק צווישען איד און קריסט...

— אַזוי בעדאַרף זיין, אַנ'אמת'ע קאַטוילישע נשמה — האָט דער גלח און דער דאָקטאָר און אַלע אַנדערע פּוילישע בעלי בתים געדריקט איהר די האַנד דערפאַר.

די פערקויפערס פון „פּוילישען קאַטוילישען קריסטליכען“ געוועלב זיינען געווען: דער „ערשטער דירעקטאָר“ פּאַן אַסעסאָר פּיעסאָצקי און דער צווייטער דירעקטאָר פּאַן שווישינסקי. דער פּאַן שווישינסקי איז גע־קומען אָנגעטהאָן אין זיין פייער־לעשער־אוניפאָרם; מיט די בלישצענדע מעשענע קאַסקע אויפ'ן קאָפּ, האָט ער אויסגעזעהן ווי אַנ'אויסגעדיענטער סאָלדאַט פון צעזאַר'ס לעגיאָן. דער „אַסעסאָר“ איז געקומען אין אַ פראַק פון אַ ציוויל־בעאַמטען, בעהאַנגען מיט מעדאַלען, וואָס אַ טייל פון זיי זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבען וועניג פּלאַץ איבערגעלאָזט פאַר די אַנדערע, פאַר די קלענערע. און אַז ס'איז געקומען דערצו צו געבען מאַנקע'ן די צוויי הערינג, האָבען זיך ביידע איינער דעם אַנדערען דערמיט מכבד געווען, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ קעניגליכער עהרע.

— פּראָשע פּאַנאַ — האָט פּאַן שווישינסקי געבויגען זיך און גע־וויזען מיט דער האַנד צום פּאַן אַסעסאָר.

— פּראָשע פּאַנאַ — האָט דער צווייטער זיך געבויגען פאַר איהם.

— נו, נו, נאָך דיר. דער פּאַן אַסעסאָר איז עלטער פון מיר, קומט איהם די עהרע.

אַזוי האָבען זיי זיך ווידער אָבגעדונגען מיט „פּראָשע פּאַנאַ“

אַ היבשע ווײַלע, ביז אײנער פון זײ, פֿאַן שװישינסקי, האָט געקראָגען דעם כבוד אַרויסצוגעהמען די ערשטע הערינג פון פעסעל, און דער פֿאַן אַסעסאָר אָנצוגיסען די ערשטע קוואָרט נאַפּט.

נור ווען דער „ליכטיגער, פּיעל־מעכטיגער“ פֿאַן שװישינסקי איז צוגעקומען צו דעם פעסעל הערינג, האָט ער באַלד מוחל געווען דעם כבוד. ער האָט געקוקט אויף די הערינג, און נאָז האָט געשלאָגען אַ ריח פון געזאַלצענם. דער פֿאַן האָט זיך געמאַכט מוט, אָבער זײַנע „אײדעלע“ הענד, וועלכע האָבען קײנמאָל נישט געטהאָן קײן מענשליכע אַרבײט, האָט ער דאָך נישט געקענט אײנריכטען מיט הערינג. האָט ער אַרויסגענומען אַ פּאָר ווײסע האַנדשוה פון טאַש, וועלכע ער האָט געטראָגען בײ יעדען גרויסען יום־טוב, און מיט די בעהענדשטע הענד האָט ער אָנגענומען דעם גאָפּעל אַרויסצונעהמען אַ הערינג. די בעהענדשטע האַנד איז אָבער נישט געווען אַזוי געשיקט. דער הערינג איז פון דער האַנד אַרויסגעפאַלען און איז צוריקגעפאַלען אין פעסעל אַרײן, און עס האָט געגעבען אַ שפּריץ מיט הערינג־ראָפּע און שיפּען, און דער „הערליכער, פּיעל־מעכטיגער פֿאַן“ איז בעשפּריצט געוואָרען מיט הערינג־ראָפּע, שוין גאָר נישט צו זאָגען וועגען די ווײסע האַנד־שוה. נור דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס די פינקעלדיגע קופּערנע קאַסקע איז בעזעצט געוואָרען מיט הערינג־שיפּען.

נישט בעסער איז עס געגאַנגען דעם פֿאַן אַסעסאָר מיט זײן נאַפּט. דער שעהנער פראַק מיט די סאַמעטענע לאַמפּאַסען, און מיט די מעדאַלען, האָט צוגעקראָגען צו דעם פּערפיום־געשמאַק, מיט וועלכען דער אַסעסאָר האָט איהם בעגאָסען, אַ נאַפּט־געשטאַנק.

נור דאָך האָבען זײ זיך געמאַכט בײדע מוט. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען ראַטעווען די „אויטשיזנא“. די הערינג, וואָס מען האָט ענדליך דאָך אַרויסגעקראָגען פון פעסעל, האָט מען אײנגעוויקעלט אין צעהן פּאַפּיערען. יעדער פּרעזעס האָט געוואָלט אַ חלק האָבען אין דער מצוה און אײנגעוויקעלט זײ מיט אַנ׳אַנדער שטיק פּאַפּיער. דאָס זעלבע האָט מען געטהאָן מיט די קאַן נאַפּט. דער גלח האָט זײ געבענשט, און די „אָבי־וואַטעלעם“ האָבען זײ גליק געוואונשען.

דער צווײטער קונה איז געווען אַ פּויער פון אַ נאָהענטען דאָרף. אַרײנגעקומען אין געוועלב אַרײן, געזעהן אַזעלכע הויכע שררות מיט אַזעלכע פּראַקעס און מעדאַלען און מיט אוניפאָרמען, האָט ער זיך דער־

שראָקען, געמיינט, אַז ער איז אַריינגעקומען צו זעלנער זיך שטעלען. קודם כל האָט ער זיך געוואָרפען צו די פיס פון גלח. דערנאָך האָט ער געקושט די הענד און די פּאָלעס פון יעדען פּריץ. און אַז מען האָט איהם געפּרעגט, וואָס ער וויל קויפען, איז ער צומישט געוואָרען און נישט געוואוסט וואָס צו זאָגען און ענדליך, אַז ער האָט אַרויסגערעדט: „אַ טוץ הערינג“, האָט זיך ביים פּאַן שווישינסקי אַנגסטען אַרויסגעזעצט אויפ'ן שטערען הינטער די קאַסקע: „גאַנצע צוועלף הערינג אַרויסנעהמען פון די טון“. און דאָס מאָל האָט ער זיך שוין נישט געדונגען מיט דעם פּאַן אַסעסאָר, ער וואָלט זעהר צופריעדען געווען, אַז דעם פּאַן אַסעסאָר זאָל ווערען צוגעטיילט דער גרויסער כבוד...

נור דאָס איז נאָך אַלץ געווען אין די ערשטע פּאָר טעג. אין די ערשטע פּאָר טעג, ווען אַלע האָבען געוואוסט, אַז דער פּאַן שווישינסקי און דער פּאַן „אַסעסאָר“ האָבען זיך אָוועקגעשאָנקען פאַר דער „אויטשיזנע“, און געגאַנגען האַנדלען מיט נאַפט און הערינג, און די לאָקאַלע פּוילישע ציימונג האָט געשריבען וועגען זייער גרויסען פּאַטריאָטיזם, און יעדעס מאָל איז אַריינגעקומען אַנ'אַנדער „אָביוואַטעל“ זיי גליק ווינשען און מוט צוגעבען צו קעמפּפען געגען ראָטשילד'ן. אָבער באַלד איז דער יום־טוב דורכגעגאַנגען. קיינער האָט זיך שוין נישט מיט זיי אינטערעסירט, און דער פּאַן שווישינסקי האָט נישט געהאַט מעהר קיין „אָקאַזיע“ צו טראָגען די קופּערנע קאַסקע, און דער פּאַן אַסעסאָר זיין בלויען פראַק. עס איז נאָר נישט מעהר איבערגעבליבען, נור אַרויסצונעהמען הערינג פון פאַס, איינטונקען די הענד אין הערינג־ראָפּע, און בעגיסען זיך מיט נאַפט און ווערען בעשפּריצט מיט שיפען און צו בעדיענען די פויערען. די איידעלע הענד פון די פּאַנעס האָבען אָנגעהויבען צו שווענשען און צו בייסען — האָבען זיך ביידע פּאַנעס שוין נישט מעהר געדונגען פאַר דעם כבוד אַרויסצונעהמען די הערינג פון טון. איינער האָט דעם צווייטען אָנגעבאָטען דעם כבוד מיט'ן גאַנצען האַרץ, און ביידע פּריצים האָבען זיך אָנגעהויבען דורכצורעדען אויף אַ פּריצישען שטייגער, ווער עס בעדאַרף בעדיענען די פויערען.

— דער „פיעל־מעכטיגער“ פּאַן וועט דאָך איינזעהען, אַז איך קען נישט פאַר די פויערען אַרויסנעהמען הערינג פון פאַס, עס פּאַסט נישט פאַר מיר.

— עס שטעהט מיר אויך נישט אָן — האָט דער פאָן שווישינסקי זיך אָנגעהויבען אויסצו'טענה'ן מיט'ן פאָן אַסעסאָר. — טאַקע עס איז פאַר דער „אויטשיזנא“. אָבער ווי אַזוי שטעהט עס אָן, אַז אַ שליאַכטשיץ זאָל בעדיענען פויערען? דאָס איינציגע, וואָס איך קען טהאָן, איז שטעהן הינטער דער קאַסע, דאָס געלד צו נעהמען, און די ביכער איינשרייבען — כאָטש עס פּאַסט נישט פאַר מיין שטאַנד דאָס אויך צו טהאָן, נור ווען דאָס פאָטערלאַנד פערלאַנגט דאָס, קען איך נישט אָבזאָגען — האָט דער שליאַכטשיץ געזאָגט.

— אַז עס בעדאַרף ווער שטעהן הינטער דער קאַסע, און צו נעהמען דאָס געלד, און צו פיהרען די ביכער, בעדאַרף איך דאָס טהאָן — האָט דער אַסעסאָר געזאָגט. — ווי קומט דער פאָן צו ביכער? איך בין אַ'אַסעסאָר, און האָב שטענדיג געהאַט צו טהאָן מיט ביכער, און אַז עס בעדאַרף ווער בעדיענען די פויערען בין איך עס געוויס נישט.

— דער פיעל-מעכטיגער פאָן האָט פערגעסען מיט וועמען ער רעדט—ער רעדט מיט אַ שליאַכטשיץ! — האָט דער פאָן אַסעסאָר געקלאַפּט אין טיש.

— אַז עס איז ווער דאָ אַ שליאַכטשיץ, בין איך אַ שליאַכטשיץ! — האָט פאָן שווישינסקי אָפּגעענטפערט.

— הייסט עס, זאָל איך עס פערשטעהן, אַז דער לויכטענדער, פיעל-מעכטיגער פאָן וואַגט צו צווייפלען אין מיין שליאַכעטצטוואָ? — איז דער פאָן רויט געוואָרען — און האָט זיך געשטעלט געגען דעם פאָן שווישינסקי מיט די הענד פערלייגט ביי די זייטען.

— הייסט עס, זאָל איך עס פערשטעהן, אַז דער פיעל-מעכטיגער פאָן וואַגט צו צווייפלען אין מיין „שליאַכעטצטוואָ“? — האָט זיך געגען איהם אַוועקגעשטעלט דער פאָן שווישינסקי.

— דער לויכטענדער פאָן האָט בעליידיגט מיין האָנאָר!

— דער פיעל-לויכטענדער פאָן האָט בעליידיגט מיין האָנאָר!

---

עס האָט שוין נישט געהאָלפען, וואָס דער גלח און דער דאָקטאָר האָבען צווישען דיביידע פאַנעס דערנאָך שלום געמאַכט, נאָך דער בעריהמטער שלאַכט, וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישען די צוויי פאַנעס אין פּוילישען קריסטליכען קאַטוילישען געוועלב פון נאַפט און הערינג

פאַר׳ן בעלייריגטען האַנאָר, עס פלעגט נאָך אַריינקומען אין געוועלב „מאַנקע די שיקסע“, אָדער אַנ׳אַנדער גויע, וואָס האָט געוואָלט וויזען פאַר די אָביוואַטעלעס, אַז זי איז אַ קאַטוילישע און „זיינס — ס׳זייניגע“. די פויערען פון די דערפער האָבען מורא געהאַט אַריינצוקומען אין פוילישען געוועלב. אַז זיי זיינען אַריינגעקומען און האָבען געזעהן די צווי פוילישע פאַנעס, האָבען זיי זיך דערשראָקען, געפאַלען צו די פיס און געקושט די פאָלעס, מורא געהאַט צו זאָגען וואָס זיי ווילען און די שליאַכטשיצעס האָבען זיי געהייסען אַליין שלעפען די זעקלעך זאַלץ, די טונען הערינג. וואָס, זיי וועלען בעדיענען פויערען?! — געגעבען זיי צו פערשטעהן, אַז טאַקע „אויטשיזנע“, נור אַ שליאַכטשיץ איז אַ שליאַכטשיץ, און אַ פויער איז אַ פויער.

אין די ערשטע פאַר וואָכען פון פוילישען געוועלב האָבען זיך די פויערען אַריינגע׳גנב׳עט צו חיה־רייצען אין געוועלב אריין דורך די הינטער־טירען, אַז קיינער זאָל נישט זעהן. עס האָט נישט געהאָלפען, וואָס דער גלח האָט געהאַלטען אין איין שרעקען יעדען זונטאָג מיט׳ן גיהנום און מיט׳ן טייוועל. די פויערען זענען געגאַנגען דאָרט, וואו זיי האָבען זיך געפיהלט היימישער און בעקוועמער. נאָך די פאַר וואָכען האָבען די פויערען אַראָפּגעוואָרפען די חרפה און געגאַנגען אָפען צו חיה־רייצען אין געוועלב. און נישט נור די פויערען, נור אפילו די היימישע „אָביוואַ־טעלעס“, די אַלע „פּרעזעסען“ און „דירעקטאָרען“ און „סעקרעטאַרען“ פון די פוילישע קריסטליכע קאַטוילישע האָבען געהיים געשיקט זייערע דיענסטען נאָך נאַפט און הערינג צו חיה־רייצען אין געוועלב אַריין. חיה־רייצע האָט שטענדיג פערקויפט מיט אַ גראָשען ביליגער ווי דאָס „פוילישע קריסטליכע קאַטוילישע געוועלב“. קיינער האָט נישט פערשטאַנען ווי אַזוי זי קען דאָס. פאַן שווישינסקי האָט געזאָגט, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס ראָטשילד מיט אַלע אידישע פינאַנסירען שטעהען הינטער איהר. און דער אַגענט פון דער פוילישער באַנק (וועלכער איז געקומען אונטערזוכען די געזעלשאַפט) האָט געזאָגט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל די אידישקע שלעפט אַליין אַהיים די טונען נאַפט פון די באַהן, און די פוילישע פאַנעס שפּיעלען זיך אין שליאַכטעצטוואָ.

דאַרויף האָט איהם פאַן שווישינסקי אָפּגעענטפערט, אַז ער זאָל זיין פאָרזיכטיג, מיט וועמען ער רעדט. וואָס מיינט ער, אַז דער פיעל־מעכטיגער

פאַן שווישינסקי איז אַ אידענע, וואָס וועט געהן שלעפּען בעשקעס מיט הערינג? ער האָט פערגעסען, אַז ער רעדט צו אַ שליאַכטשיץ.

און דער פאַן אַסעסאָר האָט צוגעלעגט, שטעלענדיג זיך מיט די הענד אונטער די זייטען:

— צי האָט דער פאַן געמיינט דערמיט צו בעליידיגען זיין האָנאָר?

און אַז דער אַגענט פון באנק האָט געהרט דאָס וואָרט „האָנאָר", איז ער דערשראָקען און שטיל געוואָרען.

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום האָט זיך די „פּוילישע קריסטליכע קאַטוילישע געזעלשאַפט" פערמאַכט. עס איז נור איבערגעבליבען די שילד איבער'ן געוועלב. דאָס ביסעלע קליינגעלד פדיון האָבען די „צוויי ליכטיגע, פיעלמעכטיגע פאַנעס פערטרוגקען אין דער פּוילישער קאַסינאָ", ווען זיי האָבען צווישען זיך שלום געשלאָסען נאָך דעם בעליידיגטען האָנאָר.

און חיה-רייצע קוקט-אַרוים פון איהר נאַפט-געוועלבעל אויף דעם פערמאַכטען פּוילישען קריסטליכען קאַטוילישען געשעפט און זי זעהט די שילד מיט די „מאַטקע באָסקע" פון איין זייט און מיט „יעזוסען" פון דער צווייטער זייט, ווי זיי ווייזען-אָן מיט זייערע פינגער פון זייער הימלישען מהראָן אויף דעם פּוילישען געוועלב און בעפעהלען דאָ צו קויפען „נאַפט און הערינג". כראָכט זי זיך: זי האָט אַ שטאַרקערען צד, זי האָט חדר-אינגלעך צו דערנעהרען...

# פארבארגענע בליקען

**(סקיצע)**

אויף מארשאלקאווסקע גאס געפינט זיך א קליין טאבאק־געוועלבעל, אין וועלכען איך פלעג שטענדיג גערן קויפען מיינע פאפיראסען און ציגארען. ווי ווייט איך האב נישט געוואהנט פון דער גאס אין דער גרויסער שטאדט ווארשא פלעג איך לאנג שפאציערען, איינהאלטען מיין אפעטיט צו רויכערן, ביז איך בין אנגעקומען אין געוועלבעל און דארט געקויפט מיין טאבאק. עס איז געווען צוליעב פיעל אורזאכען: ערשטענס, האט מען טאקע אין דעם געוועלבעל בעקומען פאר דעם ביליגסטען פרייז די בעסטע פאפיראסען און ציגארען, און, צווייטענס, צוליעב דער פערקויפערין. די הויפט־פערקויפערין אין דעם געוועלבעל איז געווען אנ'אלטע אידענע מיט אנ'איינגעשרומפענעם פנים און א טיעפער קופקע אויפ'ן קאפ; פון דעם פנים האבען ארויסגעקוקט א פאר פערזארגטע אויגען, וועלכע האבען אויסגעדריקט ווי זיי וואלטען איינגעזאפט אין זיך אלע צרות און אלע מאטערנישען פון דער וועלט. אט די אידענע איז געווען די בעסטע און פערשטענדיגסטע מבין'טע אויף טאבאק אזוי ווי זי וואלט אליין געווען א רויכערין; זי האט געקענט רעקאמענדירען יעדען פיין־שמעקער דעם בעזונדערען סארט סיגארעטלעך, אלערליי ציגארען און אויסרעכענען מיט דער גענויקייט פון א מבין דעם ספעציעלען אראמאט פון סיגאר, זיין קוואליטעט, די פולקייט פון זיין רויך און די אנגענעהמליכקייט פון זיין געשמאק.

— פערלאזט אייך אויף מיר, — פלעגט זי זאגען צו איהרע קליענטען, — איך היים אייך נעהמען אט דעם סארט (און זי עפעגט אויף א פריש קעסטעל ציגארען). אז מען גיט א ציה פון דעם טאבאק

גיט עס א שלאג אין מויל מיט אנ׳אראמאט און עס פערנעהמט אלע חושים.

אדער זי פלעגט עס פשוט׳ער מאכען:

— דער רויך פון דעם סיגארעטעל איז דאך זיס ווי האניג — און דערביי געמאכט א מינע, ווי זי וואלט אליין געהאט פערזוכט דאס ציגארעטעל און געפיהלט דעם טעם דערפון.

א איד פון די גרויסע רויכערער, אליין אבער א דלפון, וואס האט קיינמאל נישט געהאט אויף קיין ציגארעטעל, מיט וועלכע דאס געוועלבעל איז שטענדיג פול געווען, איז געשטאנען דערביי ווי די אידענע ריהמט דעם אראמאט, האט ער אויפגעעפענט דאס מויל, פערשפרייט די נאזלעכער, געצוקט מיט׳ן נאז און פערמאכט די אויגען, ווי ער וואלט כאטש אין געדאנק געוואלט איינאטעמען דעם רויך פון ציגארעטעל...

נאר נישט דאס בלויז האט מיך געצויגען צום געוועלבעל. איך דארף עס נישט זאגען, אז נישט די אידענע מיט איהר רויכער־מבינות האט מיך געריצט אין דעם געוועלבעל אריין. עס איז געווען א פיעל מעהר אנציהענדע קראפט: עס זענען געווען א פאר אויגען.

די אויגען פון א יונג ווייבעל.

יעדעס מאל, ווען איך בין אריינגעקומען אין געוועלבעל, האב איך געטראפען די יונגע שנור הינטער׳ן טיש העלפענדיג איהר שוויגער פערקויפען ציגארעטען. זי האט זיך אויסגעלערנט פון דער אלטער אידענע צו ריהמען די סחורה, און האט אויך, ווי די אלטע, גערעדט פון ציגארעטלער און פון ציגארען מיט אזא מבינות, אזוי ווי זי אליין וואלט געווען א גרויסע רויכערין; זי האט געוואוסט דעם טעם פון יעדען סארט טאבאק און מיט בעגייסטערונג גערעדט דערפון. נאר יעדעס מאל, ווען עס איז איהר אויסגעקומען צו ריהמען א סארט ציגארעטעל און צו רעדען פון זיין אראמאט, איז א רויטליכקייט ארויפגעקומען אויף איהר פנים; זי האט זיך געשעמט איהרע אויגען אויפצוהייבען צום פערקויפער און האט געהאלטען דעם קאפ אראפגעבויגען צו דער ערד. די פערשעמטקייט און דער רויטער בלוט־חן, וואס האט געשלאגען אין איהר פנים ריידענדיג פון רויכערען, האט צוגעגעבען די ציגארעטלעך אנ׳אייגענארטיגען חן, און דעם רייץ האט מען דערנאך געפיהלט ביים רויכערן.

זעלבסטפערשטענדליך, האט זיך יעדען קויפער געוואלט געניסען פון די ציגארעטלער, וועלכע זענען דערלאנגט געווארען פון דער יונגער, ווייבער,

דעליקאַטער האַנד פון דעם ווייבעל און דוקא צו הערען פון איהר, מיט איהר ציטערדיגער ווייבליכער שטימע, דערצעהלען פון דעם אַראָמאַט און צו פיהלען צוליעב איהר דורך די חושים דעם גערוך פונ'ם רויך, וואָס דער טאַבאַק פערמאָגט אין זיך. עפּעס האָט זיך מעהר געגלויבט אין דעם כשופ'דיגען רייץ, וואָס ליעגט אין דעם ציגאַרעטעל, ווען עס האָט זיך דערהערט פון דעם יונגען ווייבעל'ס מויל און דערביי געזעהן די פערשעמטע רויטקייט, וואָס שלאָגט אַרויף אויף איהר פּנים און די נידערגעזונקענע ברעמען. עס האָט זיך געדאַכט, הערענדיג איהר ציטערדיגע שטימע, אַז זי אַליין האָט פערזוכט פון די פערבאָטענע פרוכט פון רויבערן, און זי רעדט-צו צו די זיסע זינדיגקייט, וואָס ליעגט אין אַזאַ ציגאַרעטעל... דאָס ציגאַרעטעל האָט דאַמאָלס געקראָגען גאָר אַנ'אַנדער רייץ; עס איז געווען ווי אַ כשוף-ציגאַרעטעל, וועלכער, ווען מען האָט פערצויגען דעם רויך, האָט פערכאַפּט אַלע חושים, ווען מען האָט דערביי געטראַכט פון דעם ווייבעל מיט די רויטע פערשעמטקייט אויפ'ן פּנים, מיט דער ציטערדיגער שטימע און אַראָבגעזונקענע, שוואַרצע אויגען-ברעמען... דער אַראָמאַט פון טאַבאַק האָט פער'שכור'ט די חושים מיט אַ גאַנץ אַנדער רייץ ווי דער פון די ציגאַרעטלעך, וואָס די אַלטע אידענע האָט פערקויפט...

נאָר נישט אַלעמען איז געווען בעשערט צו געניסען פון דעם כשוף-רייץ, וואָס ליעגט אין די ציגאַרעטלעך, וואָס מען בעקומט פון די יונגע הענד פון דעם ווייבעל. בלויז אַלטע לייט, מעהרסטענס קריסטען, פּויערען, אַרבייטער אָדער גלאַט אַזוי צופעליגע קונים. אַ שטענדיגער קונה האָט קיינמאָל נישט זוכה געווען צו בעקומען ציגאַרעטלעך פון די הענד פון דעם יונגען ווייבעל. קוים האָט די אידענע בעמערקט אַ קויפער, וואָס איז געקומען אין געוועלבעל אַריין אַ צוויי-דריי מאָל, האָט זי איהם אַליין בעדיענט און נישט צוגעלאָזט צו איהם די שנור.

מיר, זינדיגער, איז כמעט קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו ווערען בעדיענט פון דער יונגער, צו הערען איהר ציטערדיגע שטימע, ווען זי רעדט וועגען דעם אַראָמאַט פון טאַבאַק און צו בעטראַכטען פון דער נאָהענט די פערשעמטע רויטקייט אויף איהר יונג פּנים. וויפיעל איך האָב נישט געזוכט די געלעגענהייט דוקא בעהאַנדעלט צו ווערען פון דער יונגער, האָט זיך באַלד די אַלטע בעוויזען אויפ'ן פּלאַץ, אַרויסגענומען דאָס קעסטעל ציגאַרען פון איהרע הענד און זי שטום אָפּגעשטופּט.

אָבער זי פלעגט איהר פון דער ווייטענס צורופען:

— מירעלע, מירעלע, דאָס קינד וויינט דאָך, געה נור אריין.

און דאָס יונגע ווייבעל, דערהערענדיג איהר שטימע, האָט מיד באַלד געלאָזט שטעהן, נישט אויפהויבענדיג איהר קאָפּ, און נישט געשאָנקען קיין איין בליק מיר און אריינגעגאַנגען אין נעבען-שטיבעל ביים געוועלבעל.

— זי פערשטעהט זיך דען אויף רויכערן? פון וואַנען זאָל זי פערשטעהן? זי איז דאָך נאָך גאָר אַ יונגער שנעק — פלעגט די אַלטע זאָגען מיט אַ געלעכטערל.

— מיין שנור בעדאַרף דאָס קינד שפּילען. זי שפּילט דאָך אַ קינד.

פון דער ווייטענס, אַמאָל, פלעג איך נור קענען בעמערקען דעם בליק פון דעם יונגען ווייבעל. עפּעס איז געלעגען אין איהר בליק אַזאַ ווייטאָגדיגע שטילקייט, אַזוי פיעל צניעות'דיגער טרויער, אַז עס האָט דאָס האַרץ פערכאַפּט יעדעס מאָל, ווען מען האָט געקוקט אויף איהר. זי האָט געקענט אין גאַנצען דענסמאָל אַלט זיין אַ יאָהר נייגצעהן—צוואַנציג און פיליכט דאָס אויך נישט. אויף איהר קאָפּ איז שוין געלעגען אַ שווער שוואַרצהאָריג שייטעל, וואָס האָט זיך אַראָפּגערוקט ביז צו איהרע ברעמען. נור אויפ'ן נאַקען, הינטער איהר שייטעל, האָבען זיך אַרויסגעריסען איינצעלנע, איהרע אייגענע האָר, וועלבע, זעהט-אויס, די טיקערן האָט פערגעסען אָבצושערן, די איינצעלנע לייכטע זיידענע האָר, וועלבע דאָס ווייבעל האָט קאָקעטיש פערקעהרט אויף איהר שייטעל, האָבען אויסגעזאָגט פון איהר מיידעלשער יוגענטקייט. די האָר האָבען פערגעסען, אַז זיי טראָגען אויף זיך אַ שווער, פרעמד שייטעל און אַז עס איז פערוועהרט צו בעוויזען זיך אויף דער ליכטיגער שיין, און זיי פלעגען שטיפעריש פערפליהען איבער איהר פנים. און קוים איז איהר פנים, איהר האַלז, איהר נאַקען בעפלויגען געוואָרען מיט איהרע אייגענע לעבעדיגע האָר, אַזוי האָט עס באַלד צוריק בעקומען איהר מיידעלשען חן, דאָס פרומע שייטעל אפילו איז דאַן אויסגעקומען אַזוי פערפיהרעריש. עס האָט פערלאָרען די שווערע ערנסטקייט און עס האָט אויסגעזעהן, ווי דאָס יונגע מיידעל וואָלט זיך געוועזן פערשטעלט פאַר אַ אידענע. דאַן פלעגט באַר די שוויגער אויף איהר איין בליק טהאָן. אָדער מאַכען מיט איהרע איין-צאָהניגע יאַסלעס: „מירעלע, נו... נו...“ און מירעלע האָט גלייך געוואוסט, וואָס

טען מיינט, און האָט געגומען די פערשיימע האָר און מיף זיי אַרונטער־געשטעקט אונטער איהר געדיכטען שייטעל, דעם שייטעל מיעפער אַראָב־גערוקט איבער איהר נאַקען און אָנגעצויגען אויפ׳ן פּנים צוריק איהר אידענע־ערנסטקייט און טרויעריגקייט...

דאַן האָט דאָס שייטעל זיך געלייגט און באַשווערט מיט טויזענד געוויכטער איבער איהר קאָפּ. עס האָט זיך געדאַכט, ווי איהר גאַנצע יוגענד, איהר גאַנץ לעבען איז בעגראָבען אונטער דעם שייטעל. אַ שווער געמיט איז געקומען און האָט זיך געלייגט איבער איהרע יונגע פּלייצעס און זיי איינגעבויגען. נאָך איין שפּור פון לעבען האָט זיך אַרויסגעריסען פון אונטער דעם שייטעל. דאָס זענען געווען איהרע בליקען.

קיינמאָל האָט זי איהרע אויגען נישט אויפגעהויבען, קיינמאָל האָב איך נישט געזעהן איהר דירעקטען בליק, פון אויג צו אויג. שטענדיג און שטענדיג האָט זי געהאַלטען איהר קאָפּ געבויגען אויף איהר ברוסט, און איהר בליק געזונקען צו דער ערד. אָבער ווי שאַרף, ווי קלאָר־קוועלענדיג האָט זיך דאָך געזעהן איהר בליק פון איהרע געזונקענע אויגען. און אפשר מאַקע דערפאַר, וואָס איהר בליק איז שטענדיג געווען געפאַלען האָט מען איהם אַזוי שאַרף בעמערקט. דאָס געדיכטע שייטעל, וועלכעס האָט פער־דעקט איהר שטערען און אַראָבגערוקט זיך ביז אונטער איהרע ברעמען, האָט נאָך איהר בליק מעהר בולט׳ער געמאַכט. איך ווייס נישט פון וואָס פאַר אַ קאָליר עס זענען געווען איהרע אויגען, איך האָב זיי קיינמאָל נישט געזעהן. נור די געדיכטע שטייפע האָר־הייטלער, וואָס האָבען פערדעקט איהרע באַלעמס, האָבען, דאַכט זיך, מעהר געזעהן, ווי אויגען. עס איז געווען אַזוי פיעל אויגיש אין די הערלער און, גאָט, זיי האָבען אַזאַ רחמנות ערוועקט. פאַר וואָס האָבען זיי אַזאַ רחמנות ערוועקט?

טייל מאָל נור, אומגעריכט, ווען איך בין געשטאַנען מיט דער אַל־טער יודענע און גערעדט, אָדער ווען איך בין בעשעפטיגט געווען אין אויס־קלייבען זיך ציגאַרען, דענסמאָל, ווען איך האָב זיך אָם־וועניגסטען גע־ריכט דאַרויף, האָב איך דערפיהלט און נישט בעמערקט, ווי זי קוקט אויף מיר. איך האָב אויפגעהויבען מיינע אויגען און צייט געהאַט נור אויף איין אויגענבליק צו כאַפּען אַ גלאַנץ פון איהר פּנים. איהר פּנים איז גע־ווען אָליוו־קאָליר, און דאַן האָב איך בעמערקט עפּעס ווי איהרע אויגען הענגען, שטעהען ווייט אַרויסגעשטאַרצט פון איהר פּנים, און עפּעס ווי־

א וויין און א לאד צוזאמען, און אלעם איז ווי א בליץ פערשוואונדען, און איבערגעבליבען איז נאך א רחמנות־געפיהל. ניין, נישט דאס, זי האט מיר עפעס געבעטען. און איך וויים נישט וואס.

טיילמאל האב איך גאר נישט בעמערקט, אז זי קוקט אויף מיר, נאר איך בין דערפון געוואהר געווארען פון דער אלטער יודענע'ס א ברום. מיט אמאל דערהער איך ווי די אלטע יודענע, וואס האט מיר פערקויפט די סחורה, האט פלוצלונג אנגעהויבען צו רופען: „מירעלע, נו... נו...“ איך קוק זיך ארום, איך זעה גארנישט מעהר, מירעלע איז אויפגעבויגען הינ־טער איהר געדיכט שייטעל, און פערקויפט א גוי א פעקעלע גילזען מיט א נידריגע שטילע שטימע. איך קוק אויף דער אלטער, אבער די אלטע, מיט א שמייכעלע וואס שוועבט אויף איהר פארמעט פנים, שטעקט מיר פאר דער נאז א פריש אויפגעעפענט קעסטעלע, און זאגט צו מיר מיט א מעלאנכאלישע שטימע:

— אז איך זאג אייך, אז דאס איז דער בעסטער סארט, איהר האט נישט וואס צו זוכען קיין אנדערן.

טויזענד אויגען האט זי געהאט די אלטע, פון פארענט און פון הינטען. דאכט זיך זי שטעהט נאך אויף דער לייטער מיט'ן פנים און די נאז איינגעשטעקט צווישען איהרע קעסטעלעך ציגארען, אויסזוכענדיג דעם בעסטען סארט, וואס זי האט שטענדיג געהאט בעהאלטען הינטער איהרע שיפלאדען, ווען מיט אמאל הערט זיך איהר געוועהנליכער ברום: „מירעלע, נו... נו...“ און איך קוק זיך ארום, און דערפיהל, אז ערשט וואס בין איך בעלויכטען געווארען פון מירעלע'ס בליק, אז עפעס וואס האט זי מיר געוואלט זאגען. איך קוק אויף איהר, איך זעה גארנישט, נור, דאס שווארצע געדיכטע שייטעל, וואס בעשווערט איהר יונגען קאפ.

---

יאהרען לאנג בין איך נישט געווען איןווארשע, און מירעלע'ן מיט איהרע אויגען האב איך פערגעסען. עס איז אבגעפלאסען פיעל צייט, פיעל האט זיך געענדערט אין אונז און אויסער אונז. ווער געדענקט אין אזא צייט א בליק, א פאר אויגען?

מיט א געוויסער צייט צוריק איז מיר אויסגעקומען ווידער צו זיין אין ווארשע. איך בין פערבייגעגאנגען די מארשאלקאווסקע גאס, פאר

דעם געוועלבעל מיט ציגאַרען. איך האָב דאָס געוועלבעל דערקענט, און פון געוואָהנהייט בין איך נאָך אַמאָל אַריינגעגאַנגען, און אפשר אויך צוליעב מירעלע'ס אויגען.

נישט אויסוועניג און נישט אינוועניג האָט זיך עס גאָרנישט געענדערט אין דעם געוועלבעל. די זעלבע קעסטעלעך ציגאַרעטען, ציגאַרען, פעקלעך טאַבאַק, גילזען, פאַפּירען, שטרייכהעלצלעך פילען אָן די הויכע צוזאַמענגעוואָרפענע פּאָליצעס, היגטער'ן טיש שטעהט די אַלטע אידענע און פערקויפט פּאַפּיראָסען צו קונים.

איך געה צו צום טיש.

— אַמאָל געקויפט ביי אייך גוטע ציגאַרען. — זאָג איך.

די אידענע הויבט אויף איהר קאָפּ, קוקט מיך אָן פון אונטער איהר שייטעל, ווי פאַר זיך:

— איך געדענק.

— מיך דערקענט? — פרעג איך.

די אידענע הויבט אויף איהר בליק, און קוקט מיך אָן.

— ווענעג וואָס זיך געענדערט.

— האָט איהר נאָך די זעלבע גוטע ציגאַרען? — פרעג איך.

— די זעלבע, — ענטפערט זי אָב, און דרעהט זיך אום צו דער פּאָליצע אַראָבצונעהמען אַ קעסטעלע ציגאַרען.

— דאַכט זיך, איהר האָט אַמאָל אַ שנור געהאַט? — זאָג איך.

די אידענע, שטעהענדיג אויפ'ן קליינעם לייטערל אַראָבצונעהמען פאַר מיר ציגאַרען, דרעהט זיך אוים פון דער פּאָליצע און קוקט מיך אָן לאַנג און שווייגט.

קענענדיג די געוואָהנהייט פון דער אַלטער אידענע, האָב איך געמיינט, אַז איהר פערדריסט וואָס אַ פרעמדער פרעגט זיך נאָך אויף איהר שנור, האָב איך געפּרובט פערעדען:

— איך מיין, אַלע געזונד ביי אייך?

— אַלע געזונד, — ענטפערט די אידענע לאַנגזאַם.

מיט אַמאָל דערהער איך אונטער מיר אַ בעקאַנטע שטימע:

— געב נור אַ קוק, ווער עס איז דאָ! דער פּאַן איז דאָך צוריקגעקומען!

איך קוק זיך אַרום, און דערזעה אַ צווייטע אַלטע אידענע, מיט

דעם זעלבען פערקנייטשטען פּאַרמעט־פּנים און אַלטע קופּקע שטעהט אין דער מיר פון נעבען צימערל. איר האָב זי באַלד דערקענט, יענע איז גאָר געווען די שוויגער. פּונקט ווי איהר געוועלבעל האָט זי זיך גאָרנישט געענדערט, נישט עלטער געוואָרען אויף איין טאָג. דאַכט זיך זי טראָגט דאָס זעלבע ברייטע גרויע אונקאָלירטע קלייד, די זעלבע אָבגעבליאַקע־וועטע קופּקע, דאָס זעלבע פּאַרמעט־פּנים, אַזוי ווי איך וואָלט זי נעכטען ערשט געווען פערלאָזען.

איך בלייב שטעהן פערוואונדערט, קוק אויף די ערשטע און דאַן אויף די צווייטע.

— איהר זענט? — ענדיג איך נישט דעם זאַץ.

די אַלטע ציגאַרען־אידענע שמייכעלט מיר אין פּנים אַריין מיט אָהן־ציינעדיגע יאַסלעס — און דאָס איז מיין שנור, — ווייזט זי אויף די צווייטע אַלטע אידענע — נישט דערקענט?

איך האָב אויפגעהויבען מיינע אויגען און אָנגעקוקט די שנור. זי האָט שוין נישט אַראָבגעלאָזט איהר קאָפּ, און שוין נישט געזוכען איהר בליק צו דער ערד. גלייך האָט זי מיר געקוקט אין די אויגען אַריין, אַ לאַנגען, לאַנגען שטומען בליק. און איינציגוויז האָבען זיך אָנגעהויבען אויסצושניידען איהרע האַלב־פערווישטע ברעמען. די שוואַרצע הערעלעך פון די הייטלעך זענען שוין געווען האַלב־אויסגעגאַנגען. און צום ערשטען מאָל האָב איך געזעהן איהרע אויגען.

פון וואָס פאַר אַ קאָליר זיי זענען געווען קען איך נישט זאָגען. דאַכט זיך אָהן קאָליר...

נור איינס איז נאָך איבערגעבליבען אין איהרע אויגען, יענער בע־טענדער, האַרצרייסענדער רחמנות־בליק.

לאַנג, לאַנג האָט זי מיר געקוקט אין די אויגען אַריין, עפּעס גע־בעטען, געבעטען...

די שוויגער האָט דאָס מאָל פערפעהלט צו געבען איהר געוועהנ־ליכען ברום: „מירעלע, נו... נו...“

# אַ מענטש איז פֿאַרלוירן געגאַנגען

(אַ בילד)

אין איינעם פֿון די קאַפֿע־הײַזער דאַון־טאַון, וואו עס פֿערקערן די ראַדיקאַלע קרייזען, האָט מען געקענט בעמערקען יעדען אָוונד, זיצענדיג שטענדיג אויף דעם זעלבען פּלאַץ, בײַ אַ פֿערלאָזען טישעל, אַן'איינזאַמען מענשען אין אַ ווינקעל און רויכערענדיג זיין ציגאַרעטעל. מען האָט איהם געקענט בעמערקען, אָבער קיינער האָט איהם נישט בעמערקט. אַלע האָבען געוואוסט, אַז דאָרט אין ווינקעל זיצט פֿינקעלשטיין. מען וואָלט עס גיכער געוועזן בעמערקט, ווען ער וואָלט נישט געזעסען, ווייל פֿינקעלשטיין האָט זיך אַזוי גוט צוגעפּאַסט צו יענעם ווינקעל. דער טונקעלער, אונבעשטימטער קאָליר פֿון זיין אַנצוג איז געוועזן פֿון די זעלבע פֿאַרב, ווי די ווענט פֿון קאַפֿע הויז, פֿעררויכערטע און נישט קלאָרע, און ער איז אויסגעלאָשען געוואָרען אין די ליכט פֿון די ווענט, אַזוי, אַז מען וואָלט כמעט נישט איינגעזעהן, אַז עס זיצט ווער דאָרט, ווען נישט זיין הויכער גלאַנצענדיגער שטערן, וועלכער האָט אַרויסגעשיינט פֿון דעם אַנצוג — און ווען נישט זיין ווינטערדיג פּעלצעל.

פֿינקעלשטיין האָט פֿערמאָגט איין זאַך, וואָס האָט איהם אַרויסגענומען פֿון זיין וואָכענדיגקייט און האָט איהם געגעבען אַ בעזונדער אָנזעהעניש. דאָס איז געוועזן זיין פּעלצעל. דאָס פּעלצעל איז געוועזן אַ היימיש־געמאַכטעס, מיטגעבראַכט מיט זיך, זעהט זיך אויס, פֿון דער אַלטער היים. און ס'האָט פֿערמאָגט אַ שטייפֿען האָר־שטעכיגען קאָלנער, וואָס מען זעהט נישט אין אַמעריקאַ. און איבער וואָס עס איז אָנגעגאַנגען אין קאַפֿע־הויז אַ שטענדיגער וכוח: אַ טייל האָבען געזאָגט, אַז דאָס פּעלצעל

קריגט מען גארנישט אין אמעריקא, אז דער קאלגער איז ווערט נאך היינט א פערמעגענס, און אנדערע האבען געזאגט, אז דא טראגען פארמער'ס אזעלכע פעלצלעך מיט די האר ארוים. נאר וואס דאס איז פאר א פוטער, האבען אפילו מבינים נישט געקענט זיך אייניגען: א טייל האבען געזאגט, עס איז היימישער ביבער, און אנדערע האבען געזאגט, אז עס איז שאפען=פעלץ.

און טאקע, אז עס איז געקומען אנהויב ווינטער און פינקעלשטיין פלעגט זיך אנטהון דאס פעלצעל, האט זיין ערשייגונג יא ארויסגערופען אין קאפע=הויז א שטיקעל גערודער. מענשען פלעגען קוקען דארט אויף דעם טישעל, וואו עס זיצט פינקעלשטיין, און פרעגען איינער דעם אנדערן:

— ווער זיצט דאס דארט?

— דאס איז דאך פינקעלשטיין.

— א, — און מען פלעגט איהם ווידער פערגעסען.

טייל מאל פלעגט עס אזוי וויט דערגעהן, אז עס פלעגט ווער א גייגעריגער צוגעהן צו פינקעלשטיינען און גוט בעטראכטען דאס פעלצעל, גלעטען דעם קאלנער, טאפען די סחורה. דענסמאל פלעגט פינקעלשטיין זאגען מיט א שמייכעל, גלייך מאכענדיג זיך מיט צוויי פינגער זיינע צווי שווארצע וואנסעלעך:

— עס איז היימישע וואארע.

פינקעלשטיין איז געקומען פון גאליציען און פלעגט רעדען אידיש אביסעלע מיט דייטש אויסגעמישט.

און ווי פינקעלשטיין וואלט געוואלט ארויסרופען מעהר אויפמערקזאמקייט צו זיך דורך זיין פעלצעל, האט ער עס געטראגען זעהר לאנג. אזוי ווי עס איז נאר געקומען נאך סוכות, צי איז יא קאלט, צי איז נישט קאלט, פינקעלשטיין טראגט דאס פעלצעל, און געטראגען האט ער עס לאנג ביז'ן טיעפען פריהלינג אריין. אבער צוליעב דעם טאקע האט מען זיך אזוי צוגעוועהנט צו פינקעלשטיינ'ס פעלצעל, אז די גראהע האר פון קאלנער און דער טונקעל אומבעשטימטער קאליר פון זיין איבערציהעכטס האט זיך אויסגעמישט מיט דעם קאליר פון וואנט פון קאפע הויז. — און קיינער האט שוין גאר נישט בעמערקט, אז דארט זיצט פינקעלשטיין. מען וואלט גיכער געווען בעמערקט, ווען ער וואלט דארט

נישט געווען געזעסען, ווייל עס וואָלט געווען פרייער פּלאַץ צווישען דער וואַנט און טישעל אין יענעם ווינקעל....

קיינער האָט אייגענטליך נישט געוואוסט, מיט וואָס פינקעלשטיין בעשעפטיגט זיך, צי איז ער אַ פערהייראַטער, וואו ער וואוינט, — נישט דערפאַר, ווייל קיינער האָט איהם נישט געקענט. אַלע האָבען געקענט פינ= קעלשטיינען. פינקעלשטיין איז געווען אַ גוט=בעקאַנטער. ער איז געווען אַלעמענס „בעקאַנטער", נאָר עס איז קיינעם נישט איינגעפאַלען צו אינ= טערעסירען זיך דערמיט. פינקעלשטיין איז פינקעלשטיין. ער פלעגט אַריינ= קומען פאַרנאַכט אין קאַפע=הויז, פערקריכען אין ווינקעל און זיצען און רויכערן דאָס ציגאַרעטעל. טיילמאָל האָט דער קעלנער, מר. האַרטמאַן, זיך דערמאָנט אָן איהם, איז ער צוגעגאַנגען צו איהם און דערלאַנגט איהם די קאַרטע, אויס געוואוהנהייט, כאָטש דער קעלנער האָט געוואוסט, אַז פינקעלשטיין בענוצט קיינמאָל נישט די קאַרטע, און פינקעלשטיין האָט אויס געוואוהנהייט גענומען די קאַרטע און געגעבען אַ בליק אַריין אין איהר, זי אַוועקגעלייגט. נור איידער פינקעלשטיין האָט נאָך צייט געהאַט אַריינצוקוקען אין דער קאַרטע און זי אַוועקצולייגען, האָט שוין דער קעלנער, מר. האַרטמאַן, געזאָגט ווי צו זיך אַליין:

— שוואַרצעס מיט ווייסעס.

— שוואַרצעס מיט ווייסעס — האָט איהם פינקעלשטיין אָפּגע= ענטפערט.

אָפטמאָל האָט דער קעלנער גאַרנישט געזאָגט, נור געגעבען אַ וואונק מיט'ן אויג, און פינקעלשטיין האָט איהם אָבגעענטפערט מיט אַ וואונק פון אויג. און דער קעלנער האָט איהם געבראַכט אַ טאַץ קאַפע, מיט אַ „סענדוויטש" פון ווייסען ברויט.

נאָר דאָס איז געווען, ווען דער קעלנער האָט איהם בעמערקט. אָפט= מאָל פלעגט אָבער דורכגעהן שעה'ן לאַנג און דער קעלנער האָט איהם נישט בעמערקט און נישט צוגעגאַנגען צו איהם, ווייל פינקעלשטיין איז געווען אַ מענש, וועלכען מען האָט נישט בעמערקט.

---

שעה נאָך שעה איז ער געזעסען מיט'ן ציגאַרעטעל אין מויל און האָט געקלערט. צוערשט פלעגט ער זיצען איינער אַליין פערטראַכט ביים

מישעל, שפעטער אין אָווענד אריין, ווען דאָס קאפע־הויז האָט זיך אנגע־הויבען אָנצופילען מיט מענשען, פלעגט דער קעלנער צופיהרען פערשיע־דענע געסט, פרעמדע און בעקאנטע, און פלעגט זיי אָוועקזעצען ביי זיין מישעל. ארום איהם האָבען מענשען געשמועסט, געלאכט, דיספוטירט. פינקעלשטיין פלעגט זיצען און כמעט זיך נישט צוהערען, ווי ער וואָלט נישט געווען אין קאפע־הויז, נאָר וויט, וויט פון דאָרטען. זיינע הענט פערלעגט איינס אויף דאָס אנדערע. זיינע אויגען וואָס זענען וואָס אמאָל מעהר קלענער געוואָרען, און ארונטערגענומען אונטער די הייטליך, האָבען ערגעץ וואו וויט, וויט אוועקגעקוקט. זיין שטערן פלעגט זיך קנייטשען, קנייטשען און אויפלייזען זיך, קנייטשען און אויפלייזען זיך. טיילמאָל פלעגט ער געבען א שמייכעל, א שמייכעל ווי אין זיך אריין, דענסטמאָל פלעגען זיינע קליינע שווארצע אויגעלעך געבען א פונקעל, א לעבעדיגען בלישטש, און ער פלעגט מאכען א שנעלע בעוועגונג מיט די האנד ארום זיינע וואָנסעלעך און בעוועגענדיג זיין האנד צו די וואָנסעלעך, האָט זיך איהם געדאכט, אז ער האָט זיין שכן אונווילליג אָנגעריהרט, פלעגט ער זאָגען מיט א שמייכעל:

— עקסיוז מי!

אויף וואָס דער שכן האָט איהם ערשטוינט אָנגעקוקט.

אַנ'אַנדערש מאָל האָט זיך אויך געמערקט א ביטערע טרויעריגקייט אויף זיין פנים. דענסטמאָל פלעגען זיך זיינע שווארצע וואָנסעלעך ארונ־טערלאָזען און אראָבפאלען איבער זיין גאָמבע — די אויגעלעך זענען נאָך קלענער געוואָרען, שוואכער, און פלעגען זיך בעהאלטען אונטער די הייט־לער, דענסטמאָל פלעגט זיין פנים אויסדריקען אזא ביטערן רחמנות אויף זיך — אזא טיעפען יאוש און ביטערקייט, אז קוקענדיג אויף איהם פלעגט זיך דאכטען, אז די וועלט געהט אונטער — און אלעס עקט זיך. די פרייד און דער צער פלעגען ערשיינען אויף זיין פנים נור מאָ־מענטענווייז, אָבער אין מעהרסטע צייט האָט זיין פנים נישט אויסגע־דריקט נישט קיין פרייד, נישט קיין צער, נור עס פלעגט זיין א טיעף פערקלעהרטעס; פערקלעהרט נישט צוליעב א שווערען עניו, וואָס ער וויל איהם אויפקלעהרען, נישט א פערזאָרגטעס קלעהרען, נור א פער־חלומ'טעס קלעהרען. קוקענדיג אויף איהם, ווי ער זיצט ביי א לעבעדיג מישעל, ארומגערינגעלט מיט פרעהליך רעדענדע מענשען, האָט מען

אנגעזעהן, אז דער מענש געפינט זיך נישט דאָ, נישט דאָ ביים טישעל, נישט דאָ אין קאפע־הויז, ערגעץ אויף דער איסט סייד אין ניו־יאָרק, נור ערגעץ גאנץ ווייט, אין מקומות, וואָס עס איז איהם נור אַליין בעקאַנט.

אַפטמאָל האָט זיך געמאַכט, אז אַ „בעקאַנטער", וועלכער האָט זיך טיילמאָל פערוואַנדערט צו זיין טישעל, פלעגט איהם פרעגען:

— מר. פינקעלשטיין, וועגען וואָס קלעהרט איהר דאָס גאַנצע נאַכט אין קאפע־הויז?

פינקעלשטיין פלעגט זיך ביי דער פראַגע אויפכאַפּען ווי פון אַ חלום, אָנקוקען ערשטוינט זיין בעקאַנטען און דאַן שמייכלען אין זיינע שוואַר־צע וואָנסעס, און ענטפערן עפּעס אומבעשטימטעס:

— אָ, מען זיצט — קלעהרט מען.

נור וויפיעל דער בעקאַנטער האָט נישט געפּרובט צו פערפיהרען מיט פינקעלשטיינען אַ שמועס, איז איהם נישט געלונגען. פינקעלשטיין פלעגט צוריקגעהן אין זיין „וועלט" אַריין, פון וועלכע זיין בעקאַנטער האָט איהם אַרויסגענומען נור אויף אַנ'אויגענבליק.

אַזוי איז ער ווידער געזעסען איינער אַליין פאַר זיך, פערטראַכט אין זיך, ביז די לעצטע געסט זענען זיך צוגאַנגען פון קאפע־הויז, דענסט־מאָל פלעגט דער קעלנער, מר. האַרטמאַן, צוגעהן צו זיין טישעל און צו־נעהמען דאָס צוקער טעפּעל מיט'ן זאַלץ און פעפער, און פלעגט זאָגען איינשלינגענדיג זיינע ווערטער:

— גוד נאַיט, מר. פינקעלשטיין.

האָט זיך מר. פינקעלשטיין אויפגעהויבען, אַרומגעהילט זיך אין זיין פעלצעל, און איז אַרויסגעגאַנגען, זאָגענדיג „גוט נאַכט" צו די לעצטע געסט, וואָס זענען געזעסען ביי אַ טישעל, וועלכע האָבען פערקעהרט אין דעם קאפע־הויז אַזוי לאַנג ווי ער. דורך דעם זענען זיי געווען זיינע „בעקאַנטע".

טיילמאָל פלעגט איהם איינער פון די בעקאַנטע בעמערקען, ווען ער געהט אַרויס און אָבענטפערן איהם מיט אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ, נאָר מעהרסטמאָל נישט, ווייל פינקעלשטיין איז געווען אַ מענש, וואָס מען האָט נישט בעמערקט....

איינמאל האט זיך געמאכט, אז פינקעלשטיין איז פערשוואונדען פון קאפע־הויז. צוערשט האט מען עס נישט בעמערקט, ווי מען האט איבערהויפט נישט בעמערקט פינקעלשטיינ׳ען, נור ווען עס איז דורכגע־גאנגען א פאר נעכט, און פינקעלשטיין האט זיך נישט געוויזען אין קאפע־הויז, האט מען אנגעהויבען צו בעמערקען, אז פינקעלשטיין פעהלט. דער ערשטער איז געווען דער ווייטער, מר. הארטמאן, וועלכער האט אויפ־מערקזאם געמאכט אויף מר. פינקעלשטיינ׳ס פערשווינדען.

— דער מאן איז וואהרשיינליך קראנק.

— מען וואלט בעדארפט ארויפגעהן זעהן, וואס ער מאכט, — האט ווער געזאגט פון די בעקאנטע.

— האט אודאי נישט ווער עס זאל איהם א גלאז וואסער דער־לאנגען, — האט נאך איינער צוגעלעגט.

— אזא איינער קען אויסגעהן, עס זאל אפילו קיין לעבעדיגע נשמה נישט זיין דערביי, — האט דער דאקטאר, וואס איז געזעסען דער־ביי, געזאגט, אבשארענדיג דעם אש פון זיין ציגאר.

אין מיטען דעם געשפרעך איבער פינקעלשטיין, האט ווער אריינ־געבראכט א צייטונג און געוויזען א צייטונגס־קעפעל וועגען דייטשלאנד. און אזוי ווי אלע, וואס זענען געזעסען אין קאפע־הויז זענען געקומען פון עסטרייך אדער אונגארן, זענען אלע געווען אינטערעסירט אין דייטש־לאנד, און דאס געשפרעך איז באלד איבערגעגאנגען אויף פאליטיק ווע־גען פראנקרייך און דייטשלאנד, און די שטעלונג וואס אונזער „סטייט דעפארטמענט“ וועט נעהמען דערצו, — האט מען אין פינקעלשטיינען פערגעסען.

עס איז דורכגעגאנגען א פאר וואכען, און פינקעלשטיין האט זיך אלץ נישט געוויזען, האט מען זיך ווידער דערמאהנט אן איהם.

— וואו איז דאס אהינגעקומען אט דער, וואס פלעגט דארט זיצען ביי דעם טישעל? — פלעגט זיך ווער דערמאהנען.

— אט דער, וואס האט געטראגען א היימיש פעלצעל?

— פינקעלשטיין, — האט ווער זיך דערמאהנט זיין נאמען.

— טאקע, וואו האט ער דאס געקענט אהינקומען?

— אודאי קראנק געווארען.

— געווים אהיים געפאהרען צוריק.

— און אפשר איז ער געשטאָרבען? — האָט ווער געפּרובט טרעפען.

— אפשר געשטאָרבען, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אָבשי־טענדיג דעם אַש פון זיין ציגאַר.

— אַ וואונדערבאַרע זאַך, — האָט ווער בעמערקט נאָך אַ מינוט שווייגען. — האָט איהר נישט בעמערקט, ווי ער איז שטענדיג געזעסען און געקלעהרט? ווענען וואָס האָט ער דאָס געקענט קלעהרען דורך די גאַנצע נעכט, וואָס ער איז געזעסען ביים טישעל?

— אודאי אַנ'אינטערעסאַנטער מענש געמוזט זיין.

— זיין שווייגען האָט געוויזען אויף טיעפקייט.

— יעדענפאַלס האָט ער געמוזט זיין אַ געהיימניספולער מענש, עפּעס אַ סוד איז פערהוילען געווען אַרום דעם מענשען.

— פאַרוואָס עפּעס אַ „סוד“? — זענען אַנדערע נייגעריג געווען.

— האָט איהר נישט בעמערקט זיין פּעלצעל?

— וואָס עפּעס זיין פּעלצעל?

— זיין פּעלצעל, זיין פּעלצעל האָט עפּעס געוויזען אויף פער־באָרגענע זאַכען.

— ער האָט געמוזט אַרויסקומען פון זעהר אַ רייכער הויז!

— פון מיליאָנערען, אַזאַ פּעלצעל טראָגען אין דער היים נור מיליאָנערען.

— דער מענש האָט געמוזט האָבען אַנ'אינטערעסאַנטע פער־גאַנגענהייט.

— עס האָט געמוזט זיין איינער פון די אינטערעסאַנטסטע מענ־שען, וואָס האָבען פערקעהרט אין קאַפע־הויז.

— איך בעדויער זעהר, וואָס איך האָב זיך נישט בעקענט מיט איהם נעהנטער.

און פינקעלשטיין, וואָס האָט קיינמאָל נישט די זכיה געהאַט, אַז עס זאָל ווער איבער איהם אַנ'איבריג וואָרט אַרויסוואַרפען, איז מיט אַמאָל, נאָך זיין פערשווינדען, געוואָרען דער העלד פון קאַפע־הויז...

אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטען אַ שטיקעל צייט, ביז עס איז אויפגע־קומען אַ נייע סענסאַציע, און פינקעלשטיין איז ווידער פערגעסען גע־וואָרען. קיינער דערמאָהנט שוין נישט זיין נאָמען, און אַז מען קוקט אַהין

דארט אין יענעם ווינקעל, וואו ער פלעגט זיצען, בעמערקט מען אפילו נישט, אז עס פעהלט עפעס...

נור אמאל, אמאל, ביים טישעל פון די אלטע בעקאנטע, ווען עס קומט צורייד וועגען פוטערס, דערמאהנט מען זיך אין פינקעלשטיינ'ס פעלצעל.

— וואס פאר א פוטער האט עס געקענט זיין: ביבער אדער שאפענ־פעלץ? — פרעגט א נייגעריגער.

און צוליעב זיין פעלצעל האט פינקעלשטיין די זכיה נאך אמאל אויך דערמאהנט צו ווערען צווישען די בעקאנטע.

— וואו האט ער דאס געקענט אהינקומען, דער פינקעלשטיין?

— א וואונדערבארע זאך, געוועזן א מענש און איז פערלוירען גע־גאנגען — זאגט א צווייטער.

— פערלוירען געגאנגען, — שטימט צו דער דאקטאר, אבשיטענ־דיג דעם אש פון זיין ציגאר.

# דער שלייפער

(סקיצע)

מען זאָגט, אַז מענשען נעהמען אָן די פאָרמען און כאַראַקטערען פון די מלאכות, ביי וועלכע זיי בעשעפטיגען זיך. איך וויים נישט, אויב דאָס איז אמת אַלס אַנ׳אַלגעמיינער כלל. עס טרעפט זיך אָבער יאָ, דאָס אַ מענש ווערט אויסערליך עהנליך צו דער זאַך, מיט וועלכער ער בעשעפטיגט זיך זיין לעבען לאַנג. און איינעם אַזעלכען אַ פאַל וויים איך אליין. — דאָס איז געוועזן יחיאל דער שלייפער.

אין זיין אויסערליכעם האָט אַ געניט אויג גלייך געקענט בעמערקען ביי וואָס ער בעשעפטיגט זיך. ער האָט אין גאַנצען אויסגעזעהן ווי אַ לאַנג, לאַנג, שאַרף, שמאָל מעסער. אַ הויכער און אַ שפּיציגער. זיין קאָפּ איז געוועזן שפּיציג, און זיין גאַנצער קערפּער, און אַלע זיינע אברים, זענען געוועזן לענגליך און שפּיציגדיג. ער איז געוועזן אין גאַנצען קנאָכיג. קיין איין שטיקעל פלייש האָט מען נישט אָנגעזעהן אויף איהם. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיין גאַנצער קערפּער בעשטעהט פון שטאַרקע, קנאָכעדיגע ביינער, און די ביינער, האָט זיך געדאַכט, זענען געשליפען; וואָרים אַלץ איז אין איהם געוועזן עקיג און שאַרף. די עלענבויגענס האָבען אַרויסגעשטאַרצט פון זיינע אַרבעל, ווי צוויי צונויפגעבונדענע העפטלעך פון שפּיזען. און די פינגער, וואָס האָבען אַרויסגעשטאַרצט פון אַרבעל, זענען געוועזן לאַנגע, שפּיציגע, ווי שטאַרעדינע. יחיאל האָט געהאַט אַ גרויסע ליעבע צו ברעכען זיינע פינגער און זיינע אברים. ער האָט ליעב געהאַט צו הערען דעם קנאַקען פון זיי, און עס איז געוועזן זיין געוואָהנהייט יעדעס מאָל ווען ער האָט זיך געטראָפען מיט אַ בעקאַנטען און אָנגעהויבען

זיך אויסצופרעגן וואָס יענער מאַכט — האָט ער, ווי וועלענדיג יענעם מיט עפּעס מהנה זיין, אָנגעהויבען צו ברעכען פּאַר איהם די פינגער. צוערשט די פינגער אויסגעבראָכען. עס האָט געגעבען אַ קנאַק, אַז עס האָט זיך גערוּאַכט, אַז ער האָט צוברעכען די פינגער. יחיאל האָט גע־געבען אַ שמייכעל, ווי זאָגענדיג: דאָס איז נאָך גאָרנישט. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען זיך אויסברעכען די עלענבויגענס, די קניען. און דערביי האָט ער קיין איין העויה נישט געמאַכט, גאָר זיך נישט אומגעקוקט אויף יענעמס ערשטוינען. ער האָט נור געהאַלטען אין איין שמייכלען. און גע־טהון דאָס מיט אַזאַ גלייכגילטיגער מינע, ווי ער וואָלט זיך נאָר פּאַר צייט־פערטרייב צונומען זיך די אברים פון זיין קערפּער און צוריק צו־גויפגעשטעלט זיי. ווי אַ קינד שפּיעלט זיך מיט אַ געווערקצייג פון אַ זייגערל.

נאָר די אמת'ע שפּיציגקייט פון זיין קערפּער האָט זיך אַרויסגע־וויזען אויף זיין פּנים. שוין אָבגערעדט פון זיין שפּיציגע גאָמבע, וואָס האָט זיך גערוּאַכט ווי ער וואָלט זי געווען אויסגעשליפט, זיינע צוויי אויגען, די שוואַרצע, די שאַרפע און די שיינענדיגע — אויך געווען ווי אויסגעשליפען. ווי צוויי אויסגעשליפענע שטיינער וואָלטען געזעסען אין זיין פּנים. נאָר אַממעהרסטען געשליפען איז געווען זיין נאָז. דער ביין פון זיין נאָז האָט זיך אַרויסגעשניטען פון דער דינער הויט, וואָס האָט איהם פערהוילען — ווי אַ שאַרף־געשליפענער מעסער. לאַנג און דין איז ער געווען, וואָס ווייטער אַלץ דינער, ביז זיין שפּיץ האָט ער דערגרייכט צו אַ דינע, שפּיציגע פאָלקאָמענהייט, ווי אַ מייסטער אַ שלייפער וואָלט עס געטהון.

אין דער אַלטער היים איז שלייפעריי נישט קיין בעשעפטיגונג, צו וועלכע היינטוועלטיגע יונגע לייט זאָלען זיך נעהמען. מיט שלייפעריי בעשעפטיגען זיך עפּעס אַרומוואַנדלענדע מענשען, וואָס קיינער קען זיי נישט און ווייסט נישט ווער זיי זענען. זיי קומען אָן פּלוצלונג, פּיהרענ־דיג עפּעס אַ מאָדנע ראָד מיט אַ שלייף־שטיין, קלומפּערן עפּעס מיט אַ קלומפּער. ברענגט מען זיי אַרוים די טעמפּע מעסערס, שלייפען זיי זיי אָן, קריגען דערפאַר בעצאָהלט אַ פּאָר גראָשען און פאָהרען ווייטער מיט זייער ראָד, קלומפּערענדיג מיט זייערע קלומפּערלעך. קיינמאָל דינגען זיי זיך נישט, קיינמאָל ריידען זיי נישט אוים קיין וואָרט, און קיינמאָל

ווייסט מען נישט ווען זיי וועלען נאָך אַמאָל קומען. קיינער ווייסט נישט וואו זיי וואוינען, פון וואַנען זיי קומען, און אָפטמאָל פיהרען זיי מיט מיט זיך מאַלפּעלער, אַנגעבונדען אויף קייטעלער. עפּעס מיסטיש-בלאָהע פּוינעל, וואָס קיינער ווייסט נישט, צו וואָס זיי פיהרען דאָס מיט זיך. אָפטמאָל פערקויפט אייך אַזאַ שלייפער פערשיעדענע פּראַשקעס, אַזעלכע זאַמד-סמים מייז צו פערטרייבען, וואַנצען און אַנדערע הויז-ווערים צו פערטרייבען. און אַז איהר קוקט זיך גוט צו צו אַזאַ שלייפער, ווייסט איהר אייגענטליך נישט ווער ער איז אַזעלכער....

איך וויים דעריבער נישט, צי יחיאל האָט זיך בעשעפטיגט מיט דער מלאכה אין דער אַלטער היים, כאָטש איך געדענק גאַנץ גוט, אַז מען האָט איהם גערופען „שלייפער“ פון דער היים, נאָך קומענדיג דאָ אין אַמעריקא האָט יחיאל געקראָגען בעשעפטיגונג אין אַ שלייפער-שאַפּ, וואו מען האָט געשליפען די מעסערס פאַר די קירזשנערס.

לאַנדסלייט און גוטע בעקאַנטע פון דער היים זענען מיר געווען. פלעגען מיר זיך טרעפען זעהר אָפט ביי אַ לאַנדסמאַן אָדער ביי אונטער-נעהמונגען, און איך פלעג וויסען ווי עס געהט מיט איהם.

אַ לאַנגע צייט האָט יחיאל געאַרבייט אין דעם שלייפער-שאַפּ. מיר דאַכט זיך, אַז ער האָט געזאַמעלט געלד און געקליבען זיך אַהיים צו פאָהרען. געערדט האָט ער דערפון, אַז אַלע מיידלעך אין אַמעריקאַ זע-נען נישט ווערט, וואָס די ערד טראָגט זיי, און חתונה האָבען דאַרף מען נאָר מיט אַ מיידעל פון דער היים, „וואָס דו ווייסט וואָס זי איז, ווער זי איז“. ערשט איך בין ערשטוינט געווען צו הערען פון אַ לאַנדסמאַן, אַז יחיאל איז אַ חתן געוואָרען פאַר אַ טאָכטער פון אַ רייכען פּעלצען-הענדלער.

אַז איך האָב געטראָפען יחיאל'ן, האָט ער צוערשט אויסגעמידען מיט מיר צו ריידען דערפון, דערנאָך האָט ער זיך מיט אַ פערלעגען, פערשעהמט שמייכעל מודה געווען. „ער ווייסט אַליין נישט, ווי אַזוי עס איז געשעהן“. נאָך מעהר איבעררעאַשט בין איך געוואָרען, ווען ער האָט מיר פאָרגעשטעלט זיין כלה. זי איז געגאַנגען רייך אַנגעטהון, בעהאַנגען מיט ציערונג, אין אַ טייערן פאַקוגעם פוטער. נישט שטענדיג קליידט אַ פוטער צו דער פרוי וואָס טראָגט איהם. ווען די פרוי איז נאָך אַ שוואַ-כע, אַ דינע און אַ דעליקאַטע, דאַכט זיך מיר אָפט, ווען איך [illegible]

פרוי אָנגעטהון אין אַ גרויסען, ברייטען פוטער, אַז זי איז געפאַנגען גע־גומען פון אַ גרויסען בער און זי קען זיך נישט אַרויסקריגען פון איהם. דער מיידעל האָט אָבער זעהר געפּאַסט דער שטאַרקער, פינקעל־שוואַרצער פעלץ, אין וועלכען זי איז געווען אַרומגעהילט. ערשטענס האָט זי שוין נישט אויסגעוויזען ווי אַ מיידעל, נאָר ווי אַ שטאַרקע יונגע פרוי. איהר בעלעבט פנים, גרויסע, אָפענע אויגען, פרישע, פליישיגע באַקען, און פרישע, פליישיגע ליפען, דער פרייער נישט געקרעמפּירטער בליק פון איהרע אויגען, האָבען אויסגעזאָגט, אַז דאָס מיידעל האָט שוין פאַר גאָר־נישט קיין מורא... און איהר גרויסער, שוואַרצער, פינקעלדיגער קאָפּ האָר האָט זיך זעהר צוגעפּאַסט צום פעלץ. ער איז געווען ווי אַ קאָפּ פון דעם פעלץ, וועלכען זי טראָגט. זי האָט געררעדט אָפען געקוקט איין גלייך אין די אויגען אַריין און בעוויזען דערביי איהרע ווייסע, געשליפענע צייהן פון איהר רויט מויל, וואָס זי האָט געוואוסט, אַז דאָס געפעלט מענער.

איהם, יחיאל'ן, האָט זי באַלד בעהאַנדעלט, ווי ער וואָלט געווען איהרם אַ שיק־יונגעל. זי האָט איהם געהאַלטען אין איין אוועקשיקען. דאָ זאָל ער איהר ברענגען אַ פּראָגראַם פון אָוועגד, און דאָ זאָל ער איהר אויסזוכען איהר מוטער, און קוים האָבען מיר זיך אוועקגעזעצט ביי אַ טישעל (עס איז געווען אויף אַ באַל אין האָל, וואו מיר האָבען זיך דעם ערשטען מאָל בעגעגענט), האָט זי איהם געהאַלטען אין איין שיקען צום בופעט נאָך לעמאָנייר, נאָך אָראַנדישייד, און אַז זי האָט שוין גאָרנישט געדאַרפט, האָט זי איהם גלאַט געהייסען, ער זאָל אַביסעל געהן צו זיינע פריינד.

— שוין געזעהן אַ חתן זאָל אַזוי קלעפּען צו אַ כלה? מ'ווערט דאָך לאַכען פון דיר.

זי האָט דאָס געטהון מיט אַזאַ זעלבסטפערשטענדליך מינעלע, מיט אַזאַ זיס פליישיג געלעכטערל, וואָס איז אַרויסגעקומען פון איהר אָפע־נעם מויל, פון איהרע ווייסע ציין און רויטע ליפען און עס איז אַזוי בעלעבט געוואָרען פון איהרע גרויסע, שוואַרצע אויגען, אַז עס איז נישט געווען וואָס זיך צו בעליידיגען, און יחיאל האָט דאָס אַלעס אויסגעפיהרט מיט אַ קינדישע מינע, אונבעהאָלפען־פערשעהמט, מיט זיין נעווועהנליך פערלעגען שמייכעלע, וואָס פלעגט אַרויסקומען אַרורכגעשניטען פון די שאַרפקייט פון די ליפען, אויף וועלכע עס פלעגט ערשיינען....

זיי האָבען חתונה געהאַט. און איך האָב געהערט, אַז יחיאל איז געפאָהרען מיט זיין כלה גלייך נאָך דער חתונה אויף אַ פּאָר טעג אין אַ האָטעל אין אַ ווינטער־פּלאַץ אויף „האַנימון".

איך ווייס נישט, וואָס עס איז געשעהן דאָרט; מיט זיי אויפ'ן „האַנימון", וואו זיי זענען געפאָהרען. נאָר ווען זיי זענען צוריקגעקומען, האָב איך יחיאל'ן נישט דערקענט. אויסערליך האָט ער זיך גאָרנישט גע־ענדערט, אפילו נישט דאָס פערלעגענע שמייכעלע אויף זיינע געשאַרפטע ליפּען. נאָר עפּעס אַנ'אונבעשרייבבאַרער טרויער האָט זיך געזעצט אויף זיין פּנים. זיינע אויגען זענען טיעף איינגעזונקען געוואָרען, די נאָז זיינע — נאָך שאַרפער, נאָך שפּיציגער, און קיין איין וואָרט נישט פון מויל אַרוים.

— ווי געהט עס דיר? וואָס איז?

קיין וואָרט נישט. נור דאָס אונערקלעהרבאַרע שמייכעלע, וואָס איך ווייס נישט וואָס עס מיינט.

בעקאַנטע, לאַנדסלייט האָבען מיר דערנאָך געזאָגט, אַז יחיאל איז אריינגעפאַלען. יענע האָט שוין געהאַט אַ גאַנצע פערגאַנגענהייט הינטער זיך, איידער זי האָט נאָך געקענט יחיאל'ן. עפּעס רוימט מען זיך אין אויער, אַז עס איז דאָ אַ קינד פון פאַר דער חתונה, וואָס ציהט זיך אויף ביי אַ גויה אין אַ דאָרף. און עפּעס איז דאָ אַ רייכער מאַנופעקטשורער, וואָס איז נאָך אַ גרויסער מחותן מיט'ן ווייבעל ביז'ן היינטיגען טאָג. און צוליעב דעם מאַנופעקטשורער איז די גאַנצע חתונה מיט יחיאל'ן געווען, און יחיאל ווייסט דאָס. ער ווייסט שוין אַלעס — זי האָט עס איהם אַליין געזאָגט — „און קינדער זאָלסטו דיר פון קאָפּ אַרויסשלאָגען. קינדער וועלען נישט זיין". — האָט זי געזאָגט איהם זאָגען.

און קומט ער אַהיים פון דער אַרבייט, איז קיין היים, קיין ווייב — טהוט זי זיך אָן אין טעאַטער צו געהן מיט'ן מאַנופעקטשורער. יענער וואָרט שוין אין שטוב. קומט אַרויף. איז אַנ'אָפּטער איינגעהער... אָפּט־מאָל געהען זיי אַליין, און אַז זיי נעהמען איהם מיט, בעדיענט זי זיך מיט איהם ווי מיט אַ שיק־יונגעל.

— יחיאל, ברענג מיר דאָס טיכעל, איך האָב עס איבערגעלאָזט אין פּעלץ ביים פּאָרטער.

און אַז זי וויל גאָר, זאָגט זי:

— יחיאל, פּליז, געה אַהיים. מיר וועלען שפּעטער קומען.

און יחיאל פאָלגט, ווי אַ קליין קינד, מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען פאָלגט ער. טהוט אַלצדינג, וואָס זי הייסט: הייסט זי איהם געהן, געהט ער; הייסט זי אַרויסגעהן פון שטוב, געהט ער אַרוים. קיין איין וואָרט זאָגט ער נישט אַנטקעגען. קיינמאָל הערט זיך נישט פון איהם קיין איין וואָרט. שווייגט, שווייגט, שמייכעלט און טהוט וואָס מען הייסט איהם.

נור ווען ער שטעהט בייטאָג ביי דער אַרבייט און ער שלייפט די גרויסע, לאַנגע מעסערס אויפ'ן שלייף־שטיין, שאַרפט ער זיי וואָס אַמאָל דינער, וואָס אַמאָל שפּיציגער. אַ גאַנצען טאָג שלייפט ער מעסערס, איינעם נאָך דעם אַנדערן שלייפט ער... שלייפט ער די מעסערס, דאַכט זיך איהם טיילמאָל ביים שלייפען די מעסערס, אַז ער זעהט פון דערווייטענס זיין ווייבעל אָנגעטהון אין דעם שוואַרצען, פינקעלדיגען פאָקונעם פעלץ, און איהר שוואַרצער קאָפּ האָר קוקט אַרוים פונ'ם האַלז פון פעלץ און ער איז ווי דער קאָפּ פון אַ שענע שוואַרצע, פינקעלדיגע חיה. און עס זעהט זיך אַרוים איהר רויט מויל מיט איהרע ווייסע, געשליפענע ציין... דענסטמאָל צינדט זיך אָן אַ שוואַרצער שטראַהל אין זייגע געשאַרפטע אויגען. זיין גלייכע, לאַנגע נאָז ווערט שאַרפער און שפּיציגער, און ער שלייפט דאָס מעסער אויפ'ן ראָד שאַרפער, שאַרפער....

# מחותנים

(ערצעהלונג)

ניט שטענדיג איז דער אַלטער גליקשטיין, וועלכען מען קען אין שטאָדט אונטער דעם נאָמען דער „זיידע“, געווען אַזוי פערצווייפעלט איבער דער צוקונפט פון ראַדיקאַליזם אין אַמעריקא, און אַזוי פערביטערט געגען דער גאַנצער „בעוועגונג“, ווי ער איז היינט. גאָר אין די יונגע יאָהרען, ווען ער האָט געוואָהנט אין ניו־יאָרק, האָט גליקשטיין געריהמט פאַר איינעם פון די בעסטע רעדנער, וואָס די „גרופּע“ האָט, און פאַר דעם „אַקטיוועסטען טוער“ אין דער ראַדיקאַלער בעוועגונג. אמת איז, אַז מיט דער גלאָריע פון דער יוגענד לעבט ער נאָך ביז׳ן היינטיגען טאָג. און כאָטש, אַז מען דערמאָהנט איהם אָן די טעג, שטעלט ער אָב מיט דער האַנד, און בייזערט זיך: „געגוג, גענוג!“ דאָך האָט ער ליעב, אַז מען זאָל איהם דערמאָהנען אָן יענע טעג, און טר זאָל דאַרפען אָבשטעלען מיט דער האַנד יענעם און בייזערען זיך: „גענוג, גענוג!“

צו דער פערצווייפלונג און רעזיגנאַציע פון זיין גאַנצער ראַדיקאַלער אַקטיוויטעט, האָט איהם קיין אַנדערער ניט געבראַכט, נור זיינע אייגענע קינדער. און כאָטש עפענטליך וויל דאָס דער „זיידע“ ניט נאָכגעבען און האַלט אַלץ אין איין שיטען פעך און שוועבעל אויף זיי, אויף די ניו־יאָרקער גדולים, און אויף די „נייע“, וואָס האָבען זיך אַריינגעכאַפּט, אַז זיי זיינען שולדיג אין דעם גאַנצען „חורבן“, וואָס עס איז געקומען אויף דער ראַדיקאַלער בעוועגונג, אַז זיי האָבען פעריאָגט די „בעסטע און אַקטיוועסטע קרעפטען“, און צוליב זיי האָט ער „פערלאָזען דעם שלאַכטפעלד“. אין האַרצען אָבער ווייס ער גאַנץ גוט, אַז ניט זיי

זיינען שולדיג אין זיין פערצווייפלונג און רעזיגנאַציע, נור זיינע אייגענע קינדער.

וואָרים, וויפיעל דער אַלטער גליקשטיין, דער „זיידע", איז ניט מבטל דעם גאַנצען היינטיגען „ראַדיקאַלעבץ", און מאַכט ניט אַוועק מיט דער האַנד אַלע היינטיגע „מאַכערס", וועלכע זיינען אַ חברה באָד־יונגען, היפּאָקריטען, עם־הארצים א. ד. גל., דאָך האַלט ער זיך, אַז ער האָט זיי אַלע אויסגעשטעלט, אַז ער איז זייער לעהרער. און דערמאָהנט עפּעס אַ נאָמען פון אַ „גדול", וואָס דער אַלטער גליקשטיין מאַכט פון איהם „אַש און בלאָטע", פערגעסט ער אָבער באַלד ניט צוצולעגען: „איך האָב דאָך געלערענט מיט איהם באַקונין, קראָפּאָטקין. איך האָב דאָך איהם געלע־רענט, ער איז מיין שילער, אַלצדינג וואָס ער ווייסט, איז דאָך פון מיר, ער איז דאָך מיין תלמיד". און כאָטש דער אַלטער גליקשטיין, דער „זיידע", האַלט זיך פאַר דעם רבי'ן פון דור, און אַלע „גדולים" (וואָס טויגען טאַקי אין דר'ערד) זיינען זיינע תלמידים, אָבער זיינע אייגענע קינדער האָט ער ניט געקענט ערציהען.

צוערשט האָט ער ניט געהאַט קיין צייט צו זיי. ער איז געווען פערנומען מיט דער „ראַדיקאַלער בעוועגונג". זעהר זעלטען אין דער היים געווען. די טעג פערבראַכט אין קאַפע־הייזער און די אָוועגדען אויף מי־טינגען, אין קרייזלעך. האָט ער ניט געהאַט קיין צייט זיך אָבצוגעבען מיט זיינע אייגענע קינדער. זיי האָבען איהם אויך ניט אינטערעסירט. געבוירען געוואָרען אַ קינד — זאָל עס די מאַמע ערציהען. און די מאַמע, כאָטש זי איז געווען דאָס ווייב פון דעם בעקאַנטען טוער גליקשטיין, און ווי מען האָט געזאָגט צווישען אייגענע האָבען זיי חתונה געהאַט אָהן חופה וקדושין, נור דורך דער הייליגער ליעבע, אָבער דאָך איז זי ניט אַנדערש געווען ווי אַנדערע מוטערס. געווען אַ פראָסטע אידענע, וואָס האָט ליעב געהאַט איהרע קינדער ווי יעדע אידענע, און נאָכגעגעבען איהרע קינדער דאָס, וואָס זיי האָבען געוואָלט, אפילו רעליגיעזע צערע־מאָניעס.

קינדער זיינען ביי דעם „זיידע" געווען דוקא ניט קיין אינטערע־סאַנטע, און ווייט ניט קיין „ראַדיקאַלע". געבוירען האָט איהם דאָס ווייב טעכטער, איינע נאָך דער אַנדערער, עפּעס איבערגעיורענע מוידען, וועלכע זיינען אויפגעוואַקסען אין דער הויך, ווי וואַסערדיגע געוויקסען. „ציבע־

לעס“ האָט ער זיי גערופען. פאַרוואָס ציבעלעס, — ווייסט קיינער נישט. אַז זיי זיינען געווען קליין, האָבען זיי פאַר׳ן טאַטען מעהר מורא געהאַט ווי דרך ארץ. גליקשטיין האָט געהאַט אַ באַסאָווע שטימע, און פון „לעקטשורן“ איז זיין קול געוואָרען אַן אויסגעשריענער און אַ הייזערי־גער, ווי דער קול פון אַן אויסגעטראָמפּייטעטען טראָמפּייט, אַ פּאָר שטאַרקע, הויך־בעוואַקסענע, שטייפע, שוואַרצע ברעמען האָבען פאַר־דעקט זיינע אויגען. די וואָנצעס זיינען ביי איהם געווען געגאָלטע, האָט זיך די לאַנגע נאָז שאַרפער אַרויסגעשניטען פון פּנים. אַ הויכער און אַ ברייט־בייניגער האָט זיין פיגור און פּנים געמאַכט אַן איינדרוק, און מען האָט מורא געהאַט פאַר איהם. און אַז ער איז אהיים געקומען, האָט ער געהאַלטען די הענד אין די הויזען־קעשענעס, און האָט געהאַט נאָר איין וואָרט פאַר זיין פאַמיליע: „זאָל זיין שטיל“. און אַז מען האָט דערהערט דעם „זאָל זיין שטיל“, אַרויסקומענדיג פון דער הייזעריגער באַסאָווער שטימע, מיט דעם בליק פון אונטער די שוואַרצע געדיכטע ברעמען, מיט די הענד אין די הויזען־קעשענעס — איז געוואָרען שטיל. עס איז פער־שטומט געוואָרען דאָס לאַכען פון די טעכטער, דער געשריי פון ווייב, און די פרייד פון די קינדער. אַלע האָבען זיך פערשטעקט אין ווינקעלעך, — און עס איז געוואָרען שטיל. און טאָמער האָט דאָס ניט געהאָלפען, ניט דער „זאָל זיין שטיל“, און ניט די הענד אין די הויזען־קעשענעס, האָט ער זיך געווענדעט צום ווייב: „סאַראַה!“ און טאָמער האָט מען גע־הערט דאָס וואָרט „סאַראַה!“, האָט מען שוין געוואוסט, אַז עס איז שלעכט. נאָר דאָס איז אַלץ געווען, ווען די טעכטער זיינען געווען קליין, און געגאַנגען אין שול אַריין. קוים אָבער זיינען זיי אַרוים פון שול און איינע איז געוואָרען אַ סטענאָגראַפיסטקע, וועלכע ברענגט דער מוטער אַהיים זיבען דאָלאַר אַ וואָך, און די איבריגע האַלט זי „פאַר קליידער“ פאַר זיך, און די אַנדערע אַ מילינערין, וואָס האָט אויך צושטייער געגע־בען אין הויז אַריין, — האָט דער „זאָל זיין שטיל!“ שוין אַזאַ איינ־דרוק ניט געמאַכט. צוערשט האָט מען ניט אַנטקעגענגערעדט, געקוקט נאָר קרום אויפ׳ן טאַטען, וואָס בעפעהלט אַזוי, דערנאָך האָט מען איהם געגעבען אָנצוהערען, אַז ער איז ניט דער איינציגער בעל־הבית אין שטוב, אַז זיי האַלטען אוים דאָס הויז פונקט אַזוי ווי ער, און אויב ער מיינט ווייטער אַזוי צו „באָסעווען“, און זיי ניט לאָזען דעם קאָפּ אויפהייבען, —

וועלען זיי זיך זוכען אַן אַנדערע היים, וואו זיי וועלען ניט דאַרפען הערען דעם „זאָל זיין שטיל!“. דער „אַרגומענט“ האָט געהאָלפען, און גליק־שפּיין’ען שטיל געמאַכט.

אייגענטליך האָבען די טעכטער ניט געוואוסט, מיט וואָס דער טאַטע בעשעפטיגט זיך, און פון וואָס ער מאַכט אַ לעבען. און וויפיעל די מוטער האָט זיך ניט בעמיהט זיי געבען צו פערשטעהן, אַז זייער פאָטער איז אַ „גרעיט מען“, „אַ פּאָבליק מען“, „אַ ליעדער“ און נאָך אַזעלכע נעמען, האָט עס אויף זיי קיין איינדרוק ניט געמאַכט. זיי האָבען עס בעטראַכט פאַר אַ פּרנסה, און יעדער „טרייט“ צו מאַכען אַ לעבען, אַזוי ווי ער קען. עס וואָלט זיי געווען פיעל אנגענעהמער, און זיי וואָלטען עס בעטראַכט פאַר פיעל מעהר כבוד, ווען זיי וואָלטען געקענט זאָגען זייערע חבר’טעס, אַז זייער פאָטער איז אַ מאַנופעקטשורער אָדער אַ סטאָר קיפּער. און איינע פון זיי, די מיליגערין, האָט שוין דעם פאָטער געמאַכט פאַר אַ „לענדלאָרד“. זי האָט דאָס געזאָגט צו איהר באָי, מיט וועמען זי איז אויסגעגאַנגען, דענקענדיג, אַז עס איז אַ פיעל מעהר אנשטענדיגע בעשעפטיגונג, ווי אַ „פּאָליטישער“ אַגיטאַטאָר, און וועט מאַכען אַ פיעל שטאַרקערען איינדרוק אויף איהר באָי, און וועט אויך ברענגען פאַר איהר פיעל בעסערע רעזולטאַטען. און זי האָט זיך ניט אָבגענאַרט.

אינגלעך זיינען דוקא ביי איהם געווען יאָ אינטערעסאַנטע. און אויף איינעם, אויף דעם איינגסטען, וועלכער טרעט אריין אין האַי סקוהל, האָט ער געלעגט גאַר גרויסע האָפנונגען, אַז ער וועט אויסוואַקסען אַ פּאָעט. דער אינגעל איז געווען אַ מעלאַנכאָלישער, מיט אַ פּאָר פער־חלום’טע אויגען, איז געראָטען אין דער מאַמען מיט זיין שעמעוודיגקייט און מורא האָבען פאַר מענשען. אָבער ווי איבערראַשט איז דער טאַטע געוואָרען איינמאָל אין אַן אָוענד, ווען דער אינגעל האָט פאַרגעוואָרפען דעם טאַטען, אַז ער געהט קיינמאָל ניט אין „טעמפעל“, און מאַכט קיינ־מאָל ניט קיין „קידוש“, ווי זיין פריינד לעווינשטיין’ס „דעד“ מאַכט. „יו אַר נאָט ע דזשו. אַ דזשו געהט אין טעמפעל און מאַכט יעדען פריי־טאָג־צונאַכטס קידוש“, — האָט דאָס אינגעל געזאָגט צום פאָטער.

— הו טאָלד יו דיס! — הו טאָלד יו דיס! — האָט דער פאָטער געדונערט מיט זיין באַסאָווער שטימע. און ווי דער שטייגער ביי אַזעלכע אונגליקען האָט גליקשטיין גערופען דאָס ווייב:

— סאַראַה ! סאַראַה !

סאַראַה איז געווען פערנומען אין קיך. דערהערט דאָס וואָרט „סאַ־ראַה“, האָט זי שוין געוואוסט, אַז אַ גרויס אונגליק איז געשעהן און איז געקומען צולויפען מיט די אַרויפגעשאַרטע אַרבעל, ווי זי איז געשטאַנען ביים וואַשען.

— וואָס איז געשעהן ? — האָט סאַראַה געפרעגט מיט שרעק.

— אַנו, זאָג עס נאָך אַ מאָל איבער דער מאַמען דיינער. זאָג עס איבער, זאָג עס איבער, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט, — האָט גליקשטיין געדונערט צום דערשראָקענעם אינגעל.

דאָס אינגעל האָט נאַאיוו איבערגעחזר'ט די ווערטער:

— איך האָב געזאָגט דעם פאָפּ, אַז ער איז נישט קיין דזשו, אַ דזשו געהט אין טעמפּעל און מאַכט קידוש.

— דו הערסט, סאַראַה! דו הערסט! — האָט גליקשטיין גע־דונערט.

— וואָס האָט ער דאָס אַזוינס געזאָגט? אַ קינד געהט אַריין צו אַ שכן לערנט ער זיך אָפּ.

— אַזוי! ער האָט גאָרנישט געזאָגט! איך בין נישט קיין דזשו, הע, דערפאַר וואָס איך געה נישט אין טעמפּעל, הע? ער האָט גאָרנישט געזאָגט, הע?

— וואָס איז, אַז דו וואָלסט אַמאָל געגאַנגען אין טעמפּעל פאַר אַ קינד'ס וועגען, אָדער וואָלסט פרייטאָג אין אָווענד געווען אין דער היים מיט די קינדער צוזאַמען, נישט זיי זאָלען דאַרפען זיצען אין פרעמדע הייזער, — האָט דאָס ווייב געוואַגט צו זאָגען יעצט, וואָס זייט די מעכטער ברענגען אַהיים די ווידזשעס האָט זי מעהר מוט געקראָגען.

— וואָס האָסטו געזאָגט? געהען אין טעמפּעל? איך זאָל געהן אין טעמפּעל? האָסט פערגעסען ווער איך בין, הע? — האָט ער אויס־געטהאָן די גרויסע שפּאַקולען און אָנגעקוקט דאָס ווייב מיט די נאַקעטע אויגען, וואָס דאָס איז געווען אַ סימן, אַז גליקשטיין איז שוין גוט בייז. און עס זעהט־אויס, אַז פאַר דעם אויסטהאָן די שפּאַקולען האָט זיך דאָס ווייב דערשראָקען, און האָט צוריקגעכאַפּט:

— וואָס האָב איך דען געזאָגט, זאָלסט אַמאָל מהאָן פאַר אַ קינד'ס וועגען... שוין, שוין... ביזט דאָך קיינמאָל נישט געגאַנגען

אין טעמפעל אריין, וועסטו שוין ווייטער אויך נישט געהן, — האט איהם דאס ווייב בערוהיגט.

— און מיט דעם האב איך אבגעלעבט מיינע יאהרען! און מיט דעם האב איך פערבראכט מיינע טעג! — האט גליקשטיין זיך בערויערט.

אבער גליקשטיין האט נישט בעמערקט, ווי בישלעכווייז האט דאס ווייב, צוליעב די קינדער, אריינגעצויגען די אידישקייט אין שטוב אריין. צוערשט האט עס זיך אנגעהויבען מיט די מאכלים. צו יעדען יום־טוב האט גליקשטיין געפונען די פאסענדע אידישע מאכלים אויפ'ן טיש, מצות, קניידלעך, קרעפלעך א. ד. גל. נור געגען אידישע מאכלים האט גליקשטיין קיינמאל נישט געהאט. אדרבא, ער האט ליעב געהאט די אידישע מאכלים און דערום האט ער זיי אויך געדולדעט אין זיין שטוב. נור ווען ער איז אמאל, דורך א צופאל, געווען פרייטאג צו־נאכטס אין דער היים, איז ער איבערראשט געווארען צו געפינען ווייך מיט א בעכער אויפ'ן טיש. ליכט האבען געברענט אין די לייכטערלעך און חלות זענען געלעגען אויפ'ן טיש. גליקשטיין איז ערשטוינט געבליבען.

— סאראה, וואס איז דאס? — פרעגט ער דאס ווייב, אנווייזענ־דיג אויפ'ן וויין.

— וואס ארט עס דיך? דאס איז פאר סעמ'ען. דאס קינד האט ליעב צו פיהרען זיך אידישלעך, וואס ארט עס דיך?

— וואס ארט עס מיך? פרעגסט וואס ארט עס מיך, הע?...

נור דא האבען זיך שוין די טעכטער אויך אריינגעמישט. זיי זענען צו־הילף געקומען דער מוטער.

— ווהאט איז די מעדער? — זאגט די עלטערע, וואס ברענגט אהיים זיבען דאלאר א וואך — סעם וויל קידוש מאכען, אי פעי פאר דהי וויין. גא אהעד, סעם! — רופט זי צום ברודער.

גליקשטיין האט זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל א פערצווייפעל־טער און צוגעקוקט די צערעמאניע, ווי סעם וועט קידוש מאכען. סעם א בלייכער און א דערשראקענער האט אנגעטאן דעם הוט, אויפגעמישט דעם סדור, און גענומען שטאמלען, קייענדיג די עברי', ווי א דרדקי־אינגעל אין א חדר:

— ע—הי יו—ם ה—שי—שי... — — —

— גראבער יונג, דו קענסט דאך צומאל נישט, — האט זיך

גליקשטיין אָנגערופען. דו ווייסט דאָך צומאָל נישט ווי אַזוי צו זאָגען.

— דו האָסט דאָך איהם נישט געלערנט, — רופט זיך דאָס ווייב אָן.

איז גליקשטיין צוגעגאַנגען צום טיש, גענומען דעם בעכער פון סעם'ס האַנד, מיט אַ מאַך אַוועקגעשאַרט סעם'ן, און געמאַכט קידוש אויף אויסוועניג.

ווען גליקשטיין האָט געצערטעלט די ווערטער פון קידוש מיט'ן נגון, האָבען סאַראַה'ס אויגען געגלאַנצט פאַר נחת, און די קינדער זענען געשטאַנען מיט אויפגעעפענטע מיילער און האָבען פאַר'ן טאַטען גרויס דרך־ארץ געהאַט...

---

איינמאָל, ווען גליקשטיין איז אַהיים געקומען אין אָווענד, האָט ער געפונען אַ גרעסערע געזעלשאַפט אין פאַרלאָר פון יונגע לייט און מיידלער, וועלכע זענען געקומען צו די מיידלער. גליקשטיין איז צו דעם געוועהנט געווען און נישט פיעל אויפמערקזאַמקייט דערצו געשענקט. ער האָט זיך שוין געפיהלט אין זיין היים ווי אַ פרעמדער, בעהאַלטען זיך אין זיין ווינקעל, אין זיין שלאָפצימער אין דער הויך, וואו ער האָט געהאַט זיין בעט און אָנגעוואָרפענע ביכער, צייטונגען און שרייב־מאַטעריאַלען אַרום. דאָס ווייב האָט איהם איבערראַשט מיט די נייעס, אַז זייער טאָכטער מאַשאַ, די מילינערין, איז „ענגיידזשד" געוואָרן צו מר. באָרענשטיינען, דעם האָלסייל דיעלער מיט גראָסערי זאַכען, אַ פיינער, אַנשטענדיגער יונגערמאַן. גליקשטיינען איז נישט געווען קיין גרויסער חילוק, מיט וועמען זיין טאָכטער איז ענגיידזשד געוואָרען. אַ ביסעלע איז ער צופרידען געווען, וואָס זיין טאָכטער האָט געקריגען אַ מאַן, און אַ ביסעלע האָט עס איהם געאַרט, וואָס די זיבען דאָלאַר אַ וואָך, וואָס די טאָכטער ברענגט אַהיים וועלען אַ גרויסען לאָך מאַכען אין בודזשעט... נאָר ער האָט זיך פערלאָזט אויפ'ן ווייב, וועלכע האָט שטענדיג געטראָגען אויף זיך דעם יאָך פון די שטוב־זאָרגען, מן הסתם וועט זי זיך שוין אַן עצה געבען. פון אָנשטענדיגקייטס וועגען האָט מען איהם פאָרגעשטעלט דעם יונגענמאַן. נור מחותן און חתן האָבען געהאַט וועניג וואָס צו רעדען מיט אַנאַנדער. וועגען האָלסייל גראָסערי זאַכען

האָט גליקשטיין ווייניג וואָס געוואוסט, און פון אַנ'אַנדער זאַך האָט דער חתן כמעט נישט געוואוסט צו רעדען. אין „באַקונין" און „קראָפּאָטקין" איז ער נישט קיין גרויסער בקי, האָבען זיך מחותן און חתן באַגוגענט מיט דער אָפיציעלער פאָרשטעלונג און „האַו דו יו דו", און זיינען געבליבען גוטע פריינד פון דערווייטענס.

ביז צו דער חתונה האָבען זיך מחותן און חתן כמעט ווי נישט בעגעגענט. גליקשטיין האָט אויסגעמיטען די שטוב, איז מעהר געזעסען אין קאָפּע-הויז. די שטוב איז איהם געוואָרען אונערטרעגליך, שטענדיג רוישיג. דער חתן האָט אין די אָוועגדען פול געמאַכט דאָס הויז. יעדען אָוועגד איז דער חתן געקומען צו דער כלה זיך „אַמוזירען", און דאָס אַמוזירען איז בעשטאַנען פון לעדיג-געהענדע לאַנגע שטונדען, באַנאַלע פוסטע ווערטלעך און רעש'דיג לאַכען, וואָס האָט דענערווירט גליק-שטיינען און געטריבען פון איהם זיין רוה. אָבער כדי זיי נישט צו שטערען, האָט ער ליעבער פערבראַכט די אָוועגדען אין קאָפּע-הויז.

מיט די חתונה-הכנות האָט זיך גליקשטיין נישט בעשעפטיגט. דאָס יונגע פּאָר פּאָלק האָבען אַליין געמאַכט אַלע פאָרבערייטונגען, ווי זיי האָבען פערשטאַנען, און גליקשטיין האָט נור געוואַרט אויף דער מינוט, אַז עס זאָל שוין זיין פאַרביי, בעטראַכטענדיג עס פאַר אַן אָבקוי-מעניש, וואָס ער מוז עס דורכגעהן.

דאָס יונגע פּאָר פּאָלק האָבען גענומען אַ האָל, בעשטעלט אַ רעווי-רענד און אַ בדחן און צוגעגרייט אַלע צערעמאָניעס. דעם חתן'ס צד איז געווען פרום, גאַליציאַנער אידען, און דער חתן האָט דוקא געוואָלט האָבען אַ חתונה מיט אַלע אידישע צערעמאָניעס. פון דער כלה'ס צד האָט קיינער נישט געשטערט. גליקשטיין האָט זיך גאָרנישט געמישט, און דער כלה'ס מאַמע איז געווען גליקליך צו האָבען די זכיה צו פיהרען די כלה אונטער אַ אידישע חופּה. סאַי ווי סאַי האָבען חתן-כלה געמאַכט אַזעלכע אַרענדזשמענטס, ווי עס האָט זיך זיי געוואָלט און נישט געפרעגט קיין עצות ביי די עלטערן.

צו דער חתונה איז גליקשטיין געקומען ווי אַ פרעמדער (דאָס ווייב האָט איהם געשלעפּט), אָנגעטהאָן זיך דעם „פּרינץ אַלבערט", וואָס ער פלעגט טראָגען ביי די לעקטשורס. אַז ער איז אַריינגעקומען אין האָל, האָט ער שוין געטראָפען אַ פולען האָל מיט מחותנים און דעם

חתן'ס פריינד. יונגע מענשען, גאַליציאַנער יונגע לייט, אין „פול דרעס", און מיידלער אין זיידענע קליידער, האַלב־דעקאָלטע. אַ גאַנצען אָווענד האָט מען געטאַנצט, און קיינער האָט גאָרנישט באַמערקט גליקשטיין'ען. קיינער האָט איהם נישט געקענט, און קינער האָט זיך אויף איהם נישט אומגעקוקט. סאַראַה האָט זיך געפריינדעלט מיט דער מחותנת'טע, אַ אידינע מיט אַ שייטעל אויפ'ן קאָפּ, און די ביידע ווייבער זענען געזעסען אין אַ ווינקעל און די הערצער זיך אָבגערעדט. אָבער גליקשטיין האָט נישט געהאַט מיט וועמען צו רעדען. קיין עלטערע מענשען זענען נישט געווען, בלויז גאַליציאַנער יונגע לייט אין „פול דרעס", — האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל, אונבאַמערקט פון וועמען, און איבערגעוואַרט ביז די צערעמאָניע וועט דורכגעהן.

צו דער חופּה האָט מען איהם צוזאַמענגעפיהרט מיט'ן מחותן. גליקשטיין האָט פאַר זיך דערזעהן אַן אַלטען אידען, מיט אַ פּאָר ציטערנדע וויעגענדע גרויע פּאות און באָרד און אַ פּאָר שרעקעדיגע אויגען, וועלכע האָבען געקוקט מיט מורא און ציטריגקייט. מען האָט פון ערגעץ־וואו אַרויסגעשלעפּט דעם אידען פון אַ ווינקעל, וואו ער איז געווען פערשטעקט די גאַנצע צייט. דער איד האָט אויסגעשטרעקט די האַנד צו גליקשטיין'ען מיט שרעק:

— שלום עליכם, מחותן.

גליקשטיין איז ערשטוינט געבליבען. אַ מינוט אויפגעבראַכט געוואָרען, אַ מינוט געצווייפעלט, וואָס ער זאָל טהאָן. נור באַלד האָט איהם אַרומגענומען אַ רחמנות צו זיך און אויך איינצייטיג צו דעם אַלטען פרעמדען אידען, האָט ער איהם די האַנד דערלאַנגט:

— עליכם שלום, מחותן.

באַלד נאָך דער חופּה האָט מען אָן די אַלטע ווידער פערגעסען. די יונגע לייט האָבען בעזעצט די טישען מיט די „דאַמען" און זיך גענומען צום עסען. עפּעס אַ יונגערמאַן האָט פערבעטען גליקשטיינען צום טיש, נעבען זיך. אָן דעם אַנדערען מחותן האָט מען גאָר אין גאַנצען פערגעסען. דער איד האָט זיך ווידער בעהאַלטען אין אַ ווינקעל, געטרונקען פאַר זיך אַ „לחיים" און געשמייכעלט אין זיין באָרד אַריין מיט זיינע דערשראָקענע אויגען. גליקשטיין האָט זיך אַרומגעדרעהט איינער אַליין, ער האָט זיך שוין געוואָלט אַרויסגנב'ענען פון האַל און

אהיים געהן, ערשט עס איז ווער צוגעגאנגען צו איהם, און האט צו איהם געערדט ווייך:

— דער מחותן אזוי אליין?

גליקשטיין האט דערזעהן פאר זיך דעם אלטען אידען מיט די ציטערנדע פאות שמייכלענדיג צו איהם מיט זיינע בעטענדע אויגען.

— ווי הייסט אליין? איך בין נישט אליין, — האט זיך גליקשטיין געבייזערט אויף דעם אידען.

— איך מיין, נור יונגע לייט, הייננטיגע יונגע לייט — פערגעסען אן אונז, אלטע, — האט זיך דער מחותן געפרואווט פערענטפערן.

— יא, יא, פערגעסען אן אונז, — האט גליקשטיין געזאגט פאר זיך דראמאטיש.

— לאז זיך דער מחותן מיט מיר אוועקזעצען. צוויי מחותנים, צוויי אלטע אידען, וועלען מיר זיצען צוזאמען.

פאר א מינוט האט זיך אין גליקשטיינען דערוועקט דער אפיקורס און געוואלט זיך ארויסדרעהען פון דעם אלטען אידען. נור דעם אידענ׳ס גוטע אויגען און זיינע ציטערנדע בארד און פאות האבען אין איהם עפעס אויפגעוועקט, האבען דעם אלטען ראדיקאל אן עפעס דערמאנט, און ער האט גענומען דעם אלטען אידען אונטער׳ן ארעם, און זיך אנגע- רופען:

— יא, מחותן, איהר האט רעכט. וואס האב איך מיט זי' צו טהאן, — ווייזט ער אן אויפ׳ן טיש, וואו די גאליציאנער יונגע לייט זענען געזעסען אין „פול דרעס" מיט די „דאמען". ווער זענען זיי, א חברה לאבוסעס, טענצערס. וואס ווייסען זיי? וואס קענען זיי? אבער מיט אייך זענען מיר דאך עפעס מחותנים.

אוןביידע מחותנים האבען זיך אוועקגעזעצט באזונדער אין א ווינקעל און געטרונקען „לחיים".

# בילדער און שטימונגען

# צוויי הערבסטען

(ליעד אין פּראָזע)

## I

## דער הערבסט אין אַמעריקא

עס איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין די בערג נאָך דעם, ווי אַלע שטאָדטישע לייט האָבען זיי פאַרלאָזט. פערגעסען שטעהען די יודישע „באָרדינג“=הייזער, נאָר פון זייערע טהירען שרייען נאָך אַראָפּ די רווישיגע שילדען און אויפשריפטען: „פּלעזשור אינן“, „פאונטעין האוז“, „אַמעריקאַן האָום“. טהיר און פענסטער שטעהען איבער זיי פערהאַקט, און איינזאַם פליהען איבער זייערע דעכער שוואַרצע רויט=שנאָבעלדיגע פייגעל און קיינער איבערראַשט זיי נישט. דאָ און דאָרט גריזשעט דאָס לעצטע גראָז אַנ׳איינזאַמע קוה, אָדער פאַרגעסענע היהנער פּיקען אויף די לעצטע קרישעליך, וואָס האָבען זיך פאַרבלאָנדזשעט צווישען די גרעזער.

די בערג זיינען צוריק בערג געוואָרען. עס איז פאַרשוואונדען פון זיי דער שטאָדטישער רויש. פון די וועלדער הערט זיך נישט מעהר דאָס רווישיגע לאַכען, דער געפּילדער פון מענשען און וויעג=קינדער. ווידער הערט זיך פון די וועלדער דאָס אונהיימליכע ברומען פון אונגעזעהענע ברואים, און פאַרשטעלט איז אונז דער אַריינגאַנג אין זיי מיט פאַרשימעלטע אָפּגעהאַקטע דעמבעס און פאַרפוילטע צווייגען. אויף זייערע פייכטע געמויזעכטס זעהט זיך נאָך אָן די פיס=טריט פון פאַרבאָרגענע

וואַלד-ברואים, וואָס זיינען ערשט פאַר אַ מינוט דאָ פאַרביי-געלאָפען... איבער די בערג דרעהען זיך אַרום די אויפגעוועקטע „דיפּ וואַן ווינקעלס", וואָס זיינען געשלאָפען דורך די רוישיגע זומער-חדשים, און איבער די טאָלען רוהען אין פרידען „די שלאָפענדע לעהרקיימען"...

פון אַלע טיילען פון יאָהר איז אָהן צווייפעל דער הערבסט דער שענסטער אין אַמעריקא. ווען איטאַליען קען זיך ריהמען מיט איהר ליכטיגען הימעל און בלאָהען ים, רוסלאַנד מיט איהרע ווייסע נעכט, פראַנקרייך מיט דעם טיעפען הימלישען גרין פון איהרע פעלדער, און מיט דעם זינגענדען שלייער, וואָס הענגט אין איהר לופט, וואָס האָבען אַזוי בעריהמט געמאַכט איהרע מאָהלער, ארץ ישראל מיט איהרע שטערן — קען זיך אַמעריקא ריהמען מעהר פאַר אַלע מיט איהר אינדישען זומער. קיין לאַנד אין דער וועלט פאַרמאָגט נישט אָט דעם גערזאַנג פון הערבסט, ווי אַמעריקא פאַרמאָגט דאָס. עס איז אַ גענאָד פון גאָט, וואָס האָט בעשאָנקען אַמעריקא מיט אַ פינפטען זמן — דער זמן פון רויטען זומער.

און דער אינדישער זומער ענטפלעקט זיך אין זיין גאַנצען פראַכט און גלאַנץ אין די בערג, וואו דער הימעל איז גאַנץ אָפענער פאַר די אויגען, און יעדעס גרעזעל און יעדעס בוימעל, יעדער בוש און יעדער געוויקס ערשיינט אין זיין קאָליר און זיין ליכט. די פעלדער בליהען אויפ'סניי, מיט אַ צימרינג בלום, די גאַנצע ערד ווערט צוגעדעקט מיט דעם רויט-ליכען-געלען קלייד, און אויף דעם צימרינג אונטערגרונד הויבען זיך אָן מאָהלען די פאַרבען פון אינדישען זומער. עס בליהען די בוימער מיט רויטפייערדיגע בליהעכץ; עס הויבט זיך אויף איין בוים איבער'ן אַנדערען מיט רויטע פלאַמענדיגע קרוינען, בעדעקט מיט ברענענדיגע פייער-בלעטלעך. אַלעס ווערט רויט פייערדיג, נאָר דאָ און דאָרט קוקט אַרויס פון די רויטע בוימער אַ טיעף טונקעל גרינס פון אַ נאָדעל-בוים, וואָס האָט נישט אַראָפּגעוואָרפען זיין פריהלינג-גרין דורך די וואַרימע זומער-חדשים, אָדער אַ בלאָה-פיאָלעטער פלעק לייכט זיך פון צימרינג-רויט אַרוים פון די בלאָהע ווילדע אַסטערס, מיט וועלכע די בערג זענען בעשיט. די פאַרבען זענען אַזעלכע ליכטיגע, פרישע, אַז קיינמאָל, קיינמאָל האָט מען זיי נישט געזעהן אין זייער גאַנצער קלאָרקייט און רייכ-

קיים, ווי אויף דעם אונטערגרונד פון דער רויטער ערד און פון קלאָרען בלאָהען הימעל.

דער הימעל! דער הימעל אין די בערג אין די טעג פון רויטען זומער! ער איז דער הימעל פון בעהאַלטענע וועלטען, וואָס ענטפּלעקען זיך צו אונז נור אין חלומות. זיין בלויקייט איז דורכזיכטיג און פון אַ טיעפער קלאָרקייט ווי יעדע שייד, יעדער פאַרהאַנג וואָלט געווען אַרונ־טערגענומען פון הימעל, און מיר זעהען איהם צום ערשטען מאָל מיט אונזערע נאַקעטע אויגען... עס איז ווי דער הימעל וואָלט געווען געגאָסען אַ בלויען ים, וואָס איז פאַרגליווערט געוואָרען און עס שיינט אַדורך דורך איהם דאָס פערהוילענע ליכט, וואָס איז הינטער איהם. אין דעם טיעפען ים שווימען־ארום אָפּגעריסענע, פאָרם־פרייע, דורכזיכטיגע, פון רויך געוועבטע קערפּערס, וואָס מיר רופען־אָן וואָלקען. וואָס זענען וואָלקען? קיינמאָל זענען פאַר מיר ניט אַזוי קלאָר געוואָרען יענע הימלישע קערפּערס, ווי דענסמאָל, ווען איך האָב זיי געזעהען אַרומשווימענדיג אין בלויען הימעל־טייך אין די בערג. וואָלקענס זענען נאַקעטע לייבער, וועלכע פאָרמירען זיך אַליין נאָך זייער אייגענעם געדאַנק און ווילען. אַז זיי ווילען נעהמען זיי אָן דעם געשטאַלט פון שעפּסען מיט פעטע, געקריי־זעלטע וואָל, וועלכע פּיטערן זיך אויף די גרעזער פון בלויען הימעל. באַלד לאָזען זיי זיך אויף און נעהמען־אָן פאָרמען פון גרויסע פליגלען און שווימען אין בלויען טייך און קומען־אָן צו זיינע ברעגען, וואו עס ברענט דער הימעל־אויג, און טרינקען זיך אָן פון זיינע פייער־וואַסערען. אין אַ מינוט אַרום פערשווינדען זיי און ערשיינען ווייטער אין געשטאַל־טען פון זכרים און נקבות, בעבערדטע ריעזען, זיהן פון דער זון, האָבען זיך אַרויסגעלאָזט אויף'ם געיעג איבער די הימעל־פעלדער און יאָגען זיך נאָך די טעכטער פון דער זון... אָט אַזוי שאַפען זיי זיך ווי די געדאַנקען, געשטאַלטען זיך און פאַרניכטען זיך, שטאַרבען און געבוירען נאָך זייער אייגענעם ווילען — אַ מינוט דאָס לעבען, אייביג דאָס זיין. דורכגעהענדיג איז די פאָרם, אייביג דער קערפּער...

און ווי אַ געדאַנק, וואָס איז די אייביגקייט פון דער טהאַט, ווי אַנ'עראינגערונג, וואָס איז דער ווידערגעבורט פון איבערגעלעבטען, אַזוי זענען די הימעלשע קערפּערס נאָכדעם ווי זיי זענען שוין לענגסט גע־שטאָרבען. זיי שווימען, זיי שווימען, די גרויסע בעוואָלענע אָדלערס, מיט

די ווייסע שעפסען — צום הימעל=אויג צו, און באַלד צינדען זיי זיך
אָן מיט דעם הימעל'ס פייערען. דער ווייסער פעדער=פוך פון זייערע
פליגלען האָט זיך אונטערגעצונדען מיט דעם הימעל'ס פלאַם — עס
ברענט דער וואָל אויף די ווייסע הימלישע שעפסען. פייער=פויגלען
פליהען שוין אַרום אין בלויען פאַרנאַכטליכען הימעל און צינדען=אונטער
די בער מיט זייערע פלאַמען. עס ברענען די בלעטער אויף די בוימער,
עס ברענען די רויטע קרוינען איבער די וועלדער. די טהאָלען גיסען זיך
אָן מיט פייערדיגע טייכען. הימעל און ערד קושט זיך צונויף אין איין
פלאַם פייער. און די פייערען קלינגען איבער דער וועלט. שאַלענד איז
זייער קלאַנג, ווי זיי וואָלטען עפעס אָנגעזאָגט... איינזאַם און שטאַרק
שווימען=אַרום די ברענענדע הימלישע קערפּערס איבער דעם אונענדלי=
בען בלויען הימעל=טייך, און דאָרט ווייטער איינע אַליין אין הימעל,
שוועבט אין פייערדיגע שלייערען איינגעהילט, דאָס מילכדיגע, דורכזיכ=
טיגע לייב פון די שענסטע הימעל=טאָכטער, און פאַרבענקטע וואָלקען=
ריעזען מיט ברענענדיגע בערד און ברענענדיגע פליגלען שווימען נאָך
די הימעל=שענע אין דער איינזאַמער הימלישער אונענדליכקייט אַריין.

און אָנגעטרונקען מיט דעם פייער פון הימעל דרעה איך זיך ווי
פון פייער שכור צווישען די בערג אַרום. באַלד פערשווינדט דאָס אַלעם
פון מיר, ווי אַ חלום. איך בין אַריינגעקומען אין געדיכטען וואַלד אַריין.
עס פאַרשטעלט מיר הימעל און ערד. דאָס געדיכטע געוועב פון מאָך=
בעוואַקסענע צווייגען און רויטע בלעטער, און דורך דעם איידעלען געוועב
פון די בלעטערדיגע צווייגען זעה איך שטיקער בלויע הימלען, ברענענ=
דיגע וואָלקענס, וואָס לייכטען=אַרוים ווי חלומות פון אַ צווייטער וועלט...

---

טרויעריג איז דער הערבסט אין דער אַלטער היים. מיט בענק=
שאַפט בלאָזען די אלול=ווינטען. די פאַלענדע בלעטער דערמאָנען אייך
אָן אָבגעלעבטע טעג, וואָס פאַלען פון אייערע קאַרגע יאָהרען ווי די
בלעטער פון די בוימער. דער הערבסט אין דער אַלטער היים איז אַ סך=
הכל, אַ גרוס פון טויט, — דורך דעם וואַרפט ער אָן אַזאַ מרה שחורה,
אַזאַ טיעפע שרעק. אַנדערש איז דער רויטער זומער אין אַמעריקא —
ער איז דאָס שוואַנען=ליעד פון אַ פול=קרעפטיג יאָהר, אַ געזאַנג פון אָסיף.

עס טראָגט דער ווינד די זאַפט פון טרויבען און רייפע עפּעל, און טרינקט אָן דיינע ביינער מיט נייעם מאַרך. רייך זענען די בוימער. זיי האָבען געטראָגען גאָלד... און פאַרשווענדעריש שיטען זיי אָפּ דאָס רייפע גאָלד פון זיך. פאַרשפּרייטען איבער אַלע וועגען, איבער אַלע שטעגען. יעדער בוים שטעהט אַ געשאַכטענער, באַדט זיך אין זיין אייגען בלוט, אין זיין אייגען גאָלד... רייף זענען געוואָרען די פעלדער. דאָס ברויט אין שייער געזאַמעלט. ביז אונטער'ן דאַך שטאַרט אונטער דאָס היי פאַר די בהמות. אין דרויסען גליהט אין דער זון דער גאָלדענער קאָרן, וואָס טריקענט זיך אין שטייגען. האָט די ערד אָנגעטהאָן זיך אין אַ צימרינג קלייד, אויס-געציערט זיך אין גאַנצען מיט רויטע בענדער און רויטע קרעלען. יעדער בוש איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ ווילדע כריזאַנטעמע, און עס זענען געקומען די בוימער מיט זייערע גאָלדענע צווייגען-צעפּ פאַר-פלאָכטען. עס בלאָזט דער ווינד, און זיי וואַקלען און זיי שימעלען זייערע גאָלדענע צעפּ. און די זון איבער'ן הימעל שטרענגט-אָן איהרע לעצטע כחות. דאָס גאַנצע ביסעל וואַרימקייט, וואָס איז אין איהרע אַלטע גלידער געבליבען, שיקט זי פון איהרע שטראַהלען אַרויס... אַ, זיס און מיט בענקשאַפט פול איז די וואַרימקייט פון די זון אין די לעצטע טעג פון הערבסט, ווי די ליעבע פון אַ רייפער פרוי, וואָס בענקט נאָך לעבען... פריש אויפגעשניטען גיסען זיך די וואַסערען — עס איז יום-טוב איבער דער וועלט, אַ גרויסער, גרויסער יום-טוב. — דער יום-טוב פון הערבסט דער יום-טוב פון רייפקייט. מיר זענען אָנגעקומען צום השלמית...

אָ, נישט טרויעריג איז דער יום-טוב. מיט אַ שאַלענדען געזאַנג שטאַרבט-אָפּ דאָס יאָהר. און הימעל און ערד זינגען מיט אַ פייערדיגען געזאַנג דאָס ליעד פון רייפקייט, דאָס ליעד פון טויט

פון טויט און ווידערגעבורט.

ווי דער געדאַנק, ווי די עראינערונג, ווי די וואָלקענס אין הימעל. מיר שאַפען זיך און מיר פאַרניכטען זיך. געשטאַלטען זיך און מיר לייזען זיך אויף. דורכגעהענדיג זענען די פאָרמען, אייביג די מאַטעריען. אַ סע-קונדע דאָס לעבען, שטענדיג דאָס זיין!

## II

## דער הערבסט אין דער אַלטער היים

אַ גרוס אייך פון הערבסט.

פון אמת'ן, פון אונזער היימישען הערבסט.

אַכט יאָהר האָב איך איהם נישט געזעהן, אַכט יאָהר האָב איך געלעבט אָהן הערבסט. עס איז נישט דורכגעגאַנגען דורך מיינע ביינער דער הערבסט-ווינד, אין מיין נשמה האָט נישט אויפגעציטערט דער ערנסטער, טרויעריגער, דורכנעהמענדיגער הערבסט-ציטער. איך האָב נישט געפיהלט יענע שרעק, וואָס יאָגען אויף אייך אָן די אלול-טעג, און דורך מיין וועזען איז נישט דורכגעגאַנגען דאָס „מאָראַלישע", וואָס דער שופר בלאָזט אויף אייך. איך האָב געלעבט אָהן הערבסט.

אין אַמעריקא איז נישטאָ קיין הערבסט. אין אַמעריקא האָט איהר דעם „אינדיען-זומער".

נישט קיין דערמאָנען אייך אָן טויט איז אייך דער אינדיען-זומער, ווי דער הערבסט איז. ניין, דער „אינדיען-זומער" איז אַ ליעד, אַ שוואַנען-ליעד פון זומער. עס לעבען זיך אוים די לעצטע זומער-טעג ביי אייך אין אַ פייערדיגער גאָלדענער חופּה-קלייד. זיי שטאַרבען ביי אייך נישט, נישט די בוימער, נישט די פעלדער, נישט די וואַסערען — און עס רינצעלט זיך נישט דער הימעל. נאָך אין זיין גאַנצער הערליכער פּראַכט בעקליידעט זיך דער הימעל אין בלוי-ווייסע הימלישע וואָלקענס און ווערט העלער און קלאָרער און הויבט זיך אויף העכער, העכער פון אונזערע קעפּ. דער הימעל ביי אייך אין דער צייט פון „אינדיען-זומער" איז העכער ווי אין אַנדערע צייטען, באַלקענט זיך אוים ווי אַ דורכזיכ-טיג געוועב; לייכט ווערט ער, ווי עס וואָלט אויבען מיט בלויע, תכלת'דיגע און העלע מלאכים-פליגעלדיגע וואָלקענס פאַרוועבט געווען. איהר קענט דורך די שפּאַלטען פון די וואָלקענס זעהן וואָס אויפ'ן הימעל טהוט זיך, און דאָס הימלישע שיינט דורך דורך די דורכזיכטיגע, זיידענע, בלויע וואָלקענס. און די ערד ביי אייך, די לאַנקעס און די וואַסערען אין דער צייט פון דעם „אינדיען-זומער" האָבען זיך נישט וואָס צו שעמען

פאַר'ן הימעל. דורכגע'שרפה'ט אין איהר רייפקייט איז זי געוואָרען, די ערד, איין פרוכט; נישט נאָר פרוכטען וואַקסען אויף דער ערד, נאָר די גאַנצע ערד איז געוואָרען אין גאַנצען פרוכט־באַקליידעט. מיט אַ העל־גאָלדען צימרינג קלייד ליעגט זי, די ערד, אויסגעצויגען איבער בערגלעך און טהאָלען און טראָגט אויף איהרע ברוסטען און בויך יונגע, יונגע בוימער און בוימלעך. בלוט־רויט זענען די בלעטער פון דעמבע־בוים, און פריש־גרין זענען די נאָדלען אויפ'ן נאָדעל־בוים. און פייערדיג־גאָלד זענען די בלעטער פון קאַשטאַן און נוס־בוים. איהר זעהט כמעט נישט ווען די בלעטער פאַלען. די בלעטער בליהען מיט בלוט, גאָלד און גרינקייט אויף די בוימער, ביז דער ערשטער שניי קומט־אָן, און, דאַן נאָך, פון ווייסען שניי שטעקען זיי אַרויס זייערע גאָלדענע קעפּלעך. אָ, נישט קיין רעזיגנאַציע איז ביי אייך דער הערבסט, נישט קיין קלאָג־ליעד, און רוימט אייך נישט איין אין אויער פון טויט — עס איז דאָך דאָס העכסטע חתונה־ליעד פון שולמית, די וועלט איז רייף געוואָרען, דאָס האָט די זון אַזוי לאַנג די ערד געוואַרימט, געהיצט מיט איהרע שטראַהלען, אַזוי לאַנג אָנגעטיילט פון איהר הימלישע רייכקייט די אָרימע ערד, ביז זי האָט די ערד רייף געמאַכט און פערטיג געמאַכט צו דער העכסטער שלמות, און שוין נישט קענענדיג ווייטער לעבען, שטאַרבט דער זומער, געהט אויס דער זומער אין דעם העכסטען געשריי, אין דער גרעסטער ענטציקונג, אויפגעריסען זיך דאָס האַרץ, און גאָלד און בלוט רינט פון איהם, פון אַלע זיינע אָדערן, פון אַלע זיינע בוימער און בושעס און צווייגען. ער איז געשטאָרבען אין דער העכסטער ענטציקונג, מיט דעם הערליכסטען ליעד אויף זיינע ליפּען, אין זיין גאָלדענע פּראַכט־קלייד אָנגעטהאָן.

אָ, אַנדערש, גאַנץ אַנדערש איז דער הערבסט אין דער „אַלטער" היים.

נישט קיין שוואַנען־ליעד פון זומער איז ער, נאָר אַן עלעגישער געזאַנג פון „עס טהוט מיר באַנג", אַ חרטה־ליעד און אַ געוויסען־ביסעניש פאַר נישט־בעגאַנגענע זינד...

איך בין שוין געווען אַוועקגעפאָהרען פון פוילען, אָבער אום צו פיהלען דעם הערבסט אין זיין גאַנצער טרויעריגקייט, צו ווערען אַרומ־גענומען פון דער מרה־שחורה, וואָס ער וואַרפט־אָן, אום אָנצונעהמען

זיך מיט הערבסט־שטימונג און הערבסט־טרויער פון דער אַלטער, אַלטער היים, איך מיט פליים נאָך אַמאָל אַריינגעפאָהרען אין פּוילען אויף איבער די „ימים נוראים“. די „פורכטבאַרע טעג“ האָב איך איבערגעלעבט אין וואַרשא, אין ווילנא, אין קליינעם שטעדטעל. נאָך אַ מאָל, נאָך אַ מאָל זענען אויפגעשטאַנען די קינדער־יאָהרען פאַר מיינע אויגען; ניין, נישט די קינדער־יאָהרען זענען צוריקגעקומען צו מיר, נאָר איך בין צוריקגעגאַנגען צו זיי, איך בין צוריק אַריינגעוואַקסען אין זיי.

אין איינעם מיט׳ן שופר־בלאָזען פון די קליינע שוהלעכלעך אַרום איז געקומען אַ הערבסט־ווינד און האָט אַלע בלעטער פון די בוימער אַרונטערגעטרייסעלט.

נעכטען איז נאָך זומער געווען אין פּוילען. די פעלדער זענען געווען בעדעקט מיט גרינס, נישט דאָס פרישע, „געמאַכטע“, געפלעגטע גאָרטען־גרינס, נאָר דאָס גראָבע, היימישע, פשוט׳ע אוגערקע־גרינס פון אונזערע היימישע פעלדער. נעכטען נאָך זענען אַלע בוימער בעקליידעט געווען מיט בלעטער, און דער הימעל, דער היימישער הימעל, איז קלאָר געווען, געשטאַנען אַנ׳אויסגעצויגענער, אַנ׳אויסגעוועלגערטער איבער די שטעדט און שטעדטלאַך׳ס קעפּ, אָהן וואָלקענס בעלייגט. אַזוי ווי אַ פלאַכטע אויסגעצויגען, און אונזערע וואַסערען זענען פריש געווען, און קאַטשקעס האָבען געדרעפּטשעט אין די היימישע בלאָטעס, און די טאָפּאָלען מיט די ליפּען זענען אויפגעפרעסען געוואָרען פון זומער־שטויב. און אַ יונג האָט אָפּגעריסען פון אַ סאָד אונרייפעס אויבסט און געטיילט גרינע באַרנעלעך צו די קינדער. מיט איין וואָרט, עס איז זומער געווען. איז אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען אַ איד אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה, ווען עס איז נאָך פערנעבעלט געווען, און אַרויסגעשלעפּט דעם אויסגעקראָכענעם שאָפּען־פעלץ פון די שלאָף־באַנק אַרוים. אָנגעטהאָן זיך אָט דעם אויסגעקראָכענעם שאָפּען־פעלץ מיט די וואַטאַוועקע אַרוים, פערפּעדערט, אויפגעשטעלט דעם אויסגעקראָכענעם קראַגען איבער די אויערען און גענומען טלית און תפלין אונטער׳ן אָרים און איז אַזוי, אָנגעטהאָן אין פעלץ, איבער דעם געסעל דורכגעגאַנגען אין בית־המדרש אַריין דאַווענען.

און שוין. און דאָס האָט ווינטער געמאַכט. אָט דער איד מיט דעם אויסגעקראָכענעם שאָפּען־פעלץ האָט דעם ווינטער אין שטעדטעל אַראָפּ־

געבראַכט. און באַלד האָבען אָנגעהויבען די בלעטער צו פאַלען פון די בוימער, אָבער ווי געפאַלען — איבער די צוויי טעג ראש־השנה, ווען די אידען בלאָזען אין שופר האָבען זיי דורך זייער כשוף'דיגען שופר אַלע ווינטען פון די עק־וועלטען צוזאַמענגערופען און זיי זענען געקומען, די ווינטען, און געמאַכט אַ תל פון אַלע סעדער און גערטנער, פון אַלע בוימער און בושעס. אויף די פייכטע, אויסגעבלייכטע לאָנקעס וואַלגערט זיך נאָך אַרום אַ פּאָר רעשטלעך גרינס פון פערשפּעטיגטע בוריקעס, וועלכע מען האָט פערגעסען פון דער ערד אַרויסצונעהמען. די ווייסע צוקער־בוריקע איז אַרויסגעקראָכען געוואָרען פון דער ערד און געשוואָלען געוואָרען ווי אַ באַנקע. אַ פּאָר פערזעהענע מערען, וועלכע יונגען גראָבען פון דער ערד אַרויס, גוים קומען פון וואַלד אָן מיט די לעצטע ביסעל שוואָמען, וואָס וואַקסען־אויס ווי ווילדע באַשעפענישען, און די שעפערס, וואָס פּאַשען די שטאָדטישע בהמות, קלייבען צונויף די פערטריקענטע גרעזלעך און צווייגלעך, מאַכען זיך אַ פייער אויפ'ן פעלד. עס רויכערט זיך און דער רויך לייגט זיך איבער די דעכער פון שטעדטעל. עס בראָ־טען זיך אין פייער קאַרטאָפלעס און רעטיכער און חדר־אינגלעך, פריי פון חדר אין די „פורכטבאַרע טעג", לויפען אויפ'ן פעלד אַרום, צוגערופען פון די היימישע פייערלעך, בראָטען זיי אויך זייערע קאַרטאָפלעס אין פרעמדע פייערען. די וואַסערען ווערען פערנעבעלט, פערהילט אין וואָלקען רויך און עפּעס הויבט־אָן צו בעווייזען זיך איבער די וואַסערען אַזאַ מאָדנע אויסטערליש גרינס, ווי נשמות פון זינדיגע און שדים און „שלעכטע זאַכען" וואָלטען געשטעקט אין גרינס פון די וואַסערען.

דער פריהמאָרגען הויבט זיך אָן מיט אַ גרויען נעבעל. עס נעבעלט און נעבעלט זיך ביז אין מיטען טאָג אַריין. אין מיטען טאָג לייטערט זיך אַ ביסעל דער הימעל אויס און אַ פּאָר גוים קומען מיט פערד און וועגלעך אין שטעדטעל אַריין קרויט און קאַרטאָפעל צו פערקויפען, און נאַפט און זאַלץ אויפ'ן ווינטער זיך אָנצוגרייטען.

נאָך איין מאָל שיינט די זון און עס ווערט צוריק זומער, דאָס איז ערב יום כפור, כדי אידען זאָלען זיך קאָנען צום לעצטען מאָל אין וואַסער באָדען, טובל זיין זיך פאַר דעם שרעקליכען טאָג. אין ערב יום כפור, איז אַ טראַדיציע, קומט שטענדיג די זון צוריק און שטעהט אַ גאַנצען טאָג אין שטעדטעל, און פאַרנאַכט, ווען מען געהט אין שוהל

אריין צו כל־נדרי, געהט זי אונטער מיט אזא רויט פייער, מיט אזא ברענענדיג ליכט (דאס בעווייזט מען אונז ווי מען ברענט און בראט די רשעים אין גיהנם), אז א שרעק און א פחד נעהמט־ארום קליין און גרויס.

טייל מאל ברענט נאך די זון צומארגענס אויך, יום־כפור, כדי דעם תענית אויף די אידען שווער צו מאכען. אבער קוים קומט ערב־סכות, ווען מען דארף אין סוכה געהן קידוש מאכען, קענט איהר זיכער זיין, ועט שטענדיג רעגענען, און אז עס הויבט־אן צו רעגענען, וועט עס אזוי אברעגענען די גאנצע ערשטע טעג סכות און חול־המועד, ביז הושענא־רבה. הושענא־רבה, איז ווייטער א טראדיציע ביי דער זון, אז זי קומט צוריק אין שטעדטעל אריין, כדי מען זאל זיך דעם אייגענעם שאטען קענען זעהן און זיכער זיין, אז מען וועט דאס יאהר אויסלעבען. און דאמאלס, ווען עס איז שוין נישטא קיין זכר פון זומער, ווען אלע בלע־טער זענען שוין אראפגעפאלען, ווען דער הימעל איז פערנעבעלט און ס'רעגענט אפט און מען געהט שוין אנגעטהאן אין דעם אויסגעקראכענעם שאפען־פעלץ — אט דאמאלס נעהמען אידען רייצען זיך מיט די גוים און טראגען אין די שוהלען לולבים מיט אתרוגים.

א, ווידער אמאל האב איך זיי געזעהן, די אלטע, פערקרימטע אידען, האלטענדיג אין די הענד גרינע לולבים, אבגעשניטען אין די ווארימע לענדער, געבראכט פון די ווארימע לענדער, פון וועלכע זיי אליין קומען, און גרינע אתרוגים, געהאלטען אין זילבערנע און גלעזערנע צוקער־פושקעס, געהען איבער די נאסען פון שטעדטעל אין שוהל אריין. גרינע לולבים אבגעשניטען פון די צווייגען און געבראכט פון די ווייטע, ווייטע אריענטאלישע לענדער, פון וועלכע זיי קומען אליין ארויס, די אידען מיט די גרינע צווייגען פון זייער היימאט. און עס האט זיך מיר געדאכט, זעהענדיג דעם גרינעם, איידעלען צווייג פון די זומער־לענדער, פערוואגעלט דא אין די קאלטע, נאסע און פייכטע סלאווישע פעלדער, אז דער איד, ווי דאס בלאט פון זיין היימאטס־בוים, בענקט צוריק נאך דער זון, פון אריענט...

און ווען עס איז געקומען שמחת־תורה אין דער פריה, האט א ווייסער פראסט זיך אויסגעצויגען איבער די דעכער פון שטעדטעל און אידען האבען אנגעהויבען צו קרעכצען.

און פון דאַמאָלס אָן איז ווינטער געוואָרען.

דאָס איז דער הערבסט אין דער אַלטער היים.

מיר זענען קינדער פון הערבסט, און מיר דאַרפען דעם הערבסט. אפשר אונזערע קינדער, אויפגעצויגען אין דעם „אינדיען־זומער“, וועלען ניט מעהר בעדאַרפען האָבען דעם הערבסט. דער „אינדיען־זומער“ וועט זיי פערטרעטען דעם הערבסט; זיי וועלען זיך אויסלעבען אין יענעם פייער־געזאַנג פון די לעצטע טעג פון זומער.

אונזער געמיט איז אָבער הערבסט'דיג, און מיר בעדאַרפען, אַז איבער אונזערע ביינער זאָל דורכבלאָזען דער הערבסט־ווינד, אַז אונזערע געמיטהער זאָל אַרומנעהמען אַ הערבסט־ציטער. דורך דעם, וואָס איך האָב ווידער, אין 8 יאָהר, דערפיהלט די הערבסט־שטימונג פון מיין אַלטער היים, ווען איך האָב ווידער געהערט דאָס חרטה־געזאַנג, וואָס זינגט אַראָב פון אונזערע היימישע פעלדער אין די הערבסט־טעג — איז אַ הייליגער ציטער דורכגעגאַנגען דורך מיין גאַנצען וועזען. אַ חרטה־געפיהל האָט מיך אַרומגענומען. איך בין געאיידעלט געוואָרען און בעסער געוואָרען דורך דעם היימישען געזאַנג פון אונזער אייגען הערבסט־ליעד.

1922.

# די שטימע פון מיין לייב

(ליעד אין פראָזא)

אָפטמאָל הער איך אַ שטימע רופט אין מיר. אפשר האָט איהר אויך באַמערקט טיילמאָל, ווי עס רופט אייך ווער ביים נאָמען. איהר קוקט זיך אַרום און איהר זעהט קיינעם נישט. נור מיט מיר טרעפט עס זיך נישט זעהר אָפט, ווען ווער רופט מיך ביים נאָמען, נישט פון דרויסען, נור אינעווענינ, אין מיר. איך קען נישט זאָגען, אַז די שטימע איז מיר באַקאַנט. נור פרעמד איז זי מיר אויך נישט. עס איז אַזוי ווי איך וואָלט זי גוט געווען געקענט פאַר לאַנגע, לאַנגע יאָהרען, אין צייטען, אפשר, וועלכע זענען נישט געווען אין מיין יעצטיגען לעבען. וואָרום ווען איך הער די שטימע, איז נישט די באַזונדערקייט דאָס רופען מיך פון אַ אונגעזעהענער, וואָס באַוועגט מיך, נאָר דוקא אָט דער אייגענאַרטיגער טאָן פון דער שטימע, די ווייכע שאַטירונג פון דער שטימע, וועלכע קומט מיר פאָר אַזוי אייגען, אַזוי זיך אַליין, וואָס האָט מיט קיין זאַך נישט צו טהאָן, וואָס אין מיר.

גאָרנישט זאָגט זי, נור זי רופט ביים נאָמען, און פאַרשווייגט. אַזוי שווייגט זי אַמאָל אַ יאָהר, אַמאָל צוויי, ביז זי גוט ווידער אַ רוף: „שלום“. איך קוק זיך אַרום. ווי עס וואָלט ווער געווען הינטער מיר. איך זעה אָבער קיינעם נישט. איך דערמאָן זיך, אַז דאָס רופט דער אונבאַקאַנטער אין מיר. איך וויל איהם צוריק רופען, איך וויל הערען עפּעס פון איהם. איך וויל רעדען, צי הערען, און ער איז שוין נישטאָ.

אָפט האָב איך געקלערט וועגען דעם. ווער קען דאָס זיין, וואָס רופט מיך? און וואָס וויל ער? וואָס מיינט ער? איז ווי געוועהנליך-

האָב איך זיך פאַרענטפערט מיט דעם, אויף וועלכען מען לעגט אַן אַלע אונפערשטענדליכע זאַכען — אויף דער נשמה. עס איז די שטימע פון דער נשמה, — האָב איך זיך געזאָגט און בין רוהיג געוואָרען.

אַמאָל אָבער, ווען איך האָב זיך פערטראַכט אין דער זאַך, האָב איך זיך דערטראַכט, אַז די שטימע פון מיין נשמה איז עס נישט. די שטימע פון מיין נשמה הער איך אַ גאַנצען טאָג, יעדע מינוט פון מיין לעבען. זי זאָגט מיר אַן יעדען וואונש, וואָס איך וויל, יעדע טהאַט, וואָס איך טהו, יעדען באַגעהר, וואָס איך האָב. די נשמה איז דאָך דאָס חיות, מיין זיין. זי איז דאָך מיין טראַכטען. ווען איך וועל שטאַרבען, וועט זי אויפהערען צו זיין — וועט זי פאַרשווינגען ווערען אויף אייביג. ביין, די שטימע איז נישט די שטימע פון מיין נשמה.

דאַן האָב איך ווידער געקלערט, אַז עס איז אפשר די שטימע פון מיין אַמאָליגער עקזיסטענץ, פון אַנ'אַנדער וועלט און אַנ'אַנדער גלגול, וועלכער שלומערט אין מיר, — האָט מיך אָבער געוואונדערט, וואָס זי רופט מיך ביי מיין היינטיגען נאָמען, און גאָר נישט מעהר, נור דעם נאָמען „שלום". אין דעם וואָרט „שלום" וויל זי דאָך אַלץ זאָגען, אַלץ. ווער איז זי?

עס איז אַמאָל געווען אין אַ פאַרנאַכט, אין אַ פרעמדער שטאָדט, אין אַ פרעמדען צימער. איך בין לאַנג געווען אַוועק פון מיין היים. גע־מוישט געהאַט פלעצער און ערטער, וואו געטאָגט, נישט גענעכטיגט. און איך האָב זיך געפיהלט ווי איך האָב זיך פערלאָרען און איך זוך זיך איבער דער וועלט... איך בין אַריינגעקומען אין אַ פרעמדער שטאָדט, פאַרפאָהרען אין אַ האָטעל. דער דיענער האָט מיך אַריינגעפיהרט אין אַ צימער אַריין. שוין דער דיענער אַליין איז מיר פאָרגעקומען עפּעס אַזוי זאָנדערבאַר, ווי איך וואָלט איהם געווען גוט געקענט, נישט פון זעהן איהם מיט די אויגען, נור דורך עפּעס אַנדערש. ער האָט מיך אַריינגעפיהרט אין מיין צימער. אין צימער האָט געהערשט אַ טונקעל־קייט פון פאַרנאַכט. בלוי־באַשלאָגענע מעבעל, און איך בין זיצען גע־בליבען אויף אַ שטול. קיין ליכט נישט געמאַכט. מיעד געווען, האָט זיך מיר נישט געגלוסט זיך אויפצוהויבען פון ווייכען, אָנגענעהמען פאָטער־שטול, און איך בין געבליבען זיצען. און דאַן האָט פּאַסירט מיט מיר אַ מערקווירדיגע זאַך: איך האָב זיך אַליין געזעהן!

וויפיעל מאָל איך האָב שוין נישט געזעהן מיין פּנים אין שפּיעגעל, קען איך נישט מיין פּנים. אַז איך זאָל וועלען צומאַכען מיינע אויגען און זיך אַליין זעהן, קען איך מיר באין־אופן נישט פאָרשטעלען ווי איך זעה אויס. און דאָ מיט אַמאָל האָב איך זיך אַליין דערזעהן.

איך האָב זיך געזעהן געגענאיבער מיר, זיצענדיג אין מיין בעקוועמען לעדער־שטול, אין דער היים. פאַר מיר לויכט זיך די לאָמפּ אין דער ווייסער כינעזישער וואַזע, מיט דער יאַפּאַנעזישער שיין, און איך האַלט אַ בוך און בין פארטיעפט אין לייענען. צוערשט האָב איך נור געזעהן מיין קערפּער, מיין גרויען סוועטער, מיינע הויזען, מיינע קאַמאַשען, נור באַלד האָב איך זיך אויסגעדרעהט פון דער לאָמפּ, געלאָזט ליגען דאָס בוך אויף די קני און זיך אַליין אָנגעקוקט.

איך האָב געזעהן מיין פּנים. צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען האָב איך געזעהן מיין פּנים. גוט געזעהן מיט נאַקעטע אויגען, נישט אין שפּיגעל, נור אין בלוט און פליישׁ. און אַ וואונדערליכע זאַך: עס איז מיר פאָרגעקומען נישט ווי איך זעה זיך אַליין, נור אַזוי ווי איך זעה אַ גוטען, נישט קיין גאַנץ נאָהענטען באַקאַנטען, וועלכען מען קען פון זעהן. די קליידער מיינע, וואָס איך האָב געטראָגען, זיינען מיר פאָרגעקומען מעהר מיין, מעהר „זיך", ווי „איך אַליין". אָט זיינען מיינע געשטרייפטע דייטשע הויזען, וועלכע האָבען אָפּגעדיענט ביי מיר ניקאָלאַי'ס יאָהרען און זיי האָבען אין זיך אַלע קנייטשען פון די געלענקען פון מיינע פיס. און אָט איז מיין גרויער סוועטער, וועלכער איז אויסגעקנייטשט געוואָרען אין אַלע מיינע בעוועגונגען און ער האָט שוין אַלע מיינע מינעס און העויות. נור דאָס פּנים איז מיר פאָרגעקומען, ווי געזאָגט, באַקאַנט, נור נישט „מיין". עס איז מיר געווען, ווי איך זעה אַ פרעמדען מענשען אין מיין אייגען געשטאַלט.

דורך דעם קען מאַקע זיין, פאַרוואָס איך בין נישט דערשראָקען געוואָרען און אויך נישט פאַרוואונדערט געוואָרען. איך האָב געזעהן עטוואָס אַזעלכעס, צו וואָס איך בין געוואוינט. איך האָב פאַרגעסען, אַז איך זעה זיך. איך האָב געמיינט, אַז איך זעה אַ באַקאַנטען, וועלכען איך בין געוואוינט אַזוי צו זעהן. איך בין ווייטער געזעסען רוהיג אין מיין בעקוועמען שטול און בעטראַכט זיך. עס איז מיר געווען זעהר אינטערעסאַנט. צום ערשטען מאָל האָב איך זיך אַליין געזעהן.

נור פלוצלונג בין איך אויפגעציטערט געוואָרען. איך האָב געהערט ווי איך רוף מיך ביים נאָמען. און עס איז ווידער נישט געווען דאָס רופען, וואָס דער „איך״, וואָס איז געזעסען אין מיר, האָט מיך גערופען, נור דער טאָן פון דער שטימע, וועלכער האָט יעצט געקלונגען פונקט ווי מיינער.

— ביזט דו איך? — האָב איך דאָס געשטאַלט געפרעגט.

— יאָ, דאָס בין איך, — האָט מיר מיין „איך״ אָפגעענטפערט.

— און פאַרוואָס רופסטו מיך?

— ווייל דו הערסט דיך נישט, — ענטפערט מיר מיין איך: — דיין גאַנץ לעבען הערסטו דיך צו צו פרעמדע שטימען אין דיר, און אויסער דיר, נור זעהר, זעהר זעלטען, אַמאָל אין אַ יאָהר, אַמאָל אין צוויי יאָהר — צו דיין איינענע שטימע. אַזוי ביזטו דיין לעבען לאַנג פאַרטויבט אין פרעמדע שטימען.

און אַ וואונדערליכע זאַך: דער טאָן, אין וועלכען ער האָט גערעדט צו מיר, האָט מיך מעהר אויפגעציטערט, ווי דער עצם פאַקט אַליין, ווייל דער טאָן פון זיין שטימע איז געווען אין גאַנצען מיין איינענער טאָן. און איהם האָב איך דאָך אַזוי גוט געקענט.

— און פאַרוואָס קומסטו מיר פאָר אַזוי פרעמד, ווי דו וואָלסט געווען נאָר אַן׳אַנדער מענש, נישט איך? — פרעג איך דעם, וואָס זיצט אַנטקעגען מיר.

— ווייל צום ווענינסטען, קענסטו זיך. פיעלע קענסטו, מיט פיעלע האָסטו פאַרקעהרט, נור צום ווענינסטען מיט דיר אַליין. פיעלע פּנים׳ער קענסטו, אַמווענינסטענס דיינס. דורך דעם קום איך דיר פאָר אַזוי פרעמד און אונבעקאַנט.

— ווער ביזטו? — פרעג איך איהם.

— דאָס בין איך דאָך דו.

— און ווער בין איך? — פרעג איך איהם.

— דו ביזט אַ פרעמדער — ווייזט ער אויף מיר מיט׳ן פינגער. און איך דערקען אין פינגער מיין איינענעם פינגער, מיט דעם צייכען פון שניט, וואָס איז אין איהם, וואָס איך האָב מיר געטהון וועה, ווען איך בין אַ קינד געווען. און די שטימע איז מיין איינענע.

— ווילסטו זעהן, דאָס איך בין דו, און דו ביזט אַ פרעמדער?

נאַ, דו זעהסט די האַנד? (און ער נעהמט און שאַרט זיך אַרויף דעם אַרבעל, מיין סוועטער־אַרבעל, און ווייזט מיר מיין נאַקעטע האַנד) — קענסט די האַנד? דו קענסט אַנדערע הענד, פיעלע הענד קענסטו. פיעלע הענד האָסטו ליעב געהאַט, דו קענסט זיי פון אויסווענינ. די ווייכע, דיקע פינגער, וואָס זענען תמיד קיהל און וואָס זענען אַזוי געפיהלפול, אַז עס דאַכט זיך, אַז די נשמה זיצט אויף די שפּיץ פינגער. אָבער קענסטו דיינע אייגענע פינגער, מיט די נעגרינזעלטע הויט אויף זיי, וואָס ווערען יעדען טאָג מעהר נעגרינזעלט? קענסטו די האַנד? דו קענסט הענד מיט בלויע, איידעלע אָדערען. קענסטו די האַנד מיט פאַכענדיגען, לעבעדיגען אָטעם, וואָס איז אין דעם דופק? — ווייזט ער מיר מיין אייגענע האַנד. — קענסטו די ברוסט? קענסטו דיין אייגען ליעב? און ער געהט און קנע־פּעלט אויף דאָס העמד, מיין אייגען העמד, און ווייזט מיר מיין אייגען ליעב. דו קענסט בריסטען, וואָס זענען געל, קרום, ווי אַלטע העלפאַנדביין, אָדער אַזעלכע, וועלכע האָבען דעם אָפּגעברענטען טונקעלען קאָליר, ווי אייל־בלעטער. קענסטו די ברוסט, די איינפאַכע, האַרטע, ביינערדיגע ברוסט, מיט דעם טיעפען בריסטען־ביין און מיט האָר בעוואַקסען? קענסטו דיין אָרעם, דיין פּלייצע, דיין קערפּער?

— איך קען זיך נישט, נור איך וויים, ווער איך בין, — שריי איך אויס.

— ווער ביזטו?

— דאָס בין איך, איך, איך! — קלאַפּ איך זיך אין מיין ברוסט.

— ניין, דאָס איז נישט דו! דו ביזט דו אַזוי לאַנג, ווי דו לעבסט, ווי דו אָטעמסט, ווי דו קענסט פיהלען. דו ביזט אַ פרעמדער, וואָס דו האָסט זיך בעזעצט אין מיין קערפּער, אויף אַ ווייליע. דו שלעפּסט איהם אַרום אַזוי לאַנג ווי דו לעבסט. גיסט איהם פערגעניגענס, ווייל דו האָסט פערגעניגענס. פייניגסט איהם, ווען דו ווילסט איהם פייניגען. ער איז אונטערוואָרפען אונטער דיין ווילען, האָסט איהם אָנגעשפּאַנט אין דיין געדאַנק. אָבער דאָס ביזטו נישט דו. ביזט נור אַן׳אויסגעבאָרגטער אין קערפּער, דורך די קורצע צייט פון דיין קלענליכער עקזיסטענץ. דו ביזט אַ פּאָרם, וואָס איך האָב אָנגענומען אין דיין געשטאַלט. באַלד ווענט קומען אַ צייט און דו וועסט דיך אויסאָטעמען, וועסט מיך פערראַטען. וועסט ערגעץ־וואו, אין אונגעזעהענע וועלטען, פערשווינדען, אפשר פערוואַנ־

דעלט ווערען אין אַ געדאַנק, אין אַנ'עראינערונג, וואָס וועט באַלד פער־ווישט ווערען אַזוי ווי דו — אַ שאָטען נאָך דיין לעבען. אָבער איך וועל זיין נאָך דיין זיין, ביז צום לעצטען ביין, וואָס וועט פוילען אין די פייכטע ערד און דער לעצטער וואָרעם וועט איהם טאָטשען — און דאַן דערנאָך — ביז צו אַלע אייביגקייטען...

— — — — — — — — — —

ער איז פערשוואונדען. איך בין איבערגעבליבען אַליין זיצען אין דער טונקעלהייט. איך ווייס נישט, ווי לאַנג איך בין אַזוי געזעסען, נור ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך זיך געפונען זיצענדיג אין מיין שטול און האַלטענדיג פעסט מיט ליעבע געשמידט מיינע הענד ־אַרום מיין נאַקעט לייב. פון דאַן אָן ווייס איך די שטימע, וואָס רופט מיך אין זיך:

— עס איז די שטימע פון מיין לייב.

# דער בלינדער וועכטער

(אַ מעשה׳לע)

פאַר אַ טויער פון אַ פאַלאַץ איז געשטאַנען אַ וועכטער און געהיט, אַז קיינער זאָל נישט איבערטרעטען די שוועל פון פאַלאַץ.

קיינער האָט אייגענטליך נישט געוואוסט גאַנץ בעשטימט, וואָס עס געפינט זיך אין פאַלאַץ און וואָס דער וועכטער היט, ווייל קיינער האָט קיינמאָל נישט זיין שווערע טהיר אויפגעעפענט. דורך דעם זענען אַרומגעגאַנגען ביי די מענשען פערשידענע לעגענדעס און מעשיות וועגען דעם פאַלאַץ. טייל האָבען געזאָגט, אַז אין פאַלאַץ געפינען זיך בעהאַלטענע אוצרות פון רייכקייט. דאָס אייביגע עשירות, וואָס בעשטעהט אין אַזאַ אַרט שטויב, מיט וועלכען אַלע חדרים און אַלע קעלערען און געהיימע פערבאָרגענישען פון פאַלאַץ זענען אָנגעפילט. און קוים בעזיצט ווער אַ זעמדעלע פון דעם שטויב, ווערט ער פערוואַנדעלט אין אַ שטענדיג פליסענדעס גאָלד, וואָס ענדיגט זיך קיינמאָל נישט. אַנדערע ווידער האָבען געזאָגט, אַז נישט דער סוד פון עשירות איז דאָס, וואָס דער פאַלאַץ בעהאַלט אין זיינע חדרים, און נישט די טהירען פון רייכקייט היט דער וועכטער, נאָר אין פאַלאַץ וואוינט די ליעבע, און עס היט דער וועכטער דעם קוואַל פון ליעבע. אַ שענע פרויענצימער געפינט זיך אין פאַלאַץ, וואָס אויף איהרע ליפען האַלט זיך אויף דער זאַפט פון ליעבע, און קוים קושט זי וועמען מיט איהרע ליפען, ענטדעקט זיך פאַר יענעם דאָס געהיימנים פון ליעבע, און דער אייביגער קוואַל פון ליעבע ווערט קיינמאָל נישט אויסגעשעפט פון יענעם גליקליכענס ליפען. און וועמען נאָר דער גליקליכער ריהרט אָן מיט זיינע ליפען, אויף וועלכע עס האָט

געקושט די געטין פון ליעבע, אַזוי גיט ער איבער דעם סוד פון ליעבע דעם צווייטען. ווידער גאָר אַנדערע האָבען געזאָגט, אַז נישט די געטין פון ליעבע וואוינט אין דעם פּאַלאַץ און נישט דעם קוואַל פון ליעבע היט דער וועכטער, נאָר דעם קוואַל פון אייביגער יוגענד. אין פּאַלאַץ, האָבען זיי געזאָגט, געפינט זיך אַ וואונדערבאַרער קוואַל פון קריסטאָלען וואַסער, און דער גליקליכער, וואָס טוקט זיך אונטער אין דעם וואונדערבאַרען קוואַל, ווערט בעגייסט צוריק מיט אַנ'אייביג-דויערנדער יוגענד; זיין בלוט יאָגט זיך אין זיינע אָדערען, ווי עס וואָלט תמיד געווען געיאָגט פון פריהלינגס-ווינדטען; אין זיינע ביינער בעוועגט זיך דער פרישסטער מאַרך; קיינמאָל ווערט זיין הויט נישט גערינצעלט און זיין פּאַרב ענדערט זיך קיינמאָל נישט, שטענדיג זענען זיינע אויגען יונג און אויף זיינע ליפּען הויכט שטענדיג דער טהוי פון פריהלינג. נאָר די עלטערע און קלוגערע לייט האָבען געזאָגט, אַז נישט קיין רייכקייט און נישט קיין ליעבע און אויך נישט קיין יוגענד איז דאָס, וואָס האַלט זיך אויף אין פּאַלאַץ. און נישט די גליקען פון די מענשען (ווי טייער זיי זאָלען נישט זיין) איז דאָס, וואָס דער וועכטער היט, נאָר אין פּאַלאַץ וואוינט דער גאָט פון חכמה. אַנ'איינזאַמער גאָט זיצט דאָרט אויף אַ טראָהן אין אַ בעהאַלטענעם חדר פון פּאַלאַץ. אַ גרויסער וואונדערבאַרער יובעל זיצט אין דעם שטערן פון דעם איינזאַמען גאָט. און יענער גליקליכער, אויף וועלכען עס פּאַלט אַ שטראַהל פון אָט דעם וואונדערבאַרען בלישטשענדיגען יובעל פון גאָטס שטערן אַראָב, דעם ווערען זיינע אויגען געעפענט און ער זעהט די בעהאַלטענע וועגען פון דער וועלט. פאַר איהם עפענען זיך אויף די פערבאָרגענע טויערען פון הימעל און פון דער ערד. עס ענטפּלעקט זיך פאַר איהם דאָס אייביגע רעטזעל פון אונזער זיין — דער סוד פון דער וועלט, פון הימעל און ערד, פון מענש און גאָט.

און יעדער פריהמאָרגען האָבען זיך געפּעדערט די מענשען — די, וואָס האָבען געזוכט רייכקייט, און די, וועלכע האָבען געבענקט נאָך ליעבע, די, וואָס האָבען געוואָלט יוגענד, און סיי די, וואָס האָבען געשטרעבט נאָך דעם וויסען פון דער וועלט, און האָבען זיך ווי הונגעריגע הינט מיט דורשטיגע צונגען און אַרויסגעזעצטע אויגען אַרומגעדרעהט אַרום די ווענד פון פּאַלאַץ, דערגאַנגען ביז זיינע טויערען, דערשמעקט מיט די נעזער... נאָר קוים האָבען זיי דערזעהן דעם וועכטער פאַר דער

טהיר פון פּאַלאַץ, אַזוי זענען זיי מיט שרעק אָבגעטרעטען, און מיט אימה און פּחד צוריקגעוואָרפען געוואָרען פון טהיר פון פּאַלאַץ.

עס איז נישט געווען די מעכטיגע פיגור פון וועכטער, זיינע ברייטע, שטאַרקע, שווערע הענד, וואָס זענען שטאַרקער געווען פאַר יעדען מענ־שענס הענד; אויך נישט זיין שאַרפע, בלישצענדע שווערד, וואָס האָט אַזאַ פורכט אַריינגעיאָגט אין די מענשען און פאַר וועלכען מען איז אַזוי אָבגעטראָטען. — עס איז געווען דער בליק פון זיינע גרויסע, גראָהע אויגען, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסען פון אונטער זיינע געדיכטע, שווערע, געלע ברעמען, וואָס האָט אַזאַ שרעק אָנגעוואָרפען און פאַר וועלכען מען איז אַזוי פערציטערט געוואָרען. דער בליק, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסען פון דעם וועכטערס אויגען, איז געווען אַ געשריי, וואָס האָט געמאַכט צעגעהן יעדענס האַרץ, אונטערגעשניטען די פיס און דערציטערט גע־מאַכט יעדען טראָפּען בלוט פון מענשען, וואָס האָט געוואַגט צוצוקומען אין דעם שטח פון זיין בליק. דער בליק פון וועכטער האָט ווי מיט אַ פייערדיגער רוט אַוועקגעטריבען די הונגעריגע מענשען פון טהיר פון פּאַלאַץ.

אָבער די מענשען זענען הונגעריג געווען: טייל נאָך רייכטום, טייל נאָך ליעבע, אַנדערע נאָך יוגענד און גאָר אַנדערע נאָך וויסען, און זיי האָבען זיך אַלץ געדרעהט אַרום די הויכע מויערען פון פּאַלאַץ מיט אויסגעשטרעקטע צינגער, מיט אַרויסגעזעצטע אויגען, און געשמעקט, געשמעקט מיט די נעזער, וואו צו געפינען אַ שפּאַלט, אַ לאָך, אַן עפנונג, דורך וועלכען זיי זאָלען זיך קאָנען אַריינקריגען אין פּאַלאַץ. נאָר שטום און טויט זענען געשטאַנען די גליטשיגע וועגד פון הויכען פּאַלאַץ; ביי די שווערע טהירען איז געשטאַנען דער מעכטיגער וועכטער, וואָס האָט אַלעמען צוריקגעטריבען מיט זיין פייערדיגען בליק.

דורות זענען אויפגעשטאַנען און דורות זענען אַוועקגעגאַנגען. פאָטערס האָבען איבערגעגעבען צו קינדער, און אַזוי איז עס איבערגע־גאַנגען פון איין דור צום אַנדערען וועגען די בעהאַלטענע אוצרות פון פּאַלאַץ, וועגען זיין אייביגער ליעבע, וועגען זיין וואונדערבאַרען קוואַל פון יוגענד און וועגען דעם איינזאַמען גאָט פון וויסען. ווי אַ פליסענדער קוואַל, וואָס שפּריצט פון דער ערד מיט זיסען וואַסער. אַזוי האָט די האָפנונג אויף דעם פּאַלאַץ אָנגעקוועלט מיט גלויבען און מיט דורות און

דורות. פֿאַטערס זענען געשטאָרבען מיט דער האָפֿנונג, אַז זייערע קינ־דער וועלען געפֿינען דעם ריכטיגען וועג צום פּאַלאַץ, און קינדער זענען אויפגעצויגען געוואָרען מיט דעם שטרעבען. דער וועג צום פּאַלאַץ איז געווען דער וועג, אויף וועלכען די מענשען זענען געגאַנגען, און דער שליסעל צום פּאַלאַץ איז געווען דאָס וואונש־פייערל, וואָס האָט זיי גע־כשופ׳ט אין דעם וועג.

אַמאָל האָט זיך אַ קינד געשפּילט מיט אַ באָל פאַר׳ן טהיר פונ׳ם פּאַלאַץ. דער באָל איז אַרויסגעפאַלען פון קינדס הענד און האָט זיך אַדורכגעקייקעלט דורך די גרויסע פיס פונ׳ם וועכטער צו דער טהיר פון פּאַלאַץ. דאָס קינד האָט געזוכט זיין באָל און איז נאָכגעגאַנגען נאָכ׳ן באָל. דאָס קינד האָט נישט בעמערקט דעם שטרענגען, בריהענדיגען בליק פון וועכטער, און אפשר האָט ער יאָ בעמערקט, נאָר ער האָט נישט גע־וואוסט, וואָס דער בליק מיינט, האָט ער זיך נישט געשראָקען. וואָרום וואָס שטרענגער דער בליק פון וועכטער איז געווען, אַלץ מעהר האָט דאָס קינד געלאַכט. מיט אַנגסטען און שרעק האָבען די הונגעריגע מענ־שען, וואָס האָבען שטענדיג בעלאַגערט די טהירען פון פּאַלאַץ, צוגעקוקט, וואָס דער וועכטער וועט טהון צום קינד, און מיט האַרץ־קלאַפּען און ציט־טערנדע הענד ערוואַרטעט דעם שרעקליכען סוף פון דעם אונשולדיגען קינד. אָבער ווי ערציטערט און ערשטוינט זענען זיי געוואָרען, ווען זיי האָבען דערזעהן, ווי דאָס קינד, שפּילענדיג זיך, קריכט אַדורך צווישען די פיס פון וועכטער נאָך זיין באָל, און דער גרויזאַמער וועכטער בע־מערקט עס נישט. שטום־טויט שטעהט ער ווי פריהער, נאָר זיין בליק איז אַנגעשטרענגט און ער שיקט איהם אוים וויימער פאַר זיך ווי שטענ־דיג. ס׳זעהט נישט דער וועכטער, ווי דאָס קינד שלייכט זיך אַדורך דורך זיינע פיס, ווי דאָס קינד עפענט אויף די שווערע אייזערנע טהיר פון פּאַלאַץ, און פאַר נייגעריגקייט וואַרפט ער אַ בליק אַריין אין די שווערע פינסטערניש פון פּאַלאַץ.

נאָכ׳ן קינד האָט אַ צווייטער געוואַגט. עס איז נישט געווען פון די, וואָס גלוסטען נאָך רייכקייט, אויך נישט פון די, וואָס בענקען נאָך יוגענד, און געווים נישט פון די, וואָס שטרעבען נאָך וויסען, וואָס האָבען געוואַגט פאַרבייצוגעהן דעם וועכטער צו דער טהיר פון פּאַלאַץ נאָכ׳ן קינד, נאָר דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן מיט אַ לאַנגען אויסגעצעהרטען

פּנים, מיט פער'הלש'טע, שוואַרצע אויגען און וועמענס האַרץ עס איז יונגערהייד פערבלוטיגט געוואָרען. און ער איז געגאַנגען די וואַנד פון זיין האַרץ היילען מיט די אייביגע קוואַלען פון ליעבע, וואָס געפינט זיך אין פּאַלאַץ. דאָס איז געווען דער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך איינגע־שטעלט אויסצוהאַלטען דעם בליק פונ'ם וועכטער און צוצוקומען צו דער טהיר פון פּאַלאַץ. ווידער האָבען די הונגעריגע צושויער אָבגעוואַרט מיט אַ פערכאַפּטען אָטעם דעם סוף פון יונגענמאַן. אָבער ווי פערשטיינערט, פערוואונדערט זענען זיי געוואָרען, בעמערקענדיג ווי דער יונגערמאַן שלייכט זיך אַדורך דעם וועכטער, און דער וועכטער דערזעהט איהם נישט.

מיט שטראַהלענדע אויגען און קלאַפּענדע הערצער האָט איינער דעם אַנדערן אָנגעקוקט, און אַ געמורמעל איז דורכגעגאַנגען:

— דער וועכטער, דער וועכטער איז בלינד!

און באַלד האָט זיך ביי אַנדערע ערוועקט דער מוט אַדורכצושליי־כען זיך דורך דעם וועכטער און אריינ'גנב'ענען זיך דורך דעם שווערען טויער אין פּאַלאַץ. און דערזעהענדיג ווי איינער נאָכ'ן אַנדערן שלייכט זיך אַדורך דורך דעם וועכטער אין פּאַלאַץ אַריין און ער בעמערקט זיי נישט, — איז אַ שטימע געגאַנגען אין אָרימען, הונגעריגען פּאָלק אַריין, און עס האָט זיך געהערט פון אויער צו אויער:

— דער וועכטער, דער וועכטער איז בלינד!

און עס זענען אָנגעקומען די אַלע הונגעריגע און דורשטיגע, די, וואָס אַ שטיקעל ברויט איז זייער גליק, און סיי די, וואָס האָבען פער־וואונדעטע הערצער און בענקען נאָך ליעבע, און סיי די, וואָס זענען אַלט געוואָרען אָהן פריידן און געגרינצעלט געוואָרען אָהן יוגענד און ווילען בעגייען זייערע טעג, און סיי די, וואָס ווילען בעלויכטען זייער וועג, כדי צו זעהן ווי קורץ און ענג ער איז, — און זיי האָבען געזאָגט איינער צום אַנדערן:

— בהנם איז אונזער שרעק געווען. מיר האָבען נישט געוואוסט, אַז אַ בלינדער וועכטער היט דעם פּאַלאַץ.

און אַלע האָבען זיי זיך דורך דעם וועכטער אַדורכגעשלייכט, אויפגעעפענט די שווערע טויערען פון פּאַלאַץ און זענען אין פּאַלאַץ אַריין.

— — — — — — — — — — —

טייל פון זיי האָבען זיך לאַנג געזאַמט אין פּאַלאַץ, אַנדערע האָבען זיך אויפגעהאַלטען דאָרט נאָר אַ קורצע ווילע. נאָר אַלע זענען אַרויסגעקומען פון פּאַלאַץ מיט אַ גרויס געוויין און זיי האָבען געזאָגט:

„וועה צו אונז: אַ בלינדער וועכטער האָט געהיט אַ לעדיגען פּאַלאַץ!“

# גאָטס ברויט

(אַ לעגענדע)

אין אַ שטאָדט האָבען געוואוהנט צוויי בעקערס. איינער אַ רייכער, און איינער אַ אָרימער. דער רייכער איז געווען, ווי געוועהנליך, אַ שעהנער בעל הבית, אַ חסיד, אַן אָנגעזעהענער מענש. דער אָרימער איז געווען אַ פּשוטער איד, אַ גראָבער יונג. דער רייכער האָט געבאַקען זיין ברויט פאַר רייכע. די שענסטע חלות, די באַ׳טעמ׳סטע אייל־באַשמירטע קוכענס און גרויסע אָנגעזעהענע קוילעטשעס אויף ימים טובים. דער אָרימער האָט געבאַקען זיין ברויט פאַר אָרימע לייט, פאַר בעלי־מלאכות, פאַר דאָרפס־געהער און אָרימע פּויערים. דעם רייכען איז דערפאַר קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו טאָן אַ מצוה מיט זיין ברויט. ער האָט גאָר נישט געוואוסט, אַז עס זענען דאָ אַזעלכע, וואָס נויטיגען זיך אין ברויט, אַז עס קומט זיי שווער אָן זייער ביסען. די רייכע בעל הביתטעס, פאַר וועמען ער האָט צוגעשטעלט זיין געבעקס, האָבען איהם אַנטקעגען געטראָגען זיין לוין פּונקט צו דער צייט, צו דער שעה, צו דער מינוט. קיינמאָל זענען זיי איהם נישט שולדיג געבליבען, און עס איז איהם קיינמאָל נישט אויסגעקומען אַ מענשען אַ טובה צו טהאָן. פאַרקעהרט, ווידער, דעם אָרימען איז אויסגעקומען אָפטמאָל צוצוזעהן, ווי מענשען פּלאָגען זיך פאַר זייער טעגליכען ברויט. אָפטמאָל איז איהם אויסגעקומען צו זעהן, ווי אַ אָרימע אידענע אָדער אַ אָרימער פּויער פון דאָרף איז אַריינגעקומען אין זיין געוועלבעל, גענומען די חלה אָדער דאָס ברויטעל אין דער האַנד אַריין, באַקוקט עס פון אַלע זייטען, און נאָך דעם ווי זיי האָבען באַקוקט זייער חיונה פון אַלע זייטען, האָבען זיי אויסגעגראַבעלט די לעצטע

גראָשענס פון זייערע קעשענעס, און נישט געקענט באַצאָהלען דערפאַר, ווייל עס האָט זיי אויסגעפעהלט צום מקח, האָט דער איד, דער בעקער, רחמנות געהאַט אויפ'ן אָרימאַן און צוגעבאָרגט צו דער חלה, אָדער צום ברויט, אַמאָל אַ גראָשען, אַמאָל צוויי.

זעלבסטפערשטענדליך האָט דער רייכער בעקער געבאַקען זיין געבעקס אויף אַלע רייכע חתונות און אויף אַלע רייכע ברית'ן, און ווי עס איז נאָר געווען עפּעס אַ שמחה ביי אַ אָנגעזעהענעם בעל הבית, האָט מען באַשטעלט דאָס געבעקס ביים רייכען בעקער. זיין ברויט איז שטענדיג געווען דאָס ברויט פונם רייכען, אוים דעם פיינסטען דין געמאָלענעם זעמעל־מעהל, מיט אייער און מיט אייל, און מיט דעם פיינסטען מאָהן באַשיט. זיין ברויט האָט געשיינט ווי די רייכע זון. פאַרקעהרט, דעם אָרימען בעקער איז קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו באַקען אַ וויים שטיקעל ברויט אָדער אַ חלה אוים איידעלען דין געמאָלטען וויים מעהל. שטענדיג איז זיין ברויט געווען גראָב און שוואַרץ, געמישט אוים קאָרן־מעהל מיט ראַזעוואַנע און קאַשע, ווי עס איז דאָס ברויט פון אָרימאַן, און קיינמאָל איז איהם נישט אויסגעקומען צו באַקען אַ שטיקעל איידעל געבעקס, אַ ווייסע חלה אָדער אַ געקיילעכטען קוילעטש, און מיט דער צייט האָט ער אויך פאַרגעסען צו באַקען וויים ברויט, נור שוואַרץ ברויט פאַר'ן אָרימאַן.

אַמאָל איז אַראָפּגעקומען אין שטאָדט אַריין אַ גרויסער רבי, אַ בעל שם טוב, וואָס זיין נאָמען האָט געקלונגען איבער דער גאַנצער וועלט, און חסידים פון דער גאַנצער געגענד זענען געפאָהרען צו איהם. דער רבי איז איינגעשטאַנען, ווי געוועהנליך, ביי דעם גרעסטען גביר פון שטאָדט, אין דער שעהנסטער שטוב. פאַר דעם גביר, ביי וועמען דער גרויסער רבי איז איינגעשטאַנען, האָט, ווי פאַר אַלע גבירים, געבאַקען חלות דער רייכער בעקער, און אַז עס איז געקומען שבת האָט מען באַשטעלט פון גביר ביים רייכען בעקער צוועלף פאַר חלות פאַר'ן רבי'נס טיש.

די גאַנצע שטאָדט האָט גערעדט וועגען די צוועלף פאַר חלות, איבער וועלכע דער רבי וועט המוציא מאַכען און טיש פיהרען. און דער רייכער בעקער האָט אויסגעזוכט דאָס פיינסטע איידעלע מעהל, און געבאַקען אויס זיי די חלות מיט גרוים קונסט, אַריינגעלייגט אין זיי אַלע המצאות

וואָס ער האָט נאָר געוואוסט אין פּלעכטען די חלות, אַזוי, אַז די גאַנצע שטאָדט איז געקומען זעהן די חלות פאַר גרויס חידוש.

דער אָרימער בעקער האָט אויך געוואָלט מזכה זיין דעם רבי'ן מיט צוועלף פאַר חלות. קיינמאָל איז איהם נישט אויסגעקומען צו באַקען חלות פאַר אַ רייכען טיש, נאָר זיין ברויט איז שטענדיג געווען פאַר'ן אָרימאַן, האָט ער זיך מתקנא געווען אַן רייכען בעקער און האָט אויסגעקליבען פון זיין מעהל דאָס בעסטע און איידעלסטע, וואָס ער האָט געהאַט, און אָפּגע-באַקען צוועלף פאַר חלות, דערמאָנט זיך פון זיין יוגענד די פערשידענע חכמות פון בעקעריי, וואָס ער האָט זיך געלערנט, ווען ער איז געווען ביי אַ בעקער אויף דער לעהר, האָט ער זיי געפלאָכטען מיט גרויס ליעבע און ערגעבענהייט, איבערגעשמירט זיי מיט וויסעל פון איי, און באַשאָטען זיי מיט מאָהן, און געטראָגען זיי מיט גרויס שמחה צום נגיד'ס הויז, און געבעטען די גבאים פון רבי'ן, אַז זיי זאָלען זיינע חלות אויך אַרויפ-ברענגען אויפ'ן רבי'נס טיש, כדי דער רבי זאָל איבער זיי המוציא מאַכען.

ביי דעם נגיד אין דער קיך, וואו דער אָרימער בעקער איז געשטאַנען מיט זיינע חלות, האָט מען אויס דעם בעקער געלאַכט. „ער ברענגט אויך פאַר'ן רבי'ן זיינע חלות?“ האָט מען געזאָגט צו איהם מיט שפּאָט. ערשטענס, זענען זיינע חלות, ווי ווייט דער בעקער האָט זיך נישט געמיהט, דאָך געווען אָרימער אין פאַרגלייך מיט די חלות פון רייכען בעקער, ווייל דער אָרימער האָט שטענדיג געבאַקען דאָס ברויט פון אָרימאַן, האָט ער שוין געהאַט פאַרגעסען ווי אַזוי צו באַקען ברויט פאַר'ן רייכען, און דאָס צווייטע האָט מען געוואוסט, אַז דער אָרימער בעקער איז אַ יונג אַן עם הארץ, אַ גראָבער מענש, וואָס באַקט נאָר ברויט פאַר אָרימע לייט און פּויערים. און ווי אַזוי קען מען זיינע חלות אַרויפברענגען אויפ'ן רבי'נס טיש?

איז דער אָרימער בעקער אַהיים געגאַנגען פאַרשעמט, מיט אַ צו-בראָכען הארץ, דערפאַר וואָס מען האָט נישט געוואָלט זיינע חלות צונעהמען פאַר'ן רבי'נס טיש.

האָט דער אָרימער בעקער געטראַכט און געטראַכט, און געזאָגט צו זיך: אַז דער רייכער בעקער באַקט חלות פאַר'ן רבי'ן, וועל איך באַקען חלות פאַר גאָט.

אַ גראָבער יונג איז ער געווען, דער אָרימער בעקער, ווי געזאָגט,

האָט ער געמיינט, אַז גאָט בעדאַרף אויך צוועלף פּאַר חלות צו זיין טיש, דעם שבת אַפּצוריכטען — איז ער אַהיים געגאַנגען און האָט אויסגעזוכט דאָס איידעלסטע מעהל, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין מולטער, און געבאַקען דערפון צוועלף פּאַר חלות, מיט גרויס ליעבע און כונה. אַלע שענע קונצען פון פלעכטען די חלות האָט ער אין זיי אַריינגעלעגט — און געוואַכט איבער זיי ביים באַקען, אַז זיי זאָלען נישט זיין נישט צו רוי און נישט צופיעל פערברענט, נאָר פונקט אַזוי ווי זיי זענען גוט צו עסען. דערנאָך, אַז ער האָט זיי געהאַט אָפּגעבאַקען, האָט ער גענומען די צוועלף פּאַר חלות אונטערן בוזים און איז געגאַנגען אין שוהל־געסעל אַריין. אַרומגעקוקט זיך אויב קיינער זעהט נישט, האָט ער זיך אין שוהל אַריינגעגנב'עט, צוגעגאַנגען צום ארון קודש, אויפגעעפענט די פּירלער, און אַריינגעלעגט ביי די ספרי תורות די צוועלף פּאַר חלות, און האָט אַזוי געזאָגט:

— גאָט, גאָט, איך האָב געבאַקען פאַר דיר צוועלף חלות, פּאַר שבת אויף דיין טיש. איך בעט דיך, נעהם זיי צו, און פאַרשעם מיך נישט.

און צוגעמאַכט דעם ארון קודש איז ער אַוועקגעגאַנגען.

אין דער שטאָדט האָט זיך אויך געפונען אַ שניידער, זעהר אַ פרומער איד, נאָר אַ גרויסער אָרימאַן. דאָס גאַנצע לעבען האָט דער שניידער געאַרבייט מיט זיינע צעהן פינגער אויף זיין שטיקעל ברויט. אַ גאַנצע וואָך איז ער אָפּגעקומען מיט גאָרנישט, און אַלצדינג, וואָס ער האָט פערדיענט האָט ער בעהאַלטען אויף שבת. אַ גאַנצע וואָך האָט ער געלעבט ווי אַן אָרימאַן, קוים איין מאָל אין טאָג געגעסען אַ ביסעל קליסקעלעך אָדער אַ שטיקעל ברויט, נאָר די נשמה צו דערהאַלטען. נאָר ווען עס איז געקומען פרייטאָג, איז די שניידערין אַרויסגעגאַנגען אויפ'ן מאַרק און האָט איינגעקויפט די בעסטע פיש, דאָס שענסטע שטיקעל פלייש און באַשטעלט זיך ביים בעקער די שענסטע פּאָר חלות. ליכט האָבן זיך אין איהר הענגלייכטער געברענט גרויסע, און אַזוי פיעל ווי ביי אַ נגיד. אַלע האָבען זיך פאַרוואונדערט, פון וואַנען דער שניידער האָט געלד אַזאַ רייכען שבת זיך אָנצוגרייטען, און אַ ביסעל פאַראיבעל געהאַט, וואָס אַן אָרימאַן מאַכט זיך אַזאַ וואוילטאָג און גיט זיך אַזוי פיעל נאָך, וויל נישט איינמאָל האָט די שניידערקע, די אָרימע, אויסגעקויפט פון פיש־מאַרק דעם

שענסטען העכט, נאָר קיינער האָט נישט געוואוסט, אַז דאָס טהוט דער איד, כדי מקיים צו זיין די מצוה פון שבת, וואָס ער האָט זי געהאַט אָנגענומען פאַר זיין מצוה. וואָרום ער האָט זיך געזאָגט, אַלע מצוות קען איך נישט מקיים זיין, וועל איך אָבהיטען איין מצוה — די מצוה פון שבת. און אַ גאַנצע וואָך האָט ער נאָר אָבגעשפּאָרט, נישט גע־געסען נישט געלעבט, נאָר אַלצדינג, וואָס ער האָט פערדיענט האָט ער בעהאַלטען אויף שבת. אז דער שניידער איז געקומען אויף דער עלטער, האָבען אים אָנגעהויבען די הענד צו ציטערען און זיינע אויגען זענען טונקעלער געוואָרען, און ער האָט שוין נישט געקענט פערדיענען קיין געלד פון זיין שניידעריי אָנצוגרייטען זיך אויף זיין שבת, אַזוי ווי זיין געוואוינהייט איז געווען. האָט ער אַלצדינג אויספערקויפט, וואָס ער האָט נאָר אין זיין שטיבעל גע־האָט — אַבי דעם שבת אָבצוהיטען. וואָרום איין זאַך האָט ער געהאַט אָבגעמאַכט מיט זיך, דער שניידער: נישט אָנצוקומען צו קיין מענשען נאָך הילף און פון קיינעם גאָר נישט צו בעטען, נאָר סיידען ביי גאָט. אַז ער איז שוין גאָר אַלט געוואָרען, און די אוי־גען זענען ביי איהם שוין אין גאַנצען אויסגעלאָשען געוואָרען און די הענד זענען שוואַך געוואָרען, אַז ער האָט שוין גאָר נישט געקענט פערדיענען און ער האָט שוין געהאַט אַלצדינג פון שטוב אויס־פערקויפט, און נישט געהאַט קיין זאַך מעהר צו פערקויפען, אַפילו חלות זיך איינצושאַפען אויף שבת, איז ער געגאַנגען אין דער שטיל אין שוהל-געסעל, און אַרומגעקוקט זיך אויב קיינער זעהט נישט, האָט ער זיך אַריינגע׳גנב׳עט אין שוהל אַריין, איז צוגעגאַנגען צום ארון קודש, אויפגעעפענט די טירלעך, און האָט צו גאָט אַזוי געזאָגט:

— דו ווייסט וואויל, ליעבער גאָט, אַז כל זמן איך האָב געקענט אַרבייטען, האָב איך אַלצדינג אָבגעשפּאָרט אויף שבת. היינט בין איך אַלט געוואָרען, מיינע אויגען זענען אויסגעלאָשען און מיינע פינגער ציטערען, און איך קען נישט מעהר פערדינען, און צו קיין מענשען וויל איך נישט אָנקומען, דורך דעם בעט איך דיך: אַ גאַנצע וואָך וועלען מיר שוין דורכקומען מיט וואָס מען וועט קענען — אָבער אויף שבת וויל איך כאָטש חלות האָבען.

און אַזוי ווי ער האָט אָבגערעדט זיין געבעט, גיט ער אַ קוק און דערזעהט צוועלף חלות, פרישע, ערשט נאָר וואָס פון אויוועז אַרויסגעקומען, מיט מאָן און אייל בעשמירט, ליגען אין ארון קודש אין אַ ווינקעל ביי די ספרי תורות.

האָט ער דאָך פערשטאַנען, אַז די חלות זענען פאַר איהם. האָט ער זיי בעהאַלטען אין בוזים, און איז אַהיים געלאָפען מיט גרויס שמחה — און האָט די שניידערין געוויזען די צוועלף פאַר חלות, וואָס גאָט האָט איהם אויף שבת צוגעשיקט.

און אַזוי פיהרט זיך דאָרט אין שטאָדט. יעדען פרייטאָג באַקט דער אָרימער בעקער אָב צוועלף פאָר חלות פאַר גאָט און טראָגט זיי אין שוהל אַריין, און לעגט זיי פאַר גאָט אין ארון קודש אַריין, און דערנאָך קומט דאָס אָרימע שניידערל און קריעגט פון גאָט די חלות אויף שבת.

אַזוי לאַנג ווי דער שניידער האָט געלעבט, האָט איהם גאָט צוגעשיקט חלות יעדען פרייטאָג אויף שבת. נאָך זיין טויט איז געקומען אַן אַנדער אָרימאַן און האָט צוגענומען גאָטס ברויט.

און אַזוי לאַנג ווי דער אָרימער בעקער האָט געלעבט אין שטאָדט און געבאַקען זיינע חלות פאַר גאָט, איז געקומען איבער דער שטאָדט גאָטס ברכה, אַלע האָבען געהאַט פרנסה, אָהן חרפות. קיינמאָל האָט מען נישט געהערט, אַז אַ קימפעטאָרין זאָל שווער צו קינד געהן אין דער שטאָדט, מגפות און שרפות האָבען די שטאָדט געמידען, און קליינע קינדער געדייען דאָרט און ציהען זיך אויף צו תורה וחופה ומעשים טובים.

אין דער שטאָדט זאָגט מען, עס איז דערפאַר, וואָס דער רייכער בעקער באַקט צוועלף פאָר חלות אויף יעדען שבת פאַר דעם רבי'ן און דער רבי מאַכט המוציא איבער זיי.

# אין שוואַרצוואַלד

(ערצעהלונג)

דעם זומער האָב איך געוואוינט אין שוואַרצוואַלד, וואו דער דאָקטאָר האָט מיך פערשיקט אין אַ שטילן אָבגעלעגענעם אָרט, אויס־צורוהען מיינע צורודערטע נערווען, וועלכע זענען דורך די געשעהע־נישען פון די לעצטע יאָהרען זעהר אָנגעשטרענגט געוואָרען. דעם אָברוה האָב איך גוט פערדיענט און בעדאַרפט גאָר זעהר. פאַר אַ פּאָר יאָהר האָב איך נישט געהאַט קיין בעריהרונג מיט דער נאַטור. געוואוינט אין אַ גרויסער רעשנ׳דיגער שטאָדט, און האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט אויף אַ טאָג אָדער צוויי, האָב איך מיט מיר מיטגעבראַכט דעם רעש פון דער שטאָדט אויפ׳ן פעלד אַרויס.

מיר האָט געפעהלט אַ לאַנגע בעהעפטונג מיט דער נאַטור. דאָס לעבען אין דער גרויסער שטאָדט, מיין פּראָפעסיע, די געשעהענישען פון די לעצטע יאָהרען האָבען אַזוי מיינע נערוועז אָנגעשטרענגט, אַז איך האָב נישט געזעהן ווי איך האָב איינציגווייז אַלע מיינע פריינד פער־וואַנדעלט אין פיינד. איינגערעדט זיך פערשידענע קרענק און געהאַט דורך די שלאָפלאָזע נעכט פאַנטאַסטיש־שרעקענדע אילוזיעס, וואָס האָ־בען געשטייגערט מיינע אויפרעגונגען ביז צו משוגעת.

— נישט אַרבייטען, וועניג לעזען, פיעל שפּאַצירען, און אָנשטאָט מיט שענע דאַמען, האָט׳ס יחידות מיט דער נאַטור — האָט מיר מיין פריינד, דער דאָקטאָר, אָנגעזאָגט.

און איך האָב פּינקטליך אויסגעפיהרט זיין געבאָט. געוואוינט האָב איך אין אַ פערלעגען דאָרף, וואָס וועניג טוריסטען קומען דאָרט אַהין.

דער אָרט איז געלעגען אין אַ אור-אַלטער געגענד, אָבגעוואָרפען פון אַ וועג, צווישען שוואַרצוואַלדישע פויערשע הייזער, אין אַ טאָל, און אַרומגערינגעלט מיט גרין נאָדעל-וואַלדיגע בערג. געאַרבייט האָב איך גאָרנישט, געלעזען האָב איך לאַנגוויילינגע ראָמאַנען, און דער עיקר האָב איך פיעל שפּאַצירט. געקויפט זיך אַ פּאָר שטאַרקע, געלע שיך מיט ספּאָרט-זאָקען, געגומען, ווי מיינע פריינד, די דייטשען, אַ „רוק-זאַק" אויף די פּלייצעס, געקויפט אַ שטאַרקען אונגאַרישען שטעקען מיט אַ שטאָלענעם שפּיץ און געלאָזט זיך אין וועג אַריין. יעדען טאָג האָב איך אויסגעזוכט אַנ'אַנדער פּלאַץ אין דער אומגעגענד. איך בין געקראָכען אויף בערג, געניעדערט אין טהאָלען, געוואַנדעלט דורך איינזאַמע וועגען אין וואַלד, דערשראָקען דורך מיינע טריט יונגע האָזען און סאַרנעס, געבאָדען זיך אין קאַלטע פליסיגע טייכלעך, וואָס זענען געקומען פון קוואַלען-וואַסערן, וואָס האָבען דורכגעשליפען זיך וועגען דורך וועלדער, איבער שטיינערנע בערג, און איך האָב זיך אָנגעהויבען צו פיהלען פיעל פרישער און געזונדער, בין נאָך יעדער רייזע זיס מיד געוואָרען, געגעסען מיט אַפּעטיט און געשלאָפען ביינאַכט פעסט אָהן חלומות.

איך האָב געהערט פון אַנ'אָרט, וואָס אַלע האָבען געריהמט, אַז עס זאָל זעהר שעהן און אינטערעסאַנט זיין. מען האָט דאָס גערופען „קלויסטער-רואינע", און עס איז געלעגען אַ טאָג רייזע פון אונזער דאָרף, אין אַ טהאָל, צו וועלכען עס איז געווען שווער צוצוקומען, ווייל מען מוז קריכען איבער הויכע וואַלדיגע בערג, אַ ניין הונדערט מעטער איבער דער אויבערפלעכע פון ים, ביז מען קומט דאָרט אַהין. קיין פאָהר-וועג האָט דאָרט נישט אַהינגעפיהרט. מען האָט נאָר געקאָנט אַהינקומען צופוס, אַ שטיק וועגס, איבער דעם אַזוי גערופענעם „העהען-וועג", דאָס איז דער אַלטער וועג, אויף וועלכען מען איז פאַרצייטענס געגאַנגען און געריטען. און זייט עס זענען געבויט געוואָרען די באַהנען איז דער וועג פערגעסען און פערוואַקסען געוואָרען און ווערט נאָר בענוצט פון פוס-וואַנדערער. דערנאָך פיהרט אַ שמאָלער שטעג דורך אַ געדיכטען וואַלד, איבער ווילדע שטיינער-בערג. דער וועג איז זעהר שווערליך און אַליין צו גיהן איז איך געפעהרליך. איך האָב זיך אָבער אונטערגענומען צו מאַכען די רייזע, ערשטענס,

צוליב די בעריהמטע וואַסערפאַלען, וואָס געפינען זיך ביי דער „קלויסטער-רואינע”, און צווייטענס, צוליב די פיעל לעגענדען, וואָס געהען אום וועגען דער רואינע. אויף דעם אָרט, וואו עס שטעהט די „קלויסטער-רואינע”, האָט אַמאָל געזאָלט שטעהן, ווי עס דערצעהלט די לעגענדע, אַ טעמפעל פאַר דער ווענוס, וואָס די רוימער האָבען אויפגעשטעלט פאַר זייערע לעגיאָנען, וואָס זיי האָבען געהאַט שטעהן ביי די געגענדען פון רהיין, אָבצויאָגען די ווילדע גערמאַנען, וואָס האָבען זיך פון זייערע פינסטערע וועלדער געלאָזט אויף רוים. דערנאָך איז דער טעמפעל איינגעזונקען און פערגעסען געוואָרען, נור דורך דער צייט פון די קרייץ-צוגען, ווען פיעל ריטער האָבען זיך געלאָזט איבער די וועלדער ציהען קיין ירושלים צו בעפרייען יעזוס'עס קבר פון די הענד פון די אומגלויביגע — האָט דאָרט אויף דעם אָרט, וואו עס איז געשטאַנען דער ווענוס-טעמפעל, געזאָלט שרעקען מיט שדים. פיעל ריטער זענען פערבלאָנדזשעט געוואָרען, אַראָבגעפיהרט געוואָרען פון וועג און פערפיהרט אין זומפען, אין לבנה-בעלויכטענע ווילדע וואַסערפאַלען, פון אַ שענע פרוי, וואָס האָט געוואוינט אין וואַלד. אויף דעם אָרט, וואו עס איז געשטאַנען דער ווענוס-טעמפעל, האָט מען פיעל משוגענע ריטער געפונען. מען האָט דאָרט געזוכט און צווישען ווילדע צווייגען און בלעטער געפונען ליגען אַ סטאַטוע פון דער ווענוס. די סטאַטוע האָט מען צושמעטערט און אויף דעם אָרט האָט מען אַ קלויסטער אויפגעשטעלט פאַר דעם געקרייצטען גאָט. דער קלויסטער האָט זיך אָבער אויך נישט לאַנג געהאַלטען. באַלד איז ער דורך אַ אונבעוואוסטע סיבה צושטערט געוואָרען, און ס'איז נור איבערגעבליבען אַ רואינע, וועלכע שטעהט נאָך ביז היינטיגען טאָג.

היינט געפינט זיך דאָרט אַ פערגעסען דאָרף מיט אַ פוילערשען האָטעל, וואָס אַ דייטש האָט אויפגעשטעלט פאַר די צו-וואַנדעלדיגע טוריסטען, וועלכע בעזוכען דעם אָרט.

אויסגעקליבען זיך אַהין צו געהן האָב איך זיך דווקא אין אַ רעגענדיגען טאָג. פון מיין קינדהייט אָן האָב איך זיך נישט בעהאַלטען פאַר'ן רעגען, פערקעהרט, איך האָב איהם אויפגעזוכט דאָרט, וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזט און די געוואָהנהייט איז מיר געבלי-

בען נאָך ביז היינט. מיר דאַכט זיך, אַז אין רעגען פיהלט דער מענש אַ אונמיטעלבאַרע פעראייניגונג מיט דער נאַטור. דער רעגען, וועלכער פעראייניגט די ערד מיט'ן הימעל מעהר ווי די זון; דער רעגען, וואָס דעקט אויף דאָס ריכטיגע פנים פון דער ערד, וואָס גיט צוריק די גרינס פון די לאָנקעס זייער קאָליר, וואַשט אויך אָפּ פון מענשענ'ס קאָפּ, פון מענשענ'ס לייב דעם שטויב פון דער שטאָדט, און ער ערוועקט אין מענשענ'ס געמיט דאָס נאַטירלעכע געפיהל צו דער ערד, פון וועלכער ער קומט. דער מענש פיהלט זיך אונטער'ן רעגען צוגעוואקסען צו דער ערד, ווי אַ געהענדיגער בוים...

ווען איך בין אַרויס פון טהאָל אין וועלכען עס איז געלעגען דאָס דאָרף, וואו איך האָב געוואוינט — איז די גאַנצע וועלט געווען איינגעהילט אין וואָלקענס, וואָס זענען אַראָבגעפאַלען פון די אַרומיגע בערג. די וואָלקענס זענען געלעגען געדיכט איבער די שפּיציגע נאָדעל-וועלדער, נאָר דאָ און דאָרט האָט זיך אַנטפּלעקט פון אַ צורי־סענעם וואָלקען אַ שפּיץ פון אַ גרינעם באַרג, פון וועלכען עס איז אַרויסגעגאַנגען אַ פּאַרע, און עס האָט זיך געדרייכערט פון איהם, ווי עס וואָלט אין איהם אַ פייער געברענט. דער וועג איז געווען פייכט און דאָס פליסענדיג וואַסער אין טייך, וואָס לייכט ביים וועג, איז געווען איבערפולט און געדרישט מיט מעהר פרישקייט ווי תמיד. אויף דעם פייכטען וועג האָבען זיך געשלייכט נאַסע ווערים, שוואַרצע בלישצענדיגע שלענגלעך, יאַשצערקעס און אַנדערע שלייכענדיגע בעשעפענישען, וואָס זענען אַרויסגעקראָכען פון זייערע בעהעלטעני־שען. נישט ווילענדיג איז מיר געקומען אויפ'ן זינען, וואָס איך האָב געלעזען איבער בודהאַ. בודהאַ איז קיינמאָל נישט געגאַנגען מיט זיין מענגע מאַנאַכען, וואָס האָבען איהם שטענדיג בעגלייט איבער'ן וועג, נאָך אַ רעגען, כּדי זיי זאָלען נישט צוטרעטען די ווערימלעך, וואָס קריכען אַרויס אויף די וועגען, מיט זייערע טריט. און טאָמער איז איהם יאָ אַמאָל אויסגעקומען צו געהן איבער'ן וועג אין אַ רעגען, האָבען זיך געפונען אַ טייל פון זיינע מאַנאַכען, וועלכע זענען פאָראויס־געגאַנגען און אויפגעקליבען יעדעס ווערימעל, יעדעס בלימעל, יעדעס צווייגעל, און פּערטראָגען עס אין אַ זייט, כּדי די מענשען זאָלען זיי נישט צוטרעטען מיט זייערע טריט. אונוויסענדיג האָב איך געהיט

מיינע טריט, ווי בודהאַ, אַז איך זאָל נישט צוטרעטען די קריכענדע ווערים, מיינע מיט־בעשעפענישען...

מיין וועג האָט געפיהרט באַרג אַרויף. איך האָב געדאַרפט שטייגען אַ דריי־פיער הונדערט מעטער אין דער הויך איבער אַ וואַלדיגען וועג. וואָס העכער איך בין געקומען אויפ'ן באַרג, אַלץ קלערער איז עס געוואָרען. באַלד האָט דער רעגען אינגאַנצען אויפגעהערט. דער הימעל האָט זיך אָנגעהויבען אויסצוקלערען, די פאַרבען פון דער נאַטור, דאָס בלוי פון הימעל, די גרינקייט פון דעם פעלד און די טונקעלהייט פון די וועלדער — זענען געוואָרען קלערער, פרישער, ריינער, און די גאַנצע וועלט איז געווען ווי אויסגעצוואָגען און אָבגעוואַשען און אויסגעקוקט מעהר בעהאַרציגט. די פייכטע בוימער און די פייכטע וואָרצלען פון די אויסגעהאַקטע בוימער האָבען זיך געטרונקען אין דעם קלאָרען הימעל, און פון זיי זענען אַרויסגעגאַנגען דינע וואָלקענדלעך רויך. איך האָב זיך אומגעקוקט אין טהאָל, פון וועלכען איך בין אַרויפגעקומען, און האָב געזעהן, אַז דער גאַנצער טהאָל איז נאָך פול געווען מיט וואָלקענס; די וואָלקענס האָבען זיך יעצט געהויבען פון טהאָל, און עס איז געווען, ווי זיי וואָלטען זיך געוואָלט הויבען אין דער הויך און צוריקגעהן אין די הימלען אַרויף, פון וואַנען זיי זענען געקומען. אָבער זיי האָבען נישט געקענט. די וואָלקענס האָבען אויסגעזעהן ווי געפאַלענע הימעל־טעכטער, ביי וועלכע עס זענען די פליגעל אַרונטערגעשלאָגען געוואָרען. זיי האָבען זיך געהויבען און צוריקגעפאַלען אין די טהאָלען אַריין, און זיי זענען צוריסען געוואָרען אויפ'ן וועג צווישען די בוימער פון די וועלדער, אין וועלכע זיי זענען אַריינגעפאַלען...

די שטאָלצע הימלישע טעכטער זענען געווען אָבגעריסען פון הימעל, אויף די גרינע ווייכע לאָנקעס אין טהאָל אַראָפּ האָבען זיי נישט געקענט קומען און צום הימעל האָבען זיי זיך נישט געקענט אַרויפהויבען. זיי האָבען זיך געוויקעלט מיט זייערע לייכטע דורכזיכטיגע לייבער אַרום די האַרטע ברעגען פון די בערג, די שטעכעדיגהויכע נאָדעל־וועלדער, וועלכע זענען געוואַקסען משופּע אַראָב די בערג, האָבען צוריסען זייערע שלייערס, דורכגעלעכערט זייערע לייבער און זיי, די ווייבליכע וואָלקענס, האָבען מיט זייער האַרץ און

ברוסט געהאַלזט די שטעכעדיגע בערג... אָבער עס איז זיי דערפאַר געלונגען ווייכער צו מאַכען די האַרטקייט פון די בערג, געמאַכט זיי עלאַסטיש, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די בערג מיט די וועלדער, וועלכע ס'וואַקסען אויף זיי, שווימען אין נעבעלדיגע ימים... וואָס מעהר איך בין געגאַנגען, אַלץ מעהר האָט דער וועג מיך פערפיהרט אין אַ געדיכטען, ווילדען וואַלד אַריין. דער פוס-וועג איז געווען בע-וואַקסען און מען האָט איהם נישט אָנגעזעהן. איך האָב געמוזט אַליין זוכען אַ וועג דורך די פייכטע געדיכטע מאַסען, וואָס מען האָט גע-טרעטען אויף זיי ווי אויף איינגעזאַפּטע שוואָמען. די געגענד איז יעצט ווילדער געוואָרען און אומהיימליכער. אויף די ראַנדען פון אַ אָבבויגענדיגען טיעפען אָבגרונד, אין וועלכענס טיעפעניש עס האָט געפלאָסען אַ טייך איבער ווילדע שטיינער-פלאַטען, זענען געוואָקסען בוימער מיט די וואָרצלען אַרויסגעדרעהט פון דרויסען. די בוימער האָבען אויך געהאַט פערשידענע ווילדע געשטאַלטען. טייל זענען גע-ווען געקריפּעלט, אַנדערע האָבען געטראָגען הויקערס, ביי אַנדערע זענען די צווייגען געווען אַזוי פערדרעהט, אַז זיי האָבען אויסגעזע-העו ווי פערוואָקסענע לעבעדיגע חיות און מענשען... ווילדע, גרויסע שטיינער-פאַלען האָבען זיך געהויבען איבער די פנים'ער פון די בערג און פון צווישען די שפּאַלטען פון די שטיינער זענען בוימער אויס-געוואָקסען. וואָס העכער עס הייבט זיך דער באַרג, אַלץ טיעפער ניע-דערט אַראָב דער אָבגרונד ביי דער זייט פון וועג, אַזוי, אַז דאָס רוישען פון וואַסער פון דער טיעף פון אָבגרונד הערט זיך שוואַכער. איבער שוואָמעדיגע מאָך-וועגען קריכען פערשידענע אויסטערלישע, מיט הערנער בעוואַקסענע שלימאַקעס. כאָטש דער הימעל איז קלאָ-רער, אָבער דער וואַלד איז פייכט. און מיין קלייד איז פייכט. איך הער דאָס קלאַפּען פון מיין האַרץ, שטייגענדיג אין דער הויך. מיין טעמפּעראַטור מוז אויך זיין אַ שטייגענדיגע, נור איך פיהל נישט. איך פיהל זיך לייכט, שכור'לעך אַביסעל. אין קאָפּ קומען פערשידענע גע-דאַנקען. איך רעד זיך איין, אַז די ווילד-פאָרמדיגע בוימער זענען פערהאָלצטע בריות, און די ווילדע שטיינער זענען פערשטיינערטע פאַרצייטיגע חיות. גאָרנישט האָט זיך געענדערט אין דעם וואַלד פאַר דורות און דורות. אַזוי האָט אויסגעזעהן דער וואַלד, ווען דער אור-

מענש האָט איהם בעוואוינט, אַזוי האָט ער אויסגעזעהן דער וואַלד, ווען דער אור-מענש איז צום ערשטען מאָל אַרויסגעקראָכען פון אונטער אַ פייכטען וואָרצעל, ווי דער שלימאַק און ווי די יאַשטשערקע.

דענקענדיג אַזוי האָב איך נישט געזעהן, ווי איך בין אָבגעגאַנגען אין וואַלד אַ שעה דריי-פיר. דער הימעל האָט זיך שוין אין גאַנצען אויסגעלייטערט און די זון, וועלכע האָט זיך יעצט אַרויסגעאַרבייט פון די וואָלקענס, איז פונקט אַרויסגעקומען אונטערצוגעהן. זי האָט זיך אָנגעצונדען מיט איין מאָל אין אַ גאָלדענעם באָל, וואָס איך האָב נאָר געזעהן דורך די שפּאַלטען פון די צווייגען. אָט דורך די שפּאַלטען פון די צווייגען האָבען זיך אַריינגעגאָסען די שטראַהלען פון דער זון און אויסגעזעהן ווי זונען-הערנער, ווי מען פלעגט עס אויסמאָלען אַרום די קעפּ פון הייליגע אויף די קריסטליכע בילדער. איך האָב אָבער יעצט געקלערט מעהר וועגען דער לבנה ווי פון דער זון. איך האָב איינגעזעהן, אַז איך האָב זיך פערשפּעטיגט און עס וועט מיר אויסקומען צו געהן אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין. כ'בין נייגעריג געוועזען צו וויסען, אויב דער הימעל וועט האָבען די נאַכט אַ לבנה-לאַמטערן...

יעדענפאַלס האָב איך זיך אונטערגעאיילט אָנצוקומען אויף דעם אָרט, איידער די נאַכט פאַלט צו. איך בין שוין יעצט די גאַנצע צייט געגאַנגען אין דער הויך, איבער אַ גוטען אויסגעטראָטענעם וועג, אויף וועלכען מען פלעגט פאַרצייטענס פאָהרען מיט פּאָסט-וואָגענס. מיט'ן אָווענד-צו, איידער די נאַכט איז נאָך צוגעפאַלען, בין איך אָנגעקומען צו אַ וועג-ווייזער, וואָס האָט מיר אָנגעוויזען, אַז דער פּלאַץ, וואָס איך זוך, געפינט זיך אונטען אין טהאָל. איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אין טהאָל. באַלד אָבער איז פינסטער געוואָרען. איך ווייס נישט צי די לבנה האָט יאָ געשיינט אויפ'ן הימעל צי נישט. יעדענפאַלס האָבען די געדיכטע ביימער אַזוי פערשטעלט דעם הימעל, אַז מען האָט קיין ליכט נישט געזעהען. מיין אויג איז אין דער טונקעלהייט געוואָרען ביסלעכווייז צוגעוואָהנט צו זעהן דעם וועג. איך האָב אָבער נישט געוואוסט, אויב איך געפין זיך אויפ'ן ריכטיגען וועג, ווייל עס האָט אָנגעהויבען וואָס אַ מאָל מעהר טונקעלער צו ווערען. אין דעם האָב איך דערהערט פון טהאָל אויפגעהן אַ דין זילבערנעם קלינגען

פון אַ קלויסטער-גלאָק, און איך בין נאָכגעגאַנגען נאָך דעם קלאַנג אין טהאַל אַראָפּ. אַז איך בין אַראָבגעקומען אין טהאָל אַראָפּ האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז עס איז נאָך טאָג געווען. עס איז געווען איינער פון יענע רעגענדיגע טעג ווען מען מיינט, אַז עס איז שוין אָבענד. מיט אַמאָל בעווייזט זיך די זון ערגעץ-וואו אין אַ ווייטערדיגען האָ-ריזאָנט, וואָס מיר זעהען שוין נישט, נאָר מיר קריגען אַהער דאָס ליכט פון דאָרט. דער טהאָל, זייענדיג פריי פון די בוימער, האָט גע-האַט איבער זיך אַ גרויסען שטיק פרייען הימעל, פריי פון וואָלקענס, און אַ בלאַסע לבנה האָט זיך אָנגעהויבען אויסצושניידען אין הימעל, קומענדיג אַרויסצוּרייטען אויפ'ן רוקען פון וואַלד-באַרג.

דער קלינגענדער גלאָק פון קלויסטער האָט גערופען צו אָבענד-געבעט, נאָר אין טהאָל האָט מען קיין הויז נישט געזעהן, קיין מענש, און וואָס נאָך מעהר וואונדערליך, מען האָט קיין קלויסטער נישט אָנגעזעהן. פרייע פעלדיגע קליינע בערגלעך האָבען זיך געהויבען אונ-טער אַ ברייטען און אַ לאַנגען טהאָל. דאָס היי, וואָס איז געלעגען, געשניטען אויף די בערגלעך פון טהאָל, האָט נאָכ'ן רעגען געשמעקט מיט אַן'אָטעם פערכאָפּענדען פערפומעדיגען גערוך. עס האָבען זיך גע-הערט די גלעקלעך אויף די העלזער פון די קיה, וואָס זענען איצט אַראָבגעקומען פון די וואַלדיגע בערגלעך. אויפ'ן וועג האָט מען קיין מענש נישט געזעהן און עס איז נישט געווען וועמען צו פרעגען וואו עס איז דאָ אַ הויז אַריינצוגעהן. נאָכגעהענדיג אָבער נאָך דעם זילבערנעם קלאַנג פון די קירכען-גלאָקען, האָב איך מיט אַ מאָל דער-זעהן אָבגערוקט פון וועג אין אַ טהאָלכעל, פערשטעלט צווישען הויכע, שלאַנקע טענען-בוימער, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי טאָפּאָלען, אַ הוילע וואַנד פון אַ רואינע, וואו דורך די הויכע גאָטישע בויגען-פענס-טער האָט דורכגעשיינט דאָס ליכט פון פערגאַנגענעם טאָג אויסגע-מישט צוזאַמען מיט דעם בלאַסען ליכט פון דער אויפגעהענדער לבנה. איך בין אַראָפּ פון וועג אין טהאָלכעל אַריין און אַ לאַנגער שמאָלער שטעג, מיט צוויי שורות באַזעצטע קאַשטאַן-בוימער, האָט מיך צוגעפיהרט צו דער רואינע פון קלויסטער. די רואינע איז בע-שטאַנען פון גאָטישע קירכען-ווענד, אונטערגעשטיצט מיט בויגענס. צו איין וואַנד איז געווען צוגעבויט אַ הילצערנע קאַפּעלע, פון וועמענס

קליינעם טורעם עס האָט זיך אַלץ געהערט דאָס קלינגען פון גלאָק. די טהיר פון דער קאַפּעלע איז געשטאַנען אָפען, און איך בין אַהין אַריין נאָכפרעגען זיך אויף אַ הויז, וואו איך זאָל קענען איבערנעכטיגען די נאַכט.

אין דער קאַפּעלע איז קיינער נישט געווען. דאָס רויטע ליכט, וואָס האָט געברענט פאַר די הייליגע בילדער, האָט אַביסעל באַלויכטען די פינסטערקייט און איך האָב דערזעהן אַ צווייטע אָפענע טהיר, וואָס האָט געפירט צום טורעמ׳ל, פון וואַנען עס האָט זיך געהערט דאָס קלינגען. פערשטעהענדיג, אַז אויבען, אויפ׳ן טורעמ׳ל, וועל איך וועמען עס איז געפינען, האָב איך קיין סך נישט געקלערט און בין אַרויפגעקראָכען אויף די פערדרעהטע לאַבירינט-טרעפּלעך צו די גלאָקען.

פערוועבט אין אַ טונקעל-שיין, וואָס האָט אַריינגעשטראָמט דורך די אָפענע ראָמאַנטיש-אויסגעשניטענע פענסטערלעך פון טורעמ׳ל, פון טאָג און לבנה-ליכט, איז געשטאַנען אַ גאָלד-האָריגע שלאַנקע פיגור און האָט געצויגען מיט די שטריק, ביי וועלכע עס זענען געווען אָנגעבונדען די פיסלעך פון די גלאָקען. זי האָט מיך נישט בעמערקט אַרויפקומען און אַז איך האָב זי ערשראָקען מיט מיין „גוט-אָבענד״, האָט זי זיך פערוואונדערט אומגעקוקט, באַלד אָבער איינלאַדענדיג געשמייכעלט צו מיר.

— קען מען ביי אייך אין דאָרף איבערנעכטיגען?

— געוויס, שאָקעלט זי מיט׳ן קאָפּ.

זי האָט מיר געקוקט אין פּנים אַריין און געשמייכעלט.

עס איז געווען אַ כאַראַקטעריסטישער רהיינישער טיפּ פון אַ בלאָנד מיידעל. יעדעס מאָל, ווען איך זעה דעם טיפּ דאַכט זיך מיר, אַז אַזוי האָט געמוזט אויסזעהן די „בלאָנדע בעסטיע״ אָדער די „לאָרעליי״. בראָנזענע רויטע האָר, הויך און שלאַנק אין געשטאַלט און דער קאָליר פון לייב איז הערליך ווייס, בעשאָטען מיט פּיצ׳ צימרינט זומער-פלעקלעך. דער טיפּ איז זעהר פאַרשפּרייט צווישען די רהיינישע מיידלעך און עס דאַכט זיך, אַז זיי האָבען אין זיך איינגע-זאַפּט פון די הייסע זונען-שטראַהלען, וואָס מאַכן רייף די וויינטרויבען אויף די בערג ביי די ברעגען פון רהיין. מיר האָט אָבער געשלאָגען

גלייך אין די אויגען די אונגאַטירליכע העלקייט פון איהר הויט, אַ געוויסע קאַלטקייט און שטרענגקייט אין דעם האַלטען פון איהר שלאַנקער, שענער פיגור. נאָר דאָס בלייכע לייכען-לייב, אַרויסשיינענדיג פון דער קרוין ברענענדיגע האָר, האָט געהאַט זעהר פיעל ליידענשאַפטליכן ריטם. דאָס מיידעל האָט מיך אָנגעקוקט פריינדליך און האָט זיך אָנגערופען:

— ווען זי ווילען וואַרטען, וועל איך זי פיהרען אין דאָרף אַריין.

— מיט פערגניגען.

— נאָך וואָס קלינגען זי, עס קומען דאָך נישט קיין בעטענדע? — פרעג איך.

— דאָס מוז זיין. עס איז פאַר דער ווענוס ווענען.

איך האָב צוערשט נישט פערשטאַנען וואָס די ווענוס האָט צו טהון מיט דער קירכע, נאָר דערמאָנענדיק זיך וועגען די לעגענדע, וואָס איך האָב געלעזען, אַז דער קלויסטער שטעהט אויף דעם גרונד פון אַ ווענוס-טעמפעל, איז מיר רעכט געוואָרען.

— פערפיהרט די ווענוס נאָך? — פרעג איך דעם מיידעל מיט שפּאָט.

— נאָך פון צייט צו צייט! — ענטפערט דאָס מיידעל מיט אַן ערנסטען שמייכעל.

— מוז מען זיך היטען? — זאָג איך אין געלעכטער.

— דאָס זאָלען זי אויך, — ענטפערט דאָס מיידעל אויך אין דעם זעלבען טאָן.

דאָס ציהען די שטריק פון גלאָק איז דעם מיידעל אָנגעקומען מיט אָנגעשטרענגקייט, איינבויגענדיג איהר שענע הויכע פיגור אונטער דער לאַסט פון שטריק. נישט איבערקלערענדיג האָב איך געפרעגט ווי אויף קאַטאָוועס:

— זאָל איך איהנען העלפען, פריילין?

— אַז זי ווילען אַזוי פריינדליך זיין, האָט זי געזאָגט, און האָט מיר איבערגעגעבען די שטריק פון גלאָק.

נישט איבערקלערענדיג, ווי אין שפּאַט, האָב איך גענומען די שטריק פון גלאָק און געקלונגען.

— איך מוז די קיה נאָך צוזאַמענטרייבען, ווען זיי זענען פערטיג, קומען זי אַראָפּ — זאָגט דאָס מיידעל, און געהט אַראָפּ פון די טרעפּען.

צוערשט האָב איך גאָרנישט געטראַכט וועגען דעם וואָס איך טהו, אַלעס איז מיר פאָרגעקומען אַזוי נאַטירליך. נאָר איבערבלייבענדיג אַליין מיט די שטריק פון די קלויסטער-גלאָקען אין דער האַנד, איז מיר פאָרגעקומען מיין לאַגע נישט נאָר אַ קאָמישע, נאָר אויך אַ געפעהרליכע. ווען עס קומט פּלוצלונג אַריין איינער פון די פויערים פון דאָרף און געפינט מיך מיט מיין שעהנע יודישע נאָז און סעמיטישע אויגען, שטעהענדיג און האַלטענדיג די שטריק פון קלויסטער-גלאָק, וואָלט ער מיך אָנגענומען פאַר אַ טייוועל, וואָס איז אַראָפּגעקומען אויף גאָט׳ס ערד, און איך בין אַ קאַנדידאַט כאָטש פערברענט צו ווערען אויף אַ פייער-שטויס. אויפצוהערען צו קלינגען האָב איך אויך מורא געהאַט, טאָמער בעדאַרף מען נאָך און די גוים וועלען ערשט דערויף אויפמערקזאַם ווערען. און דאָ פאַלט די נאַכט צו, און איך בין אין קלויסטער אַליין אין אַזאַ אונגעוועהנליכער לאַגע, און דאָס מיידעל בעוויזט זיך נישט. ענדליך נאָך אַ לאַנגע ווייל האָב איך „דעם שפּאַס גענוג געהאַט״, אַוועקגעוואָרפען די שטריק פון די גלאָקען און בין פלינק ווי אַ גנב אַראָב און אַרויסגעלאָזט זיך אין דרויסען.

יעצט איז שוין גאַנץ נאַכט געווען, נאָר עס איז מעהר ליכטיגער געווען ווי פריהער, ווייל דאָס ליכט פון דער לבנה האָט פיעל לויטערער און העלער געשיינט.

איך האָב געטראָפען מיין רויטע „לאָרעליי״ אָנקומענדיג מיט די קיה פון בערגעל אַרונטער און זי רופט מיר צו פון דער ווייטענס:

— נו, האָבען זי נישט קיין אַנגסט געהאַט?

— פאַרוואָס? — פרעג איך.

— פאַר דער ווענוס!

— איך בעדויער. איך האָב קיין ווענוס נישט געזעהן אויסער זי, פריילייץ.

— היטען זי זיך. די ווענוס „שפּוקט״ (פערפיהרט) אויף דעם אָרט.

— איך וואָלט געוואָלט, אַז זי זאָל מיך אויך פערפיהרען,—ווייז איך איהר אויף דער לבנה.

— אין די לבנה-נעכט איז עס זעהר געפעהרליך, זי בעווייזט זיך מעהרסטענס אין די לבנה-נעכט.

— איך בין בערייט אויף איבערלעבענישען.

— זי וועלען נישט אַזוי רעדען, ווען זי וועלען זיך טרעפען מיט איהר אויג אויף אויג.

אַזוי שפּאַסענדיג זענען מיר צוגעקומען צום דאָרף. עס איז אייגענטליך נישט קיין דאָרף, אין גאַנצען בעשטעהט עס פון איין פויערישעס „ווירטהס-הויז", וואָס געפינט זיך אין אַן'אַלטער געביידע, וואָס האָט אַמאָל געהערט צום קלויסטער, און האָט פיעל שטאַלען, וועלכע זענען איבערגעבליבען פון אַלטע גוטע צייטען. אין דער ווירטהשאַפט האָבען זיך געפונען אייניגע פוס-טוריסטען; דער ווירטה, אַן'אַלטער גוטמוטיגער פויער מיט אַ פּאָר רויטע באַקען פון וויין טרינקען, האָט מיך געפיהרט אין מיין קליינעם גאָר ריינעם צימער. איך האָב זיך אָבגעוואַשען און אַראָב אין דער ווירטהשאַפט עסען.

איך האָב זיך נאָך דעם לאַנגען שפּאַציר לחלוטין נישט גע- פיהלט מיעד, פערקעהרט, פריש, מונטער און הונגעריג און זיך פאָרגע- נומען גוט צו עסען.

אין דער ווירטהשאַפט האָב איך געפונען דעם ווירטה מיט זיין משפחה און די פּאָר געסט, וואָס זענען געווען אַלע צוזאַמען ביי איין טיש און געגעסען; איך האָב געקריגען אַ שטעל ביים טיש. דער אופן ווי מען האָט דערלאַנגט דאָס עסען און דאָס עסען אַליין איז געווען אַ ביסעל צו פּרימיטיוו פאַר מיין גרויסשטאָדטישען געשמאַק, נאָר איך האָב נישט געקוקט. איך בין הונגעריג געווען און דאָס עסען האָט מיר געשמעקט און איך האָב געגעסען מיט אַפּעטיט. געהייסען מיר דערלאַנגען אַ גוטע פלאַש רהיין,-וויין, מיט וועלכע דער ווירטה האָט זיך געריהמט, אַז עס איז פון בעסטען פון זיין קעלער. ביים טיש איז אויך געזעסען דאָס רויטע מיידעל, וואָס האָט מיך געבראַכט אין דאָרף אַריין. איך האָב נישט געוואוסט צי זי איז אַ טאָכטער פון ווירטה צי אַ פרעמדע. זי איז געזעסען מיט די משפחה צוזאַמען ביים טיש. ערשט יעצט ביים ליכט פון לאָמפּ האָב

איך זי געקענט גוט זעהן. זי האָט פערמאָגט צוויי געדיכטע רויטע צעפ, וועלכע האָבן זיך אַראָבגעוואָרפען אויף איהר פולען רונדיגען קאָרק, אַ שענעם הויכען האַלז, פון אַ וואונדערבאַרען ווייסען קאָליר, אויף וועלכען עס איז שטאַרק געזעסען איהר קאָפ, אַ קליינער שטערן, אַ גלייכע ציטערדיגע נאָז און פיעלע זומער-שפרענקלעך צושאָטן אַרום איהרע בלויע גרויסע אויגען-ראַהמען. נאָר וואָס ס'איז אַם מייסטען געווען אָנצוזעהן אין איהר איז די ווייסקייט פון איהר קערפער. דער קאָליר פון איהר קערפער, וואו עס האָט זיך נאָר אַרויסגעוויזען, צי ביי איהר הויכען לאַנגען האַלז און דעם גריבעל פון איהר האַלז, צי פון איהר ברוסט-ברעט און פלייצעס. וואָס האָבען זיך אַרויסגעזעהן פון איהר אויסגעשניטען פויעריש געבלימעלט קלייד, צי איהרע נאַקעטע פולע הענד — איז געווען פון אַ בלענדענדער ווייסקייט, — אַ קאַלטע ווייסקייט, כמעט אַ ווייסקייט פון אַ בר-מינן. זי האָט געקוקט אויף מיר פון צייט צו צייט, נאָר דאָ ביים טיש איז איהר בליק נישט געווען שעלמיש לאַכעדיג ווי אויף דעם וועג; אַ טויטע ערנסטקייט איז געלעגען אין איהר בליק. אַ פערשטיינערטע ערנסטקייט און אַ שווייגענדע; די שווייגענדיגקייט האָט זיך געהערט פון איהר גאַנצעס וועזען. אַם מייסטען ווען זי האָט זיך אויפגעהויבען פון טיש עפעס צו דערלאַנגען איז אין איהר שטאָלצער הויכער פיגור געלעגען אַזאַ מאַיעסטעטישע שווייגענדיגקייט, ווי מען געפינט נאָר אויף די פרויען-בילדער פון די גרויסע אַלטע דייטשע מאַלער.

נאָכ'ן עסן זענען זיך די פאָר געסט, וואָס זענען דאָ געווען, צוגאַנגען יעדער אין זיין צימער. איך בין איבערגעבליבען ביים טיש ביי אַ פלאַש רהיין-וויין, וועלכער האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַ גוטע שטימונג. איך האָב איינגעלאַדען דעם ווירטה אויף אַ טרונק, וועלכען ער האָט גערן אָנגענומען. דער ווירטה איז געווען אַ רעדעוודיגער און אַ גוטמוטיגער אַלטיטשקער, און האָט מיר באַלד דערצעהלט וועגען זיין גאַנצען יחוס, אַז זיי בעוואוינען דאָ דאָס הויז צייט הונדערטער און הונדערטער יאָהרען, פון פאָטער צום זוהן. איך האָב בעשטעלט נאָך אַ פלאַש. דאָס רויטע פריילין האָט אונז דערלאַנגט די פלאַש מיט אַזאַ שטאָלצקייט, אַז איך האָב נישט געקענט אָנזעטיגען מיין בליק אין איהר שטאָלצען ריטמישען גאַנג.

דערלאַנגענדיג דעם ווייַן אויפ'ן טיש האָט זי עס, ווי עס האָט מיר אויסגעוויזען, אָדער ווי איך האָב זיך איינגערעדט — דערלאַנגט דורך מיינע פּלייצעס און עס איז מיר אויסגעקומען צו הערען און צו פילען איהר אָטהעם. פון איהר אָטהעם האָט זיך געטראָגען אַזאַ געזונדער אויפפרישענדער ריח, ווי פון געשניטען גראָז, און דער ווינד פון איהר אָטהעם האָט מיך אויפגעפרישט, ווי ער וואָלט אין מיר אַ שטראָם ענערגיע אַריינגעגאָסען... איך האָב אויך געפיהלט, אָדער עס האָט זיך מיר געדוכט אַזוי, ווי אַן'אויגענבליק, די בעריהרונג פון איהר שטאַרקען קערפּער; איך בין מונטער געוואָרען און איינגעלאַדען דעם אַלטען צו טרינקען.

דער אַלטיטשקער מיט זיינע ציטערדיגע הענד, מיט זיין קינדישען איינגעקנייטשטען פּנים, מיט זיינע בלויע אויגען, וואָס זענען שוואַך געזעסען אין זיינע דינע ציטערדיגע אויגען-ראַהמען, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי פאַלען יעדע מינוט ארויס, האָט זיך דערפרעהט מיט דעם ווייַן און מיט מיר, וואָס ער האָט געפונען מיט וועמען צו פּלוידערן. און ער האָט זיך ווידער גענומען מיר דערצעהלען ווי אַלט דאָס אָרט איז, און פון זיינע „אַהנען", וואָס אַ טייל פון זיי זענען געהאָנגען אויף די ווענד. אָבער איך האָב שוין יעצט נאָכגעקוקט, וואָס מיין רויטע „לאָרעליי" טהוט, און זעהענדיג ווי זי שלייכט זיך אַרויס פון דער טהיר אין דרויסען אַרויס, האָט עס נישט לאַנג גענומען און איך האָב איבערגעלאָזט דעם אַלטען ביי דער פלאַש ווייַן און בין אַרויס נאָך דער רויטער.

אין דרויסען איז געשטאַנען אַ וואונדערבאַרע נאַכט. די אָבגעשניטענע בערגלעך זענען געווען בעגאָסען אין גאַנצען מיט דעם זילבער-דיגען לבנה-ליכט. די הויכע שוואַרצע נאָדעל-בוימער פון די אַרומיגע בערגעדיקע וועלדער האָבען זיך געבאָדען אין גאַנצען אין לבנה-ליכט, און די טענען-בוימער, וואָס זענען געשטאַנען אַרום דער חורבה פון קלויסטער, האָבען מיט אַ מאָל אַזוי מיסטיש און פרעמד אויסגעזעהן, אַז מען האָט זיך געשראָקען פאַר זיי. פון אומעטום האָט זיך געטראָגען דער ריח פון געשניטענעם היי. אויף די בערגלעך, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז עס הויערען שעפּסען, בעגאָסען מיט לבנה-ליכט. באַלד האָב איך אויך ענטדעקט מיין שעהנע רויטע. זי איז געשטאַנען מיט

אירע נאַקעטע ווייסע הענד פערלייגט אַרום איהר האַלז און מיטן פּנים געווענדעט צום הימעל, צו די ווייס-בלאָע וואָלקענס, וואָס האָבען מיט זייערע פליגעל געוואַשען די לבנה.

— פרייליין! — רוף איך.

זי האָט זיך דערשראָקען אומגעקוקט, ווי אויפגעוועקט, און זיך אָנגערופען:

— איהר זענט עס?

— זי בעוואונדערען אויך די לבנה? זי האָבען זי דאָך אַ גאַנץ יאָהר.

— איך ליעב זעהר די לבנה-נעכט, — האָט זי געענטפערט קורץ און איז פערשוויגען, ווייטער קוקענדיג אין הימעל אריין, ווי די וואָלקען-טייכען וואַשען די לבנה. אין דעם לבנה-ליכט האָט די ווייסקייט פון אירע נאַקעטע הענד און האַלז אָנגענומען נאָך מעהר אַנ׳אוננאַטירליכען און אַנ׳אונמענשליכען שיין, עס האָט אויסגעזעהן ווי איהרע הענד, האַלז און פּנים זענען נישט געשניטען אויס מענשען-פלייש, נאָר זענען שטיפע, ווי געגאָסען אויס זילבער-מעטאַל. און דערביי האָט זיך די רויטקייט פון איהרע האָר געענדערט אין דעם לבנה-ליכט און זיי האָבען געקראָגען ווי אַ בלאָליכע פאַרב.

— פרייליין, זי זענען שעהן! — האָב איך זיך אָנגערופען נאַריש.

זי האָט מיך אָנגעקוקט און געשמייכעלט, נאָר דער שמייכעל איז נישט געווען ווי פריהער — אַ וואַרימער, שעלמישער, נאָר אַ קאַלטער און שווייגענדיגער.

— האָבען זי שוין געזעהן די וואַסערפאַלען? — פרעגט זי מיך.

— ניין, איך בין ערשט אָנגעקומען.

— דאָס מוזען זי אונבעדינגט זעהן אין לבנה-ליכט. זיי זענען נישט ווייט פון דאַנען.

— ווילען זי מיך נישט פיהרען צו די וואַסערפאַלען? איך בין אַ פרעמדער — האָב איך געזאָגט, — ווי בעליידיגט.

קיין וואָרט נישט אויסגערעדט האָט זי מיך געפיהרט צו די וואַסערפאַלען.

די וואַסערפאַלען זענען נישט געווען ווייט — אַ טריט הונדערט פון ווירטה'ס הויז. פאַר מיר האָט זיך אויפגעדעקט אַ פאַר'כשופ'טער ווינקעל. אויף דער וואָהר האָב איך נאָך נישט אַזעלכעס געזעהן. אַרומגערינגעלט מיט מיסטישע שוואַרצע הויכע טענען-בוימער, איז גע-לעגען איינגעפאַסט אַ וויגענדיגער זילבערנער סטאַוו. זיין וואַסער איז געווען אַזוי קלאָר און דורכזיכטיג, אַז מען האָט דערזעהן די אָפּ-שפּיגלונג פון דער לבנה, וואָס האָט דערגרייכט ביז צו דעם גרונד פון סטאַוו. איבער די קאַלטע, קלאָרע וועלען איז געווען פערוואָרפען אַ זייל פון פינקעלדיגע זילבערנע לבנה־שטראַהלען, וועלכער האָט זיך געבראָכען אין דעם גאַס פון די וועלען. פון ערגעץ־וואו האָט זיך געטראָגען אַנ'אונפריינדליכעס רוישען פון וואַסער.

— וואָס איז דאָס רוישען? — פרעג איך דאָס פריילייןְ.

— דאָס איז דאָס רוישען פון די וואַסערפאַלען.

— וואו זענען זיי?

— אָט דאָ, ביים אויסגאַנג פון סטאַוו.

זי האָט מיך אַרונטערגעפיהרט אונטער דער וואַנד פון שוואַרצע טענען-בוימער, מיט וועלכע עס איז געווען פערשטעלט דער סטאַוו, און איך האָב געזעהן ווי ווייט דאָס אויג האָט נור געקאָנט דערגריי-כען, אַ טיפען, אונהיימליכען אָבגרונד, ווילדע הויכע שטיינערנע ווענד האָבען זיך אויפגעהויבען פוןביידע זייטען אָבגרונד, וואָס זייענדיג בעגאָסען אין זילבערנעם לבנה-ליכט, האָט מען בעשיינפערליך געקאָנט איינזעהן אויף זיי די שוואַרצע פלעקען פון די בוימער, וואָס זענען אַרויסגעוואַקסען פון זייערע שפּאַלטען. אויפ'ן באָדען פון אָבגרונד האָט זיך געצויגען, ווי אַ געדרעהטער שלענגליכער שאַל, אַ וואַסער-פאַל, וועלכער האָט אין דער נאַכט ביי דעם לבנה-ליכט געמאַכט דעם איינדרוק פון צוגאָסענעם זילבער. פון אונטען האָט זיך געהערט דאָס אונהיימליכע רוישען פון דעם וואַסער פאַל אויף די שטיינער.

— דאָ באָדט זיך ווענוס אין די לבנה-נעכט—זאָגט דאָס פריילייןְ.

— איז זי שעהן? — פרעג איך אין גוטען שפּאַס.

— זי קענען זיך אַליין איבערצייגען, ווען זי האָבען קיין אַנגסט נישט, — זאָגט דאָס פריילייןְ אויך אין גוטען שפּאַס.

— ווען? — פרעג איך.

— היינט ביינאַכט. אין אַזאַ לבנה-נאַכט בעוויזט זי זיך גע-וועהנליך.

— אין וועלכע צייט?

— נו, פערשטעהט, זיך, ווען אַלעס שלאָפט, געגען מיטען נאַכט,— ענטפערט זי אָב, און קוקט מיר ווידער שעלמיש אין די אויגען.

די ערנסטקייט פון איהר בליק, וואָס איך האָב פריהער בע-מערקט, איז יעצט ווידער אינגאַנצען פערשוואונדען, פערקעהרט, אין איהר שעלמישען בליק איז געלעגען אַנ'איינלאַדונג און אַ צווייד״יטי-גער וואונק. איך האָב נישט געוואוסט, צי זי מיינט עס ערנסט, צי אויף שפּאַס, צי זי מיינט די ווענוס אָדער גאָר עפּעס אַנדערש.

— פריילין, — זאָג איך מיט האַרצקלאַפּונג.

— וואָס? — זאָגט זי מיט גוטען געבייזער.

— זי זינד וואונדערבאַר שעהן, פיעל, פיעל שענער אַלס די ווענוס — זאָג איך מיט האַרצקלאַפּונג, און וויל זי אָננעהמען ביי די הענד.

— אָבער מאַכען זי דאָך נישט קיין שפּאַס, דרעהט זי זיך גע-שיקט אַרויס פון מיר.

— ווירקליך, פריילין, זי זינד, זי זינד...— שטאַמעל איך מיט האַרצקלאַפּונג.

— וואָס בין איך? — שטעקט זי מיר איהר פנים צו צו מיי-נעם, און איך פיהל נאָך אַמאָל יענעם געזונדען, שמעקענדיגען אָטהעם, וואָס טראָגט זיך פון איהר און וואָס פאַר'כשופ'ט אַלע מיינע חושים.

— איך ליעבע זי, פריילין! — שריי איך אַרויס, און וויל זי ווידער אָנכאַפּען ביי דער האַנד.

— אָבער זייען זי דאָך נישט פעררי קט, די לייטע שלאָפען נאָך נישט, — זאָגט זי ווידער, אַרויסמאַכענדיג זיך שעלמיש פון מיינע הענד און געהט אַוועק.

— פריילין! — רוף איך איהר נאָך.

— שפּעטער, געגען מיטען נאַכט, קאָמען זי אַרויס. זי ווערדען זעהן די ווענוס באַדען. „געל"?

אין גאַנץ זיד-דייטשלאַנד ווערט בענוצט דאָס וואָרט „געל", וואָס האָט די זעלבע בעדייטונג, וואָס אונזער „ס'וואָהר". אָבער דאָס

וואָרט האָט אין זיך אַזאַ צויבער-קראַפט, אַז מען הערט דאָס וואָרט „געל”, איז שווער אָבצוזאָגען דעם אָנבאָט, ביי וועלכען עס ווערט שטענדיג צום לעצט צוגעלעגט. אין איהר מויל מיט דעם שעלמיש צווײדײטיגען וואונק האָט דאָס וואָרט „געל” געקלונגען ווי עפּעס אַנ׳-אָבגעמאַכטע זאַך. נאָך דעם וואָרט, וואָס איז מיט אַזוי פיעל פּיפּיג-קייט אַרויסגעגאַנגען פון איהר מויל, האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך האָב מיט איהר שוין געהאַט אָבגעמאַכט אַ ראַנדעוואוּ, און מיט אַ ציטערדיג האַרץ האָב איך געפרעגט שטאַמלענדיג:

— און וואו באַדעט די ווענוס?

— אָבער, זעלבסטפערשטענדליך אין באַד, — האָט זי מיר פּליס-טערענד אָבגעענטפערט.

— געגען מיט-נאַכט?

— געגען מיט-נאַכט — שאָקעלט זי צו מיט׳ן קאָפּ. — אָבער נעהמען זי זיך אין אַכט, עס איז געפעהרליך, — סטראַשעט זי מיר נאָך פון דערוויטענס מיט׳ן פינגער.

— האבען זי קיין אַנגסט, פרײלײן. איך בין אַ גוטער שווי-מער, — ענטפער איך איהר אויך אָב שעלמיש.

די נאַכט איז געווען אַ וואַרימע, און איך דאַרף נישט דער-צעהלען, אַז איך בין געלעגען אויף מיין געלעגער אַנ׳אַנגעטהוענער מיט אַ קלאַפּעדיג האַרץ און פערכאַפּטען אָטעם און געוואַרט אונגע-דולדיג ביז מיין זייגער וועט ווייזען די מיט-נאַכט. קוים איז געוואָרן פאַר צוועלף, האָב איך זיך שטיל, אויף די שפּיץ נעגעל, אַרויסגע-שלייכט פון מיין צימער און איינגעהערט זיך אויב אַלעס שלאָפט שוין, און אַרויס אויף דער גאַס. דאָס ווירטהס-הויז איז געלעגען איינ-געדרימעלט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, נאָר די דעכער און די שוואַרצע שויבען פון די הייזער זענען בעגאָסען געווען מיט לבנה-ליכט. אַרום איז געווען שטיל, אַז איך האָב געהערט מיינע טריט און דאָס קלאַפּען פון מיין האַרץ. די לבנה איז יעצט געשטאַנען יבער׳ן הימעל, פונקט אין מיטען טהאָל, און האָט בעגאָסען יעדעס ווינקעל מיט אַזאַ ליכט, אַז מען האָט געזעהן די טראָפּען טהוי אויף די גרעזלעך בלישטשען ווי טייערע שטיינדלעך. איך בין אַריין אין דער שוואַרצער אַלעע פון די טענען-ביימער און בין אָנגעקומען צום

סטאַוו. דאָרט איז נאָך קיינער נישט געווען, נאָר די לבנה אַליין אויפ'ן וואַסער. איך בין צוריקגעגאַנגען און געוואָלט צוגעהן צום הויז זי אָבוואַרטען ווען זי וועט אַרויסקומען. איך האָב אָבער אויך נישט געוואָלט צוגעהן נאָהענט צום הויז, אַז איך זאָל נישט אויפוועקען די הינט, ווען זיי וועלען דערהערען מיינע טריט. איך בין דערוויילע אַוועק אויפ'ן וועג און נאָך אַ לאַנגע ווייל ווידער צוגעגאַנגען צום סטאַוו, דענקענדיג, אַז איך וועל זי דאָרט אָבוואַרטען ביים סטאַוו. אָבער ווי פערוואונדערט בין איך געוואָרען, אַז צוקומענדיג צום סטאַוו האָב איך שוין געהערט אַ גיסען אין די וועלען. איך האָב זיך פערוואונדערט, ווי אַזוי איז זי אָנגעקומען צום סטאַוו, אַז איך האָב זי נישט געזעהן אַרויסגעהענדיג פון הויז. נאָר פאַר פיעל אויפרעגונג און ערוואַרטונג האָב איך לאַנג נישט געקלערט וועגען דעם און האָסטיג צוגעגאַנגען. צוקומענדיג צום סטאַוו, האָב איך זי שוין געטראָפען אין וואַסער באָדענדיג זיך. זי איז געשטאַנען אין די וועלען ביז צו איהר בויך, איהר ווייסער נאַקעטער קערפער איז איינגעגאַנצען געווען אין דעם לבנה-ליכט אונבעוועגליך און ווי אויסגעגאָסען פון זילבער. דורך די קלאָרע וועלען האָב איך געזעהן אַרויסלייכטען דעם אונטערשטען טייל פון איהר קערפער, וואָס האָט געלויכטען אין די וועלען ווי דאָס לייב פון אַ סירענאַ. איהרע צוויי לאַנגע גאָלדענע צעפּ זענען איצט איינגעגאַנצען בלאָהע געווען; איהר פּנים בלייך, און ווען נישט איהרע לעבעדיגע גרויסע אויגען, וואָס האָבען געקוקט אויף מיר מיט איהר בעקאַנטען בליק, וואָלט איך זיך ווירקליך דערשראָקען און געדענקט, אַז עס איז אַנ'ערשיינונג. נאָר, ערשטענס, איז איהר פיגור מיר אַזוי בעקאַנט געווען, און איהרע אויגען און איהר מויל אַזוי לעבעדיג, ווי זי וואָלט ערשט גערעדט מיט מיר.

— פריילין, פריילין, — רוף איך מיט אַ ציטערדיגע שטימע.

זי האָט זיך נישט אָבגערופען.

איך האָב געדענקט, אַז זי שעהמט זיך צו רעדען, אַז ביי איהר שלאָגט דאָס האַרץ אויך אַזוי ווי ביי מיר, דורך דעם רופט זי זיך נישט אָב.

וואַסער האָט שטענדיג געהאַט אַ צוציהונגס-קראַפט פאַר מיר.

אַז איך זעה אַ קלאָרען קוואַל, קאָן איך נישט גלייכגילטיג דורכגעהן, און עס גלוסט זיך מיר מיין קערפער אין איהם איינצוטונקען. — נישט קלערענדיג קיין סך, האָב איך אַראָבגעוואָרפען פון זיך די קליידער, און אין אַ מינוט אַרום האָב איך שוין געגעבען אַ פלוך אַריין אין סטאַוו, לאָזענדיג זיך שווימען אונטער׳ן וואַסער צו איהר. מיין לייב איז געווען אין וואַסער אַזוי לייכט, אַז עס האָט זיך געטראָגען ווי אַ שפענדעל, און אָט בין אין שוין ביי איהר און אָט שטרעק איך שוין אויס אַ האַנד און וויל אָנכאַפּען איהרע רונדיגע צאַפּעלדיגע הענד, וואָס האָבען געציטערט פאַר פרישקייט. און מיט אַמאָל האָט מיך אַ שטראָם געגעבען אַ כאַפּ און אַ טראָג אַוועק מיט אַ אונבעגרייפליכע גבורה. דער שטראָם האָט מיך ווי הונדערטער טייוולאָנים געטראָגען ווי אַ שפענדעל, אַראָב, אַראָב; אין קאָפּ איז מיר קלאָר געוואָרען, אַז עפּעס וואָס געשעהט מיט מיר, און איך מוז זאַמלען מיין גאַנצע גבורה און זיך נישט לאָזען טראָגען פון שטראָם, אָבער איך בין געווען שוואַך. איך האָב דערזעהן אַ שוואַרצען פלעק פון אַ טענען-בוים ביים ראַנד פון וואַסער. און מיין גאַנצער געדאַנק, מיין ענערגיע און מיינע כוחות זענען געווען אָנגעווענדעט צו דעם שוואַרצען פלעק — דער פלעק קאָן מיך רעטען; און אַ וואונדער, כאָטש ווייסענדיג, אַז עפּעס געשעהט מיט מיר אַ אונגאַטירליכע זאַך, דאָך אין אַנגסט פאַר מיין לעבען, האָב איך נישט געהאַט קיין שרעק פאַר דער אונגאַטירליכקייט. דער שרעק פון טויט האָט אַלעס איבערגעוואויגען און פעריאָגט אַלע אַנדערע שרעקען, און דאָס האָט מיך געראַטעוועט: באַלד האָב איך דערגרייכט צום טענען-בוים, אָן וועלכען איך האָב זיך אַרומגעכאַפּט מיט אַלע מיינע כוחות.

אָנהאַלטענדיג זיך אָן טענען-בוים, האָב איך זיך איינגעקוקט; זי איז נאָך געווען אין וואַסער ווי פריהער, און עס האָט זיך מיר אַלץ נאָך געדאַכט, אַז זי איז עס דאָס מיידעל פון דער ווירטהשאַפט, און כ׳האָב אָנגעהויבען שטאַרק צו שרייען:

— פריילין, פריילין, פריילין!

זי האָט נישט אָבגעענטפערט און זיך נישט בעוועגט.

איהר שטילקייט און איהר אומבעוועגליכקייט האָט מיך ווידער־צומישט און איך האָב געפיהלט, אַז איך ווער שוואַך און לאָז־אָב

דעם טענען-בוים. נאָר אַראָבבויגענדיג זיך אונטער דעם טענען-בוים האָב איך געזעהן דעם זילבערנעם פאַס גיסענדיג זיך אונטען אין אונטערגרונד. און די שרעק האָט ווידער ניכטערער געמאַכט מייז געדאַנק און געגעבען מיר כוחות אַרויסצוקריכען פון וואַסער.

ווי אַזוי איך בין צוריק אַהיים געקומען אין מיין צימער אַריין, ווייס איך נישט, נאָר צומאָרגענס בין איך פריה אַוועק פון דעם אָרט, נישט וועלענדיג אַפילו וויסען, אויב די געשטאַלט, וואָס האָט זיך נעכטען געבאָדען אין סטאַוו, איז געווען דאָס דאָרפס-מיידעל, אָדער ווירקליך די ווענוס.

# איבער די פאַרצייטיגסטע
# אידישע שטעדט אין דייטשלאַנד

(ריזע־בילדער)

# מיינץ און אָפּענהיים

אין מיינץ איז כמעט גאָר נישט געבליבען פון דעם אַלעם-וואָס זאָל אייך דערמאָנען, אַז אָט אין די מויערען האָבען אידען געוואוינט העכער טויזענד יאָהר. דאָס איז די טראַגעדיע אונזערע.

אונזערע עלטערען זענען געקומען קיין מיינץ צוזאַמען פּייליכט מיט די רוימער. שפּורען פון אידען ווייזען זיך נאָך פון פאַר קריסטוס צייטען, אין די רהיין-געגענדען.

שוין אין פערטען יאָהרהונדערט האָט די וואָרמס'ער קהלה געבליהט, און די לעגענדע דערצעהלט אַפילו, אַז „נאָך דעם ערשטען חורבן האָבען זיך די אידען בעזעצט אין וואָרמס. און ווען עזרא איז פון בבל קיין ירושלים געקומען און דאָס נייע בית-המקדש געשטעלט, האָט ער אויך געשיקט בריף צו די אידען פון וואָרמס, אַז זיי זאָלען קומען עולה רגל זיין קיין ירושלים, נאָר אַזוי ווי עס איז זעהר ווייט געווען פון דייטשלאַנד קיין ירושלים, האָבען איהם די וואָרמס'ער אידען אָבגעענטפערט, אַז ווען ער, עזרא, וואוינט אין גרויס-ירושלים, זיצען זיי אין קליין-ירושלים און זיי האָבען זייער אייגענעם בית-המקדש, זייער שוהל, און בעדאַרפען נישט געהן קיין ירושלים. צוליעב דעם האָט זיי גאָט געשטראָפט און געשיקט אויף זיי די קרייץ-צוגן...״

יעדענפאַלס איז בעוואוסט, אַז צייט העכער טויזענד יאָהר האָבען די אידען געוואוינט אין מיינץ, געהאַט גרויסע ישיבות, זייער איינפלוס אויף דעם אַלוועלטליכען יודענטהום איז אַזוי גרויס געווען

און אפשר פיעל גרעסער, ווי פון די ישיבות אין יבנה, אין פומבדיתא, וואו דער תּלמוד איז געגרינדעט געוואָרען. פון דאַנען האָבען זיך די אידען פערשפּרייט איבער גאַנץ דייטשלאַנד און עס איז מעהר ווי זיכער, אַז מיר אַלע, די אידען פון די סלאַווישע לענדער, קומען אויך אַרויס פון אָט די אידען פון מיינץ — און דאָך איז אין מיינץ נישט געבליעבען קיין שפּור פון יענעם גרויסען לעבען, קיין איין בנין, קיין איין צייכען, וואָס זאָל אייך דערצעהלען פון יענער גרויסער צייט.

די אַלטע אידישע שוהל פון דער מיינץ׳ער קהלה איז אָבגעברענט געוואָרען אויס נקמה-געפיהל צו די גוים פון אַ געשמד׳טען אידען. מורא האָבענדיג, אַז די קריסטען זאָלען נישט מאַכען פון דער שוהל קיין קירכע, האָט אַ געשמד׳טער איד, וועלכען דאָס געוויסען האָט געפייניגט, זי אונטערגעצונדען און אַליין געוואָרפען זיך אין די פלאַמען און פערברענט געוואָרען מיט איהר. אויך די שוהלען, וואָס זענען געשטעלט געוואָרען נאָך די קרייץ-צוגען, זענען אַלע פערברענט אָדער פערניכטעט געוואָרען אין פערשיעדענע פּאָגראָמען און אידען-פערפאָלגונגען, וואָס די מיינצער קהלה האָט דורכגעלעבט דורך איהרע לאַנגע יאָהרען!

אין דער צייט פון „שוואַרצען טויט" זענען די אידען פון מיינץ כמעט אַלע אונטערגעגאַנגען און אַלע זייערע שוהלען זענען פערברענט און פערניכטעט געוואָרען. אַפילו זייערע בית-עלמין׳ס האָבען קיין בעסערען מזל נישט געהאַט. אַזוי ווי מען האָט נאָר די אידען אַרויסגעטריבען פון דער שטאָדט, האָבען די קריסטען צושלעפּט די שטיינער פון בית-עולם און זיי איינגעמויערט אין זייערע הייזער. מיינצער אַלטע הייזער זענען פול מיט אידישע מצבות. אין מיינצער „גערמאַנישען מוזעאום" געפינען זיך אידישע מצבות, וואָס זענען אַלט ניין הונדערט, טויזענד יאָהר, וואָס מען האָט געפונען ביים אַראָפּרייסען פון אַלטע הייזער. יעצט ערשט, ווען די דייטשען האָבען געמוזט צוברעכען די פעסטונגען פון מיינץ ביים טייך רהיין, נאָך דעם ווערסאַילער טראַקטאַט, האָט מען געפונען זעהר פיעל אַלטע אידישע מצבות, פון זיבען, אַכט, ניין הונדערט יאָהר, איינגעמויערט אין די פעסטונגען. אָפטמאָל טרעפט זיך, אַז דורך אַ צופאַל געפינט מען אַן

אַלט לאַטייניש ספר, וואָס איז געבונדען אין מיינץ, איז אין זיינע טאָוולען איינגעקלעפּט אַן אַלטער העברעאישער מאַנוסקריפּט.

דער אַלטער בית-עולם איז אינגאַנצען פערשאָטען. עס געפינט זיך אויף איהם אַ נייער בית-עולם, און אויף דעם נייעם בית-עולם געפינט זיך שוין ווידער אַ נייער בית-עולם.

נישט אַזוי לייכט איז עס די אידען אין מיטעלאַלטער אָנגעקומען צו קריגען אַן ערלויבניש אויף אַ בית-עולם.

די עלטסטע מצבה אויפ'ן נייעם בית-עולם איז אַלט צוויי הונדערט יאָהר, נאָר אונטער די מצבות פון נייעם בית-עולם געפינען זיך קברים, וואָס מוזען זיין עלטער העכער פון טויזענד יאָהר. די עלטסטע שוהל, וואָס געפינט זיך היינט אין מיינץ, איז אַלט אַכטציג יאָהר, אָבער זי שטעהט אויף אַ פּאַסאַדע פון נאָרמאַנישע שטיינער, וואָס מוז זיין אַלט אַכט – ניין הונדערט יאָהר. אַזוי געפינט זיך נישט אין מיינץ קיין צייכען, וואָס זאָל אייך דערמאָנען אָן יענע אַלטע גרויסע צייט, אַ חוץ דער העברעאישער מאַנוסקריפּט, וואָס איז געשריבען געוואָרען אין צייט פון די ערשטע קרייץ-צוגן וועגען די רדיפות אויף די אידען אין מיינץ, וואָס געפינט זיך אין דער אידישער קהלה.

דאָס וואָס אין אַזאַ אַלטע אידישע שטאָדט ווי מיינץ געפינט זיך נישט קיין איין בנין, קיין איין צייכען, קיין איין דענקמאָל פון אידישע אַלטערטהימליכע צייטען, איז עס דער דייטליכסטער רעדענדיגער צייכען פון פערשוואונדענעם אידישען לעבען. אַ טויזענד יאָהר אידיש לעבען – אָבגעווישט פון דער ערד'ס פנים.

האָבען די קריסטען צושטערט יעדען צייכען פון אידען אין שטיין און האָלץ, אָבער דעם אידען האָבען זיי נישט געקענט אויסראָטען. די קהלה פון מיינץ צעהלט אין היינטיגען טאָג ביז אַ צעהן טויזענד אידישע נפשות פון די אַלטע מיינצ'ער אידען און נאָך מעהר פון אונזערע אידען, געוועזענע רוסישע סאָלדאַטען, קריעגס-געפאַנגענע, אָדער אידישע אַרבייטער, וואָס די דייטשען האָבען אין די יאָהרען פון קריעג געשיקט אין די קוילען-גריבער אַרבייטען. זיי רייסען זיך אַרויס פון די קוילען-גריבער און קומען אין די שטעט אַריין. אין די זעלבע „סינאַגאָגען-גאַס", וואו עס שטעהען די רעשטען פון אַן אַלטע

שוהל — וואוינען גאַליציאַנער, אונגאַרישע און אויך רוסישע אידען, וועלכע האָבען אַ אייגענע שוהל, אַ מקוה מיט אַלע זיבען זאַכען, ווי אין דער היים, און פיהלען זיך דאָ אַזוי ווי זיי וואָלטען צוריק־געקומען אין דער אַלטער, אַלטער היים...

דער וועג פון מיינץ קיין וואָרמס פיהרט איבער גאָלדען־רייכע שימערענדיגע וויין־בערג איבער דער גאַנצער לענג פון רהיין. דאָ אויף די פעלדער זענען געבוירען געוואָרען די לעגענדעס פון געזאַנג „ניבעלינגען", וועלכע איהר הערט אין וואַגנער'ס געזאַנגען, אין די קאַלטע ווינטער־נעכט. דאָ אויף די פעלדער, האָט געוואוינט זיעגפריעד, דער פיעל־געליעבטער.

איך בין נישט געפאָהרען מיט דער באַהן; בעטרעטען האָב איך געוואָלט דעם באָדען פון יעדען שטעדטעל און דאָרף פון דעם שטיק לאַנד, אין וועלכען נישט נאָר די העלדען פון די „ניבעלינגען" האָבען געוואוינט, נאָר אויך די העלדען פון מיין אייגענער געשיכטע, די פאָטערס פון אונזערע היימישע אידען.

מיין וועג ליעגט פערביי דעם מיינצ'ער אַלטען דאָם (קלויסטער).

אַ טרוקענער, רייפער, לעצטער הערבסט־טאָג. די זון שטעהט איבער די שפיצען פון דעם מיינצ'ער דאָם. אין דעם דאָזיגען אַלטען דאָם האָבען זיך אויסבעהאַלטען די אידען פון די פּאָגראָמען פון די ערשטע קרייץ־צוגן. איך געה אַריין אין דאָם, לאָז זיך אַריינפיהרען אין דעם קאַמער, וואו עס האַלטען זיך אויף די אוצרות פון דאָם. דאָ, אין דעם קאַמער, האָט זיך בעהאַלטען ר' קלונימוס מיט די פרנסים פון מיינץ, ווען די קרייץ־צוגן זענען אין שטאָדט אַריינגע־קומען, און דאָ האָבען זיי זיך איינע די אַנדערע אויסגע'שחט'ן.

אָ, שטום זענען די דיקע פיער־עקעדיגע שטיינער־מויערען. פיעל מעהר ווי גאָלד און זילבער, צלמים און טהייערע זיידענס־געוועבטע און מיט גאָלדענע פעדים־געהאַפטע קירכען־קליידער בעהאַלטען אין זיך די שטיינערנע מויערען פון דאָם.

די אין די מויערען איינגעזאַפּטע און שוין לאַנג פערטריקענטע בלוטפלעקען פון די אידישע הייליגע, וואָס האָבען זיך אויסגע'שחט'ן אויף קידוש השם. ווער קען זאָגען וועלכעס איז מעהר הייליג, צי יענע בלוט, וואָס רינט פון קריסטוס'עס וואונדען אויסגעשניצט אויפ'ן

האָלץ-קרייץ, וואָס הענגט אויבען אין דעם דאָם, בעציערט מיט בריליאַנטען און טייערע שטיינער, צו וועלכען די פרומע קריסטען קניען, צי דאָס אונגעזעהענע, שוין פון לאַנג אין שטויב און מויער איינגעזאַפּטע, בלוט פון די אידישע קדושים, וואָס האָבען זיך אויס-געשחט׳ן איינע די אַנדערע און נישט געוואָלט זייער אמונה איבער-טוישען —

וואָס איז דאָ אין דעם טיפען בעהאַלטענעם קעלער פון גרויסען דאָם? נאָר לאָמיר דערצעהלען כסדר:

אַז איך בין אַריינגעקומען אין דעם אַלטען „דאָם" האָבען מיך באַגעגענט צוויי גלחים. איך האָב זיי געבעטען, אַז זיי זאָלען אַזוי פריינדליך זיין און מיר ווייזען די „סאַקרעסטאַ", וואו עס האַלטען זיך אויף די אוצרות פון דער קירכע.

— די אוצרות פון דער קירכע? — וואונדערען זיי זיך, — וויר האַבען מעהר קיינע שעטצע.

— נישט די שעטצע וויל איך זעהן — ענטפער איך זיי אָפּ, — נור אין דער „סאַקרעסטאַ" האָבען זיך די אידען געפליכטעט פון די קריסטען אין דער צייט פון די ערשטע קרייץ-צוגן, און איך וויל די ווענט אָנקוקען.

— אַלזאָ, — ענטפערען מיר אָב די גלחים, - אַמאָל האָבען זיך די אידען געפליכטעט פאַר די קריסטען, היינט מוזען זיך די קריסטען פליכטען פאַר די אידען.

— ווי אַזוי מיינען זי דאָס? — פרעג איך די גלחים.

— גאַנץ איינפאַך, די אידען רעגיערען די וועלט, און זיי האָבען דייטשלאַנד פערניכטעט. וואַר עס נישט דער יעקב שיף אין אַמעריקא, דער געזאָגט האָט: „דייטשלאַנד דירפטע נישט דעם קריעג געווינען"?

— זינד דען די פראַנצאָזען יודען? — פרעג איך איהם.

— אויך די פראַנצאָזען זינד יודען.

(עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזען, אַז דער גלח האָט נעבעך רעכט געהאַט: דער פראַנצויזישער קאָמענדאַנט פון דער אַרמעע, וואָס אָקופּירט די רהיין-געגענד איז אַ איד).

געזעהן, אַז איך קען גאָר נישט קעגען דעם גלח מאַכען, רוף איך זיך אָן: נו, יאָ, אויך דער הערר גאָט איז אַ יודע.

— ווי אַזוי דען? — פרעגט ער מיך.

— דער פאָטער און דער זוהן, — לעג איך איהם צו.

— אַזוי מיינען זי. — און דער גלח האָט שוין געשוויגען און געפיהרט מיך די „סאַקרעסטאַ" ווייזען.

געפיהרט מיך איבער טונקעלע קאָרידאָרען, שוואַרצע פּאַרציי־טענדיגע בראָנזענע טיהרען האָבען זיך אויפגעעפענט, אַריינגעבראַכט מיך אין דושנע פערמאַכטע קעלערען, וואו עס איז גאָרנישט געווען צו זעהן, נור שווערע שטומע שטיינערדיגע ווענט און געוועלבטע באַלקענס, און איבער דער פּאָדלאָגע האָבען זיך אַרומגעוואַלגערט אייזערנע קייטען און עפּעס אַזעלכע כלים, ווי די מאַרטערן-געוועהר פון דער צייט פון דער אינקוויזיציע.

מיר איז געוואָרען אַביסעל אונהיימליך, און מיט אַן אמת, נאָך דעם געשפּרעך, וואָס איך האָב געהאַט מיט דעם גלח — האָב איך מורא געקראָגען.

— האָפּענטליך לאזען זי מיך נישט היער! — זאָג איך צו דעם גלח, זעהענדיג ווי ער פערמאַכט הינטער מיר די שווערע בראָנזענע טיהר פון קעלער, וואָרום אַרום מיר זענען געווען שווערע טרונעס.

— האבען זי קיין אַנגסט נישט. היער רוהען נור גוטע קריסטען.

— גאָט זיי דאַנקען, — ענטפער איך איהם אָב און איך אייל זיך ווי אַמשנעלסטען אַרויסצוגעהן פון קעלער, אין וועלכען אידען האָבען זיך בעהאַלטען פאַר די קרייץ-צוגן און פון וועלכען עס איז איצט געבליבען נישט מעהר נור די פיערעקענדיגע שטיינערנע ווענט. פלינק לויף איך אַרויס פון דאָם און דער אויטאָ פיהרט מיך מיט אימפּעט פון די אַלטע הייזער-גאַסען אין פרייען פעלד אַרויס און באַלד שימרירען די וואַסערען פון רהיין.

— גאָט, וואָס פאַר אַ רייכע פעלדער! — ניין, דאָס זענען נישט קיין פעלדער — גאָלדענער ווייַן פינקעלט זיך אין דער זון

אויף קליינע בערגלעך, העכער, וואָס אַמאָל העכער ציהען זיך אויס די בייטען פון די רייפע וויינטרויבען.

גין-גאָלד זענען די בלעטער און גין-גאָלד איז דער ווין, וואָס בעהאַלט זיך צווישען די בלעטער. אויסגעשטעלט רייהענווייז, אַזוי ווי די אויסגעמושטירטע סאָלדאַטען, שטעהען זיי רייהע נאָך רייהע די בייטען וויין-פעלדער, קריכען וואָס אַמאָל העכער און בעדעקען די גאַנצע אויבערפלעכע פון בערג און טהאָלען. און אונטען, ביי אונזערע פיס, פינקעלט, זיך אין זילבער-שיין די אויבערפלאַך פון רהיין.

דער וויין איז רייף און עס קריכען אַרום צווישען די בייטען וויינשטאָקען פויערים און פויערטעס און קלייבען אויף די הענגלעך וויינטרויבען, וואַרפען זיי אין קויבערס. איבערן וועג שטעהען גרויסע טינען, טראָגען זיי צו די קערב וויינטרויבען צו די טינען און קוועטשען אויס דעם ווין גלייך דאָ אויפ'ן וועג, אין פעלד, אין די גרויסע טינען אַריין. און נישט נאָר אין פעלד אַליין איז דער וויין רייף געוואָרען, נאָר אויך אין דער לופט. עס דאַכט זיך, אַז די לופט איז פול מיט וויין-שטאַרקייט. עס גיסט זיך דער וויין אַראָב פון די משופע'דיקע פעלדער אין רהיין אַריין און די וואַסערען פון רהיין זענען פול מיט ווייסען, שטאַרקען רהיין-וויין. די לופט און די ווינטען זענען אָנגע'שכור'ט פון וויין און דער וואַנדערער איבער די פעלדער ווערט אויך געטריבען פון וויין. איך מאַך צו מיינע אויגען און זעה געשטאַלטען: אָט שיינט אויף פאַר מיר דער וואונדערבאַרער געהיימניספולער גאָרטען פון רויזען, פון וועלכען די דייטשע לעגענדע דערצעהלט, אַז ער בליהט ערגעץ אויפ'ן בערג פון רהיין צווישען די וויין-גערטנער, און נאָר די אויסערוועהלטע, די וואָס ווייסען דעם געהיימען געשפרעך, קענען אין דעם גאָרטען פון רויזען אַריינקומען. דאָרט, אין דעם רויזען-גאָרטען, וואוינען די וואונדערבאַרע טעכטער פון רהיין-פאָטער, און עס בליהט אין איהם דער וואונדער-וויינשטאָק, וועלכער, ווען מען געניסט פון זיינע טרויבען, טרינקט מען פון דעם אייביגען יוגענד- און ליעבעס-קוואַל.

און אַט קומט איבער די וועלען פון רהיין צו שווימען אַ ווייסע, ווייסע שוואַן און שווימט נישט אויף דער שוואַן דער שוואַנען-ריטער ?! און רייט נישט, ביים רהיין-בערג, זיגפריעד, און האַלט זיין ראָזע-מינדע ביי דער האַנד ?!

הערט, — דאַכט זיך אייך נישט צו פערנעהמען דאָס געזאַנג פון די לאָרעליי, וואָס שווימט פון די וואַסערען אַהער ?!

אָבער אין מיטען ווערען מיינע חלומות צושטערט — איך זעה איבער די וועלען פון רהיין אַנ׳איינזאַמען אָרון שווימען, אַנ׳אָרון פון אַ הייליגען רבי, וואָס שווימט אין זיין שטאָדט אַריין צו קבר אבות צו קומען, אָדער אַנ׳איינזאַמע ספר תורה, וואָס אַ געפאַנגענער רבי האָט פון דער פעסטונג אַרויסגעשיקט איבער די וועלען פון רהיין קיין וואָרמס צו דער אידישער קהלה.

און איבערן וועג געהט אַ אידעל, אַ אידעל אין אַ רויטע מיצע מיט אַ געלען פלעק פון הינטען, האַלט אַ זעקעל אויפ׳ן פלייצע און אַ שטעקען אין דער האַנד.

— פון וואַנען געהט איהר, איד ?

— דאָס געה איך פון דאָרף אָפּענהיים אַוועק. דאָס אָרט איז פול מיט רעשעות. וועל איך אין די סלאַווישע לענדער געהן, אי״ה דאָרט זיך צו בעזעצען. מען זאָגט, עס איז דאָרט אַ מקום פרנסה, און די שררים גיבען רשות אַ שוהל צו בויען און אַ בית הקברות איינצוריכטען. וויל איך דאָרט מיין שטאַם פערפלאַנצען.

און טאַקע באַלד וועקען מיך די רעדער אויף דעם שטיינער-ברוק אויף; איך קוק זיך אַרום — קליינע, קליינע שטיינערנע הייז-לעך מיט רויטע ציגעל-דעכער, בלויע לאָדענס, קומען מיר אַזוי בע-קאַנט פאָר. בין איך דאָ נישט אַמאָל געוועזן ? האָב איך דאָ אַמאָל נישט געלעבט ? איך זעה אין אַ הייזעל, אונטערן פענסטער, איינגע-מויערט איז אַ שטיין מיט העבּרעאישע ווערטער. איך קריך אַרויס פון וואָגען, קוק זיך אַרום וואו בין איך — איך געפין זיך אין שטעדטעל אָפּענהיים.

די גוים פון אָפּענהיים צושלעפּען די שטיינער פון אַלטען בית-עולם און בענוצען זיי אויף ווינקעל-שטיינער צו זייערע הייזער. איך לעז איבער דעם מצבה-שטיין: „האשה מרת אסתר בת נדיבים״.

ווער ווייס וועמענס שטאַם׳ס מוטער פון אַ הײנטיגע פּערוויינטע אידישע משפּחה איז איינגעמויערט אין די ווענט פונ׳ם קליינעם הייז־על אין אָפּענהיים?

איך האַלט זיך אָב אין שטעדטלעך, קריך אין די געסלעך אַרום. דאָ האָבען אַמאָל געוואוינט די אַלע שטאַם־פּאַטערס פון די אָפּענהיי־מערס. אין וועלכען שטעדטעל געפינט זיך נישט קיין אָפּענהיימער? געוועהנליך איז אַזאַ איד, וואָס הייסט אָפּענהיימער, שוין אַ הײנט־מאָדישער: טראָגט קאָמאַשען, נישט קיין שטיוועל, און אַ ווייס־געפּרעסט קראַגענדעל און רעדט איידעל, מיט דייטשע ווערטער געמישט. האַנ־דלען האַנדעלט אַזאַ איד, וואָס הייסט אָפּענהיימער, מיט ווייַן אָדער מ.ט אַנדערע איידעלע מסחרים, איז אַ מפונק, געהט אָנגעטהון פריה־מאָרגענס אין אַ זיידענעם שלאָף־ראָק, טראָגט אַ קאַפּעל מיט אַ טראָלד אויפ׳ן קאָפּ, און טרינקט קאַפּע מיט פּוטער־קוכען יעדען שבת אין דער פריה. אָפּענהיימער איז געוועהנליך דער נגיד פון שטעדטעל. אַ גרויסער בעל יחוס, יעדענפאַלס אַ שענער נאָמען פאַר אַ שידוך. אָט די, אַלע „אָפּענהיימערס“ קומען אַרויס פון דעם שטעדטעל אָפּענהיים, און, אַז איך האָב זיך אַרומגעדרעהט צווישען די געסלעך פון אָפּענ־היים, האָב איך געזוכט דעם גייסט פון ערשטען „אָפּענהיימער“־דער טאַטע פון אַלע „אָפּענהיימערס“. און איך האָב איהם געפונען.

אַזוי ווי איך שטעה אַזוי און קוק זיך צו צו די קליינע הייזקעלעך, קריכט אַרויס פון אַ קליינע טהיר אַ קליין, קליין אידעל, אָנגעטהון אין אַ סאַמעטענעם פּיער־עקיגען קאַפּעל מיט אַ טראָלד אויפ׳ן קאָפּ, אין אַ סאַמעטענעם שלאָף־ראָק און רויטע שטעק־לאַטשען, האט געהאַט אַ ווייס־זילבערען קורץ־געשוירען בערדעל, וואָס איז געווען זעהר ריין אויסגעקעמט, האָהר אין האָהר, האָט געהאַלטען אין דער האַנד אַ זילבערען טאַבאַק־פּושקעלע, און מיט די צוויי פינגער אַ שמעק טאַבאַק געטהון. פרעגט ער מיך מיט אַנ׳איידעלע שטימע, און אַנ׳־איידעלען בליק פון זיינע בלאַסע אויגען, וואָס זענען געווען איינגע־פאַסט אין זיידענע ברעמען.

— וועמען זוכען זי?

— הערדען אָפּענהיימער — ענטפער איך.

— דאָס בין איך, — זאָגט דאָס דייטשע אידעל, — הערר אָפּענ-היימער, אויס אָפּענהיים.

איך בין שטעהן געבליבען אַ פּערציטערטער און אַ דערשראָ-קענער, עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער גייסט פון אַלע „אָפּענ-היימער" האָט זיך אויפגעהויבען פון קבר און איז ערשיענען פאַר מיר. פאַר פאַרוואונדערונג האָב איך גאָרנישט געקאָנט ריידען.

— זוכען זי פיעלייכט ווייַן צו קויפען, דעם איידעלסטען רהיין-ווייַן? — אַ ציטער האָט מיר אָנגעכאַפּט, איך בין אַריינגעשפּרונגען אין דעם אויטאָמאָביל און געשריגען צום שאָפער: — שנעלער, פאָרוועדטס, נאָך וואָרמס.

# ביים טייך רהייז

אויף די וועלען פון רהיין טראָגט זיך אַנ'איינזאַמער אָרון. עס הויבען זיך די וועלען, שטורמען זיך און וואַקסען אויס אין הויכע וואַסער-בערג. באַלד פאַלען די בערג, וואַרפען זיך און גראָבען זיך אריין אין טיעפע טהאָלען. דאָס בלאָזט אויף דער ווינט דאָס וואַסער פון רהיין, אָבער דעם ארון מיידען די וועלען מיט רעספּעקט אויס. זיי בויגען די קעפּ און וואַרפען זיך ווי אונטערטעניגע היינט, די וועלען פון רהיין, און טראָגען מיט אונטערטעניגקייט אויף זייער קאַרג דעם געהיימניספולען אָרון. קיינער ווייסט נישט וואָס אין אָרון געפינט זיך. ערשטוינט שטעהען די פישערס אין זייערע שיפלעך און זעהען צו ווי עס טראָגען די שטורעמדיגע וועלען מיט אונטערטעניגקייט אַ הייליגען בר-מינן'ס קאַסטען. די נייגעריגקייט רופט אַרויס די ווייבער און די קינדער פון די ניעדעריגע הייזלעך, וואָס שטעהען אויפ'ן ברעג. עס וועקען זיך אויף די וויין-קלייבערס פון די גליהענדע וויין-גערטנער, וואָס וואַקסען אויף די בערג, ביי די ברעגען פון רהיין, און קוקען מיט פערוואונדערונג און שרעק אויפ'ן הייליגען קאַסטען. וועמענס הייליגע רעשטען רוהען אין דעם אָרון, וועלכען די וועלען טראָגען אַזוי אונטערטעניג? בחנם שווימען-צו פישער און שיפער און ווילען אַרויסנעצען דעם קאַסטען — קיינער קען צו איהם נישט צוקומען. עס פּאַטשען צוריק די וועלען און ווי בייסענדע היינט לאָזען זיי קיינעם נישט צו צו איהם.

פון קעלן איז ער אַרויסגעשוואומען, דער קאַסטען, און געבלי-

בען איז ער שטעהן ביים ברעג פון שטאָדט מאגענצא (מיינץ). ס'קו-מען אַרויס דער בישאָף און גלחים, באַגלייט מיט הייליגע פעהנער און קירכען-געזאַנג, דעם הייליגען וואָס רוהט אין אָרון צו עמפפאַנ-גען, פון וואָסער אַרויסצושיפען, אין דעם הייליגען דאָם פון מיינץ אויפצונעהמען אַלס רעליקווע פאַר קומענדיגע דורות אויסצושטעלען. אָבער קיינער קען צום אָרון נישט צוקומען. אויפגעהויבען האָבען זיך די וועלען און אַרומגעשטעלט זיך אַ וואַך אַרום אָרון. אין מיינץ ביים ברעג בלייבט ער דאָך שטעהן — דאָ איז ער אָנגעקומען, דאָ זוכט ער עפעס און דאָ וויל ער בלייבען. דענסמאָל קומען אויך אַרויס צום ברעג פון טייך די פאַרשעמטע אידישע קהלה פון מיינץ. און עס דערקענען די אַלטע אידען פון מיינץ דעם הייליגען רבי מר אהרן, וועלכער איז אַוועק פון מיינץ קיין קעלן אַ רב צו ווערען און איז, נאָכ'ן טויט, אין זיין אָרון צו זיין פאָטער-שטאָדט געקומען צושווימען, דאָרט צו קבר ישראל ביי זיינע עלטערען צו קומען.

און ווי אַנדערש דען זאָלען אידען קומען אַהיים אין זייערע פאָטער-שטעדט צו קבר אָבות צו קומען?

אַז מיט גזלנים איז פול דער וועג. און ווער עס וועט דעם איד טרעפען, וועט ער איהם הרג'ענען איידער ער וועט נאָך דער-לעבען אַהיים צו קומען צו שטאַרבען. מוזען זיי זיך דאָך מיט די וואַסערען פון רהיין בענוצען. און נישט בלויז הייליגע ארונות מיט אַלטע רבנים קומען אויף די וועלען פון רהיין צו שווימען. אין דער אַלטער שוהל, אין וואָרמס, ווייסט מען אויך נאָך ביז היינט, אַז אין אָרון קודש שטעהט אַ ספר-תורה, אויף הירשען-פעלעכלעך געשריבען, וואָס איז אָנגעקומען אין דער שטאָדט צו שווימען אויף די וועלען פון רהיין. דאָס האָט דער רבי ר' מאיר פון ראָטהענבערג, דער מהר"ם, וואָס איז געזעסען אין טורמע געפאַנגען זיין גאַנצעס לע-בען, — דאָס האָט ער אין טורמע די ספר-תורה געשריבען און צו די אידען אין וואָרמס געשיקט דורך די וועלען פון רהיין.

אַ הייליגער טייך איז דער רהיין, נישט נאָר בלויז פאַר די דייטשען, נאָר אויך פאַר אונז אידען. פול איז דער ברעג פון רהיין מיט אידישע לעגענדעס. נישט נור בלויז איז דער רהיין פול מיט די לעגענדעס פון די דייטשען, נישט נאָר בלויז די ליעדער פון ני-

בעלינגען זענען געזונגען געוואָרען אויף די ברעגען פון דעם טייך— נאָר אויך די אידישע פּיוטים, דער „ונתנה תוקף“, זענען געזונגען געוואָרען ביי די ברעגען פון דעם טייך. נישט נאָר האָבען ביי די ברעגען געוואוינט די זיעגפרידס, די לאָרעלייס, די שוואַנען-העלדען, די טאַנהייזערס און די אַלע אַנדערע העלדען פון וואַגנער׳ס בע-ריהמטע אָפּעראַס — נאָר אויף די זעלבע ברעגען האָבען זיך אויך בעזעצט די אידישע הייליגע, די רבי יהודה החסיד׳ס, די רבנו גרשם׳ס, די רש״י׳ס, די רבי מאיר׳ס פון ראָטהענבערג און אַלע אַנ-דערע מרנים. נאָר עס האָט זיך נאָך נישט געפונען קיין אידישער וואַגנער, וואָס זאָל בעזינגען די אידישע לעגענדעס פון טייך רהיין, ווי עס האָט זיך געפונען דער דייטשער וואַגנער. וואָרום קיין טייך אין דער וועלט איז נישט אַזוי אָנגעזאַפּט מיט אידישע לעגענדעס ווי דער רהיין. און קיין וואַסער אין דער וועלט איז נישט געוואָרען אַזוי אויסגעמישט מיט אידיש בלוט ווי די וואַסערען פון טייך רהיין. אויף זיינע ברעגען זענען געבוירען געוואָרען די היינטיגע אידען. אָפּטמאָל דאַכט זיך אונז, לעזענדיג די אידישע געשיכטע, אַז נישט מיר שטאַמען פון די אידען, וואָס האָבען אַמאָל געלעבט אין ארץ-ישראל, נאָר מיר, די היינטיגע אידען, וואָס מיר רופען אָן „אשכנזים“, דייטשע אידען, זענען אייניקלעך פון די ערשטע אשכנזים, וואָס האָ-בען זיך, מיט טויזענד יאָהר צוריק, בעזעצט אין די דריי עלטסטע אידישע שטעדט. מיינץ, וואָרמס, און ספּייער, אויפ׳ן ברעג פון טייך רהיין. די פאַמיליען-נעמען, וואָס מיר טראָגען היינט, שטאַמען פון אָט די שטעדט, פון די דערפער וואָס זענען אַרום די שטעדט. די שאַפּיראָס פון ספּייער, די מינצעס פון מיינץ, די אָפּענהיימערס — פון דאָרף אָפּענהיים, וואָס איז אויפ׳ן וועג צווישען מיינץ און וואָרמס, די מאַנהיימס, די גוגענהיימס — איבערהויפּט אַלע „היימס“, וואָס שטאַמען פון די אָרטשאַפטען, וואָס ענדיגען זיך מיט „היימס“ — וועלכע געפינען זיך צוואָרפען אויפן טייך רהיין.

גייסטיג האָבען מיר ביז איצט מעהר געלעבט מיטן רהיין, איי-דער מיט׳ן ירדן. אונזערע עלטערען האָבען געלעבט לויט די געזעצען און מנהגים, וואָס זענען געשאַפען געוואָרען אויף די ברעגען פון טייך רהיין, איידער מיט די געזעצען וואָס זענען געשאַפען געוואָרען

ביים טייך ירדן, אונזערע סדורים זענען פול מיט תפילות און אונזער דיקער מחזור — אַט די אַלע יוצרות, וואָס מען זאָגט אין די ימים טובים, און די אַלע קינות, וואָס מיר קלאָגען — זענען געשריבען געוואָרען, געדיכטעט און געקלאָגט געוואָרען אויף די ברעגען פון רהיין. דאָרט, אין אַ קליין שטעדטעל, אין וואָרמס, געפינט זיך נאָך ביז היינטיגען טאָג, אין אַ קליינער שוהל, די איינגעמויערטע שטוהל, אויף וועלכער רש״י איז געזעסען און אויסגעטייטשט פאַר אונז די תורה — דעם חומש, דעם תנ״ך, די גמרות — אין וועמענס גייסט מיר לעבען ביז׳ן היינטיגען טאָג. רש״י מיט תוספות, אויף וועלכע מיר האָבען זיך אַלע די קעפּ געשפּיצט און זענען דורך דעם אַזעלכע גרויסע חכמים געוואָרען, זענען געשאַפען געוואָרען אין די ישיבות פון מיינץ און וואָרמס. דאָרט האָבען געוואוינט די „מר׳ס״, די „קלונימוס׳עס״.

ווען נישט מיינץ, וואָלטען מיר אפשר נאָך ביז היינט יעדער איד געמעגט התונה האָבען מיט צוויי ווייבער, אַזוי ווי עס טהוען דאָס די אידען פון וויסטען תימן.

דאָרט, אין דעם קליינעם שטעדטעל מיינץ, האָט געוואוינט אַ איד, ביים נאָמען ר׳ גרשון. אָט דער ר׳ גרשון האָט אונז פערוועהרט חתונה צו האָבען מיט צוויי ווייבער. מיר רופען דאָס „חרם דרבינו גרשם״ — און צוליעב איהם קומט דאָס אַרויס דער גאַנצער אומגליק, און די אַלע היינטיגע טראַגעדיעס פון די „פערשוואונדענע מענער״.

אָט דאָס אידעל, ר׳ גרשון, האָט אויף אונז געלעגט זיין שטעמפעל און אונז געמאַכט פאַר „אייראָפּעער״.

ווען נישט ער, וואָלטען מיר נאָך ביז׳ן היינטיגען טאָג פיעלייכט געווען „אַזיאַטען״, אָדער ווי איהר רופט עס, „אינדיאַנער״, און מיר וואָלטען געהאַט צו צוויי ווייבער.

ר׳ גרשון איז געווען אַ ראש הישיבה אין מיינץ, מיט אַ יאָהר טויזענד צוריק. ווער פון די היינטיגע אפיקורסים ווערט דאָס נישט דערציטערט פון דעם „ונתנה תוקף״? און געהט ער נישט אין שוהל אַריין, כאַפּט ער זיך כאָטש אַריין ראש השנה און יום-כפור צו הערען דעם „ונתנה תוקף״. און איז ער פון אונזערע לייט, וואָס „טאָר

נישט" געהן אין קיין שוהל — געהט ער אין קעסלערס טעאַטער הערען אַ בעריהמטען אָפּערא-זינגער זאָגען דעם „ונתנה תוקף". אַט דער שרעקליכער „ונתנה תוקף" איז פערפאַסט געוואָרען טאַקע אין דער שטאָדט מיינץ. ר' אמנון, דער רב פון מיינץ, האָט זיך געלאָזט צורעדען פון בישאָף פון מיינץ, אַז ער זאָל זיך שמד'ען. ר' אמנון האָט באַלד נישט אָבגעשלאָגען דעם בישאָף, נאָר ער האָט איהם צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך איבערלעגען. באַלד אָבער האָט איהם דאָס חרטה-געפיהל אַזוי געפּייניגט, אַז ער איז געפעהרליך קראַנק געוואָרען, און אפשר האָט ער זיך דאָס לעבען גענומען, ווי נישט איינער האָט עס געטהון אין מיינץ.

פאַר'ן טויט האָט ר' אמנון זיך געהייסען טראָגען אין זיין טויטען-בעט אין שוהל אַריין. און דאָרט האָט ער אויסגעוויינט פאַר גאָט דעם „ונתנה תוקף".

נאָר צום בעריהמטעסטען זענען די שטעדט ביים טייך פון רהיין מיט זייער גרויסען „קידוש השם" אין דער צייט פון די ערשטע קרייץ-צוגן. די געשיכטע, נישט נאָר די אַלוועלטליכע, נאָר אַפילו די אידישע, וואָס איז פול מיט בלוט פון מאַרטירער און זעלבסט-אָפּפערער פאַר זייער אמונה, ווייסט נישט פון קיין ביישפּיעל פון דעם, וואָס ס'האָבען בעוויזען די אידען פון די רהיין-געגענדען. ווען מיר בעצייכענען זעלבסט-אָפּפערונג פאַר אַן'אידעאַל אַלס העל-דענטהאַט, זענען די אידען פון מיינץ, וואָרמס און ספּייער געווען די גרעסטע העלדען אָהן ביישפּיעל אין דער גאַנצער מענשליכער געשיכטע. דאָס וואָס זיי האָבען געטהון פאַר זייער גלויבען, האָט קיין ביי-שפּיעל נישט.

מיר ווייסען פון די שפּאַנישע אידען, וועלכע האָבען פערלאָזט שפּאַניען, ווייל זיי האָבען נישט געוואָלט זיך שמד'ען. אָבער די שפּאַנישע אידען האָבען געהאַט אנוסים מאַראַנען, אַזעלכע וועלכע האָבען נישט געקענט אויסהאַלטען דעם נסיון און האָבען אָנגענומען דעם פרעמדען גלויבען גענויטערהייט. די דייטשע אידען פון מיינץ, וואָרמס און ספּייער האָבען נישט געהאַט קיין אנוסים, זיי האָבען נישט אָנגענומען גענויטערהייט אפילו קיין פרעמדען גלויבען, קעמ-פענדיג מיט די ריטער פון די קרייץ-צוגן, און, זעהענדיג, אַז זיי

זענען צו שוואַך געגען זיי, האָבען זיי זיך פשוט אויסגעשאָכטען איינער דעם אַנדערען. אַ מוטער האָט געשאָכטען איהרע אייגענע קינדער און דערנאָך זיך. פאָטערס האָבען געשאָכטען זייערע זיהן. סצענעס פון אונבעשרייבליכען העלדענמוטה פון כאַראַקטערען, מיר האָבען דאָקומענטען, וואָס זענען געוואָרען פערצייכענט פון יענער צייט, פון מענשען, וואָס האָבען עס אַליין אַדורכגעלעבט. פינף אַזעלכע העברעאישע מאַנוסקריפטען געפינ׳ען זיך היינט פון יענער צייט, אין וועלכע די שרייבערס בעשרייבען די האַר-שטוינענדע סצענעס.

„אויך די ריינע פרויען, די קעניג׳ס טעכטער — אַזוי רופט אָן אַ שרייבער פון יענער צייט די אידישע פרויען וואָס זענען געגאַנגען אויף „קידוש השם" — האָבען געוואָרפען זייער געלד און זילבער דורך דעם פענסטער צום פיינד, כדי זיי זאָלען פערנעהמען די פיינד מיט אויפקלויבען די געלדער, אום אָבצוהאַלטען זיי אַביסעל, ביז זיי, די פרויען וועלען צייט האָבען צו פערענדיגען אויסצושעכטען זייערע זיהן און טעכטער. הענד פון ערבאַרמדיגע פרויען האָבען געשאָכטען זייערע קינדער, כדי צו טהון דעם ווילען פון זייערע בעשאַפער" (אַז זיי זאָלען נישט געצווינגען זיין צו שמד׳ען זיך, ווי די שונאים האָבען זיי געצווינגען אונטער טויט-שרעק). אַן אַנדער סצענע בעשרייבט דערזעלבער שרייבער פון דער דאַמאָלסדיגער צייט — וואָס ער האָט אַליין דורכגעמאַכט. — ווי אַ מוטער, וואָס האָט געהאַט פיער קינדער און זי האָט מורא געהאַט, אַז ווען דער פיינד וועט קומען און וועט וועלען די קינדער אויס׳שמד׳ען זאָל זי נישט שוואַך ווערען, אָדער די קינדער זאָלען נישט שוואַך ווערען און ליבערשט וועלען לעבען אין אַ פרעמדען גלויבען, איידער יונגערהייט שטאַרבען, אַזוי האָט זי בעשטימט זיי אַליין צו שעכטען. אַליין האָט זי אָבער קיין האַרץ נישט געהאַט צו שעכטען איהרע קינדער, האָט זי געבעטען אַ חבר׳טע איהרע, זי זאָל שעכטען פאַר איהר די קינדער.

ווי די פרוי האָט געשאָכטען איינעם פון איהרע קינדער, אַ „יונגעל אַ קליינעם און אַן אַנגענעהמען" — זאָגט דער שרייבער אין זיין לשון — אַזוי האָט די מוטער אויסגעשטרעקט איהרע צוויי הענד און האָט אויסגעשעפט דאָס בלוט, אַז דאָס בלוט זאָל זיך נישט אויף דער ערד אויסגיסען. איינער פון איהרע יונגלעך, וועלכער האָט

געהייסען אהרן, צו ער האָט געזעהן, אַז „מען האָט געשאָכטען זיין ברודער, האָט ער אָנגעהויבען צו וויינען: „מאַמע, שעכט מיך נישט״, און איז געגאַנגען און האָט זיך בעהאַלטען אונטער אַ קאַסטען. און זי האָט נאָך געהאַט צוויי טעכטער בלא און מדרוגא. שענע מיידלעך, די טעכטער פון ר׳ יהודה, איהר מאַן. האָבען די מיידלעך גענומען דאָס מעסער און נאָכגעקוקט אויב ער איז גוט שאַרף, אַז עס זאָל נישט זיין אין איהם קיין פּגימה, און האָבען אויסגעשטרעקט זייערע העלזער, און מען האָט זיי געשאָכטען פאַר גאָט וואָס ער האָט גע־הייסען, אַז מען זאָל זיין אמונה נישט פערוועקטלען, כּדי זיי זאָלען זיין גאַנץ מיט זייער גאָט. ווי די מוטער האָט פערענדיגט צו שעכ־טען איהרע דריי זיהן (אַ חוץ די צוויי טעכטער, וואָס ווי עס זעהט אויס, זי האָט געהאַט פון אַנ׳אַנדערען מאַן), דאַן האָט זי אָנגעהויבען רופען איהר יונגסטען קינד, וואָס האָט זיך געהאַט בעהאַלטען הינטער דעם קאַסטען: „אהרן, אהרן, וואו ביסטו? אויך אויף דיר וועל איך קיין רחמנות נישט האָבען און איך וועל זיך נישט ערבאַרמען״. און זי האָט אַרויסגעצויגען איהם ביי די פיס פון אונטער דעם קאַסטען און האָט איהם גע׳שחט׳ן פאַר גאָט, און זי האָט זיך אַרויפגעלעגט אויף די גע׳שחט׳ענע זיהן און פאַרשטעלט זיי מיט איהרע קליידער ביז די פיינד זענען געקומען, און זיי האָבען געמיינט, אַז זי בעהאַלט דאָרט איהר געלד, האָבען זיי איהר גע׳הרג׳עט אויף די גע׳שחט׳ענע קערפּערס פון איהרע קינדער״.

נישט בלויז שטאַרבען, נאָר אויך קעמפען אויף „קידוש השם״ האָבען געקענט די מיינצער אידען. זיי האָבען זיך נישט אונטערגע־געבען ביז זיי האָבען נישט געקעמפט ביז צו דער לעצטער מעג־ליכקייט פאַר בעפרייאונג. אָפטמאָל האָט זיי דער בישאָף, וועלכער איז דאַמאָלס געווען די מאַכט פון שטאָדט, פערראַטען. אָפטמאָל האָבען זיי פיעל פון די ריטער אויסגע׳הרג׳עט. ביי אַ פּאָגראָם פון אידען אין דער צייט פון „שוואַרצען טויט״ האָבען די אידען אויסגע־טויטעט איבער צוויי הונדערט ריטער.

פיעל מאָל האָבען די אידען, וועלכע זענען איבערגעבליבען ביים לעבען, דערפאַר וואָס זיי האָבען גענויטערהייט אָנגענומען דעם

קריסטליכען גלויבען, געפלאָגט פון זייער געוויסען, אָבגעקויפט זיך זייער זינד מיט נקמה אויף די גוים.

אַזוי ווערט דערצעהלט פון איינעם אַ אידען, ר׳ אהרן, דאַכט זיך, וועלכער האָט זיך געהאַט גע׳שמד׳ט, כדי צו ראַטעווען פון טויט זיין אַלטע מוטער, אונטערגעצונדען דערנאָך די שוהל פון מיינץ, כדי די גוים זאָלען נישט מאַכען פון איהר אַ קירכע. אָבער מיט דער שוהל אַליין האָט ער זיך נישט בעגנוגענט. ער האָט אויך אונטערגעצונדען אַ האַלבע שטאָדט און איינע פון די הייליגסטע קירכען פון מיינץ אַוועקגעשיקט מיט׳ן פייער, ביז ער איז ענדליך אַ ברענענדיגער אַריינגשפרונגען אין די פלאַמענדיגע שוהל און איז אַליין פערברענט געוואָרען. איך האָב איהם, דעם מ״ר אהרן, אַ נאָמען געגעבען דעם „ברענענדיגען אידען״.

עס איז געווען פון לאַנג אָן מיין טיעפער וואונש צו בעזוכען די דריי עלטסטע אידישע שטעדט: מיינץ, וואָרמס און ספייער, צו זעהן וואָס עס איז איבערגעבליבען ביז היינט פון די אַלטע אידישע בעריהמטע ישובים.

יעצט זייענדיג אין דייטשלאַנד, האָב איך מיין פערלאַנג אויס-געפירט, און וואָס איך האָב דאָרט געזעהן און געהערט, וועל איך פאַר די לעזער בעשרייבען.

# די עלטסטע שוהל אין דער וועלט

אין דעם שמאָלען שוהל-געסעל געהט אַ אידישע מוטער. זי געהט לאַנגזאַם, זאַכט און היט אָב יעדען טריט, וואָס זי מאַכט. נישט צוליעב זיך איז זי אַזוי פּאָרזיכטיג און ענגסטליך, נאָר צוליעב דעם, וואָס וואוינט אין איהר קערפּער און דאַרף קומען אויף דער ליכטיגער וועלט. אַ הייליגע לאַסט טראָגט זי — נאָכדעם ווי זי איז געווען נאָכ'ן הייראַטען 7 יאָהר פרוכטלאָז, האָט גאָט זיך צוגעהערט צו איהר איניגסטען, טיעפען געבעט און ערפילט איהר וואונש. אַ הייליג טראָגען טראָגט זי; גוטע מלאכים קומען איהר ביינאַכט צו חלום און זי הערט אין שלאָף ווי די מלאכים לערנען מיט איהר קינד תורה. אַ גרויסער הייליגער איד וועט איהר קינד זיין, וואָרום ווי קען דען אַנדערש זיין? זי האָט דאָך געבעטען דערויף בייטאָג און ביינאַכט, און אויך יעצט קומט זי צוריק פון קליינעם בית-המדרש, וואָס איז הינטער דער שוהל, וואו רש"י זיצט אין זיין איינגעמויערטע שטוהל, אויבען-אָן, אַרום איהם זיינע תלמידים, און טייטשט מיט זיי אויס דעם חומש. יעדען טאָג שטעלט זי זיך הינטער רש"ס בית-המדרש, כדי איהר קינד אין איהר בויך זאָל זיך איינהערען צו די ווערטער פון גאָט. און ווי זי געהט אַזוי צוריק פון בית-המדרש'ל צו איהר שטיבעל דורך דעם ענגען שוהל-געסעל, טראַכט זי אין זיך: איהר קינד וועט אויך די זכיה האָבען צו זיצען אין איינעם מיט די תלמידים פון רש"י אין קליינעם בית-המדרש און זי וועט קומען און וועט זיך שטעלען הינטער דער

טהיר פון בית-המדרש זיין קול התורה צו הערען. טראַכט זי אַזוי די זיסע געדאַנקען און שטעלט טריט ביי טריט, זאַכט און פּאַמעלעך, באַהענט ביי דער האַרטער וואַנד פון שוהל, אַז עס זאָל איר חלילה גאָרנישט געשעהן. נישט צוליעב זיך איז אַ אידישע מאַמע אַזוי פּאָרזיכטיג, נאָר צוליעב דעם הייליגען טראָגען, וואָס זי טראָגט אין זיך. און ווי זי געהט אַזוי טיעף פערזונקען אין איהרע זיסע געדאַנקען, זעהט זי ווי עס קומט אָן אַ ווילדער רייטער צוריטען; אָנגעטהון אין גאַנצען אין אייזען, מיט אַ גרויסער שפּיז אין האַנד, לאָזט ער זיך מיט דעם גאַנצען אימפּעט פון זיין ווילד יאָגענדען פערד איבער דעם ענגען שוהל-געסעל. דאָס געסעל איז ענג, ווי אַ קליינער, שמאָלער דורכגאַנג, נישטאָ קיין טהיר, קיין הויז, וואו מען קען זיך בעהאַלטען, נאָר האַרטע, שווערע פיערעקעדיגע שטיינער פון דער שווערער שוהל-מויער. און דער רייטער רייט ווילד און האַסטיג גלייך אויף דער אידישער טראָגעדיגער מוטער אַרויף. דאַמאָלס לעהנט זיך די אידישע מוטער אָן אָן דער שטיינערנער מויער פון דער שוהל, שפּרייט אויס איהרע הענט אויף דער שטיינערנער מויער פון דער שוהל און גיט זיך איבער צו גאָט'ס חסד.

די האַרטע, שווערע שטיינער ווערען ווייך און קענטיג, ווי זיי וואָלטען געוועזען פון טייג געמאַכט, און עס קנייטשט זיך שטיין אין שטיין, רוקען זיך צוזאַמען און הוילען אויס אַ בעהעלטניש, צו בעהאַלטען אין זיך די טראָגעדיקע אידישע מוטער ביז דער בייזער רייטער אויף זיין ווילד פערד וועט פערביירייטען און די סכנה וועט פאָראיבערגעהן.

און ווירקליך, זייט איהר אין וואָרמס, זעהט איהר נאָך ביז היינט בעשיינפערליך דעם קנייטש אין דער דיקער שוהל-מויער. איהר פערשטעהט נישט צו וואָס די אויסהוילונג אין דער וואַנט איז געמאַכט, סיידען נאָר פאַר אַ נס ווענען, אַז אַ טראָגעדיגע אידישע מאַמע זאָל זיך קענען בעהאַלטען אין איהר פון ווילדע רייטער.

וואָלטען ביי אַנדערע פעלקער אַזעלכע לעגענדעס געוועזען, און וואָלט נאָך ביז היינטיגען טאָג ביי זיי געבליבען עהנליכעס צו דער שוהל-וואַנד מיט דעם נס-קנייטש אין איהר — גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ פאַראַדען מען וואָלט צוליעב אַזאַ וואַנד געמאַכט. אַ האַלבע קריסטליכע וועלט וואָלט געפּיליגרימט צו דער וואַנד, אום צו רייבען

אָן איהר זייערע רומאַנטישע פיס און הענד, און וואָלטען מיילען-ווייז קניענדיג געקראָכען צו איהר. ביי אונז זענען קיין היילינע נישטא, און מיר גלויבען נישט אין נסים.

אָבער די לעגענדע איז הייליג נישט דורך איהר וואונדער און נס-מעשה, נאָר דורך איהר טיעפען סימבאָל פון דעם גאַנצען אידישען לעבען אין מיטעלאַלטער. ווער דען זאָל ראַטעווען אַ טראָגעדיגע אידישע מאַמע פון אַ ווילדען רייטער, ווען נישט אַ נס?

וואָרמס איז פול מיט נסים, פול מיט לעגענדעס; יעדעס שטיקעל ערד איז הייליג. שטעהט איהר ביי דער וואַנד פון דער עלטסטער שוהל אין דער וועלט, געהט איהר דורך דאָס געסעל, אין וועלכען עס איז אַ רש״י געגאַנגען, זעהט איהר אַ וואַנד, אין וועלכער עס איז דאָ אַ קנייטש אויסגעהוילט פון אַ געהיימער האַנד — זייט איהר אַ פרומער אָדער פריי-געזאָנענער — אַ מאָדנע געפיל נעמט אייך אַרום, אַ היילינער ציטער געהט דורך אייער לייב; אייער נשמה ווערט געלייטערט, און נישט ווילענדיג הויבט איהר אָן אויך צו גלויבען אין אַלע לעגענדעס; אַנ'עהרפורכט נעמט אייך אַרום פאַר דער הייליגקייט, וואָס ווייהעט אַרויס פון די טונקעלע, פייכטע ווענד און עס דוכט זיך אייך, ווי איהר פיהלט די פליכט אויסצוטהון די שיך צוליעב דער הייליגקייט פון דער ערד, אויף וועלכער איהר טרעט.

אין וואָרמס איז הייליג די ערד; די שוהל אין וואָרמס איז אַ היילינע נישט בלויז דערפאַר, וואָס זי איז די עלטסטע אין דער וועלט, נאָר דערפאַר, וואָס זי האָט דורכגעלעבט מעהר פון אַלע אַנדערע שוהלען. אָה, ווען איהרע ווענט וואָלטען געקענט ריידען! זיי וואָלטען אייך דערצעהלט פון די קרייץ-צוגן, זיי וואָלטען אייךדערצעהלט פון „שוואַרצען טויט", פון טעג פון „פערגיפטעטע ברונימער", פון עלילת דם'ס און אַנדערע טרויער-טעג. די שוהל דער מאָהנט אייך ווי אַנ'אַלטע, אַלטע פעסטונג, וואָס איז אויסגעשטאַנען פיעל בעלאַגערונגען, פיעל מלחמות. און וועלכע פעסטונג איז נאָך אויסגעשטאַנען אַזוי פיעל בעלאַגערונגען, ווי די וואָרמס'ער שוהל?

נישט נאָר איז זי איינע פון די עלטסטע געביידעס אין דער וועלט, נאָר זי האָט זיך אויך דערהאַלטען ביז צו אונזער צייט אונבעריהרט, אין איהר אָרגינעלען רוימישען סטיל, און ווען עס געפי-

נען זיך איינעגע קירכען אין דער וועלט, וואָס טיילען פון זיי זענען עלטער פאַר איהר, איז עס קיין וואונדער נישט און אויך נישט קיין זעלטענהייט; וואָרום ווער האָט דען בעלאַגערט אַ קירכע? ווער איז געגאַנגען פערברענען אַ „דאָם״? ווער האָט מלחמה געפיהרט געגען זיי? אָבגעהיט פון די שטאַרקע און מעכטיגע פון דער וועלט דורך די אַלע יאָהרהונדערטע, בעשיצט דורך דער מאַכט, וואָס זי בעקליידעט, איז גאָר קיין וואונדער נישט, אַז די קירכע האָט זיך דערהאַלטען ביז אונזער צייט; אָבער אַ שוהל זאָל זיך דערהאַלטען פון אַלע קרייץ-צוגן, „שוואַרצע טויטען״ און אַלע אַנדערע פערפאָלגונגען און בלייבען שטעהן ביז צו אונזערע טעג — איז עס נישט קיין אַנ׳אויסשטעכעניש די אויגען פון אַלע אונזערע שונאים? איז עס נישט קיין שפּאָס פון דער געשיכטע? עס איז ווי די וואָרמס׳ער שוהל וואָלט געוואָרפען אַ להכעיס-געשריי די גוים אין פּנים אַריין: „זעהט, נאָך אַלע בעלאַגערונגען און מלחמות, אין ווילדע טויטען-טענץ שטעה איך, און בין דאָ ביז׳ן היינטיגען טאָג״!...

קיינער ווייסט נישט ווען די שוהל אין וואָרמס איז געבויט געוואָרען. איהר אָנפאַנג ווערט פערלאָרען אין לעגענדעס פּונקט אַזוי ווי די קהלה פון וואָרמס. ווער ווייס, עס קען זיין, אַז איהר פונדאַמענט איז געלעגט געוואָרען פון יענע אידען, וואָס האָבען בעגלייט יוליוס צעזאַר, צושטעלענדיג זייגע לעגיאָנען פּראָוויאַנט, ווען ער איז אַריבער דעם רהיין די ווילדע גערמאַנישע באַרבאַרען צו בעזיגען. יעדענפאַלס איז בעוואוסט, אַז אין דעם פערטען יאָהר נאָך קריסטוס איז שוין אין וואָרמס געווען אַ אידישע קהלה. אין 1034 איז די שוהל בענייט געוואָרען פון אַנ׳עלטערע געביידע. אַ שטיין ביים ארון הקודש רופט אָן איינעם אַ „מר יעקב״, וועלכער האָט דאָס הויז געבויט, כדי מען זאָל איהם דערמאָנען יעדען שבת. און יעדען שבת ביז היינטיגען טאָג, מאַכט מען אַ הזכרת נשמה דעם מר יעקב. ביי די קרייץ-צוגן, ווען כמעט אַלע אידען פון וואָרמס זענען אויסגעשלאַכטעט געוואָרען, אָדער זיי האָבען זיך, ווי דאַמאָלס איז דער מנהג געווען, אַליין אויסגע׳שחט׳ען, איז די שוהל צושטערט געוואָרען. ווידער בענייט, איז זי ווידער אין דער צייט פון „שוואַרצען טויט״, אין פערצעהנטען יאָרהונדערט, פערברענט געוואָרען, אָבער בלויז

דער דאַך און די אינערלעכע האַלץ-שניצערייען; די געביידע און די וואונדערבאַרע צוויי זיילען פון דער שוהל זענען געבליבען אונבע-ריהרט. באַלד זענען ווידער די אידען צוריקגעקומען קיין וואָרמס און ווידער בעניים די שוהל. שפעטער, ווען די פראַנצויזען האָבען בעזעצט די שטאָדט, האָבען זיי געמאַכט פון דער שוהל אַ שטאַל. אָבער באַלד האָבען זי די אידען ווידער אויסגערייניגט און אויפגע-האַלטען זי און זי איז אַזוי פערבליבען אין איהר אויסערליכען און אינערליכען סטיל ביז היינטיגען טאָג. אָבער דאָס וואָס די „קרייץ-צוגען" און דער „שוואַרצער טויט" האָבען נישט געקענט מאַכען האָ-בען די דייטשע יהודים געמאַכט פון דער שוהל — פערדאַרבען איהר סטיל, שטעלט אייך פאָר: געהען און שטעלען אַריין אין אַזאַ שוהל אַן אָרגעל! וואָס דייטשע יהודים קענען!

טיעפע טרעפּלעך פיהרען אַראָב אין דער שוהל (צוליעב דעם אוודאי, כּדי זי זאָל זיך נישט וואַרפען די גוים אין די אויגען). פון אינוועניג און אויסוועניג איז די שוהל אַ קליינע, אַ נידעריגע, אַ צניעות'דיגע; קיין בעפּוצונג; שטאַרקע פיער-עקעדיגע גרויסע שטיי-נער זענען די ווענט פון דער שוהל, נאָר ביים האַלב-לבנה'דיגען אויסגעבויגעכטס פון דער שוהל-טהיר זענען אויסגעהאַקט אין שטיין פערשיעדענע אידישע אָרנאַמענטען. דאָסזעלבע איז אויך אויף די קרוינען פון די צוויי שטאַרקע ריזיגע זיילען, אויף וועלכע די שוהל שטיצט זיך. די זיילען זענען פון אַ וואונדערבאַרען סטיל; וואונדער-באַרע אידישע אָרנאַמענטען בעקרוינען זייערע קעפּ, מיט העברעאישע שפּרוכען אויסגעהאַמערט אין שטיין, וועלכע מען קען שוין, ליידער, נישט איבערלעזען. די זיילען זענען נישט אין רוימישען סטיל גע-בויט, ווי די גאַנצע שוהל, נאָר אין ביזאַנטישען. עס קען מעגליך זיין, אַז אידען האָבען מיטגעבראַכט מיט זיך צו פיהרען רעשטען פון אַנדערע שוהלען אין אַנ'אַנדער לאַנד, ווי עס איז דאַן דער מנהג געווען נישט בלויז ביי אידען. אויך קריסטען פלעגען בויען זייערע קירכען פון טיילען פון אַלטע טעמפּלען, אפילו פון געצענדינערשע.

די שוהל איז פול מיט לעגענדעס. שוין ביים אַריינגאַנג גע-פינט איהר צוויי גרויסע שטיינער, וועלכע דינען אַלס צדקה-פּושקעס און וועלכע זאָלען שטאַמען נאָך פון ירושלים, וואָס די ירושלים'ער

אידען זאָלען האָבען געשיקט אַהער צו זאַמלען אין זיי געלד. עס זעהט אויס, אַז שוין דאַמאָלס האָבען די ירושלים׳ער אידען געזאַמעלט געלד אין דער פרעמד... הינטער׳ן אָרון ברענען צוויי נר־תמיד׳ס, דאָס איז ווידער פערבונדען מיט אַ וואונדערבאַרער לעגענדע. אין דער צייט פון „שוואַרצען טויט״, צי ביי אַנ׳אַנדער צרה, איך געדענק שוין נישט, האָבען די גוים געזאָגט אויף די אידען, אַז די אידען האָבען די ברונימער פערגיפטעט און דערפון נעהמט זיך די פעסט אין שטאָדט, און זיי האָבען געגעבען די אידען צייט ביז דעם לעצטען טאָג פסח (עס איז געווען פסח־צייט), אַז זיי זאָלען אַרויס־געבען די שולדיגע, אויב נישט, וועלען זיי אַלע אידען אויסשלאַכ־טען. די אידען האָבען אָבער נישט געוואוסט פון וואָס צו זאָגען, און דאָ קומט דער לעצטער טאָג פסח; די צייט פון זייער פערניכ־טונג איז נאָהענט, און קיינער נעמט אויף זיך נישט די שולד. די אידען זענען אין שוהל פערזאַמעלט, פאַסטען און זאָגען קינות. פלוצ־לונג הויבט מען אָן קלאַפּען אין טויער פון דעם געטאָ־מויער; צוויי פרעמדע אידען קומען אָן אין שטאָדט. דער שמש וויל זיי נישט אַריינלאָזען. עס שטעהט אַזאַ צרה פאַר די וואָרמס׳ער אידען — אַלע אידען פון וואָרמס זענען אין סכנה אויסגעשלאַכטעט צו ווערען, צו־וואָס זאָלט איהר נאָך אַריינקומען אין שטאָדט? אָבער די פרעמדע אידען ווילען פון טויער נישט אָבטרעטען, מען זאָל זיי דווקא אין שטאָדט אַריינלאָזען; זיי קענען די שטאָדט ראַטעווען. מען לאָזט זיי אין דער געטאָ אַריין, און די צוויי אידען גיבען זיך אָן אַלס די שולדיגע, זיי האָבען עס די ברונימער פערגיפטעט, זיי זענען די שולדיגע און זיי זאָל מען צום בישאָף איבערגעבען. די צוויי אידען זענען פערברענט געוואָרען אויף קידוש השם און די גאַנצע עדה איז געראַטעוועט געוואָרען. ווער די צוויי אידען זענען געווען, ווייסט מען נישט. אַ טייל האַלטען זיי פאַר מלאכים, אַנדערע פאַר ל״ו צדיקים, און פון זייערע נשמות־וועגען ברענען פאַר׳ן אָרון קודש שטענדיג צוויי ליכט.

נעבען דער שוהל געפינט זיך רש״י׳ס שטיבעל. דאָס איז אַ קליינער פיער־עקעדיגער בית־המדרש׳ל מיט אַנ׳איינגעמויערטע שטוהל אין דער וואַנד. די לעגענדע דערצעהלט, אַז רש״י איז געזעסען אין

דעם שטיבעל און האָט געלערענט מיט זיינע תּלמידים. חוקרים ווײַ־זען אָן, אַז די געביידע פון שטיבעל איז נישט גענוג אַלט, אַז רש״י זאָל האָבען אין איהר געלערענט, אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, עס איז אַ פאַקט, אַז רש״י איז געווען אַ ישיבה־בחור אין וואָרמס און האָט געגעסען „טעג״ ביי די וואָרמס׳ער בעלי־הבתים. און נישט איינ־מאָל דערמאָהנט ער אַליין אין זיינע שריפטען ווי אַזוי ער האָט געלעבט, ווי ער איז געשלאָפען אויף דער האַרטער באַנק און געגע־סען אָרים ברויט און אין דער היים איבערגעלאָזט אַ ווייב מיט קינדער. אַז איך האָב זיך געפונען אין דעם שטיבעל און געזעהן די קאַלטע שטיין־שטוהל, וואָס איז איינגעמויערט אין דער וואַנד, האָב איך זיך דערמאָהנט רש״י׳ס שילדערונגען און געזעהן ווי עס שלאָפט ביינאַכט אַ יונגערמאַן מיט אַן׳אויסגעבלייכט געזיכט און אַ שוואַרץ רונדיג שפּראָצענדיג בערדעל אויף דער האַרטער שטיינער־נער באַנק פון בית־המקדש, אַז ער האָט אין דער היים איבערגעלאָזט אַ יונג ווייבעל, נאָך וועלכע ער בענקט און אַז ער איז פערוואָגעלט אין דער פרעמד נאָר דערפאַר, ווייל די פרעמדע שטאָדט ווערט בעריהמט אין תּורה, דאָרטען וואוינט ר׳ רוקח און אַנדערע בעריהמטע געלערענטע.

דערמאָנט עס אייך נישט אָן אַ היינטיגען פּרוש אין אַ פּויליש־ליטוויש שטעדטעל? אַט אַזוי איז רש״י געווען אַ ישיבה־בחור אין וואָרמס, מיט זיבען — אַכט הונדערט יאָהר צוריק, און געגעסען טעג ביי די וואָרמס׳ער בעלי־הבתים.

די שטאָדט, ווייזט אויס, גרויסט זיך אויך דערמיט, וואָס רש״י האָט געלערענט אין איהרע טויערן. פון די איבערגעבליבענע געמאָ־מויערן האָט מען אַ טויער אויסגעהאַקט אין דער אידען־גאַס און אַ נאָמען געגעבען דעם טויער „רש״י־טויער״. ווען איהר הערט אַ וואָרמ־ס׳ער דייטשען יונגעל ווי ער זאָגט אייך: „איך וואהן אין ראַשע־טויער, אין דער יודען־שטראַסע״, קלינגט עס אייך אַזוי קאָמיש — די גוי׳שע יונגלעך אין וואָרמס וויסען פון רש״י!

איבער דער שוהל געפינט זיך אַ בוים. עס איז געווען אַ מנהג פון קדמונים אָן אַריבערצופיהרען אין שוהל אַריין אַלטע שמות: אָבגעלעבטע סדורים, חומשים און אַנדערע אידישע זאַכען, וועלכע

אידען האַלטען פאַר הייליג. די קאַסטענס שמות זענען שוין פיעל מאָל געוועזען די וויכטיגסטע קוועלען פאַר דער אידישער געשיכטע.

שוין פון לאַנג איז געריכטעט געוואָרען די אויפמערקזאַמקייט פון דער געלערענטער אידישער וועלט צו דעם שוהל-בוידעם אין וואָרמס, וואוהין אידען פלעגען טראָגען פאַר לאַנגע דורות זייערע שמות. פיעל וויכטיגע דאָקומענטען פון דער אידישער געשיכטע האָט מען געפונען אויף יענעם בוידעם: אַלטע אידישע תפלות, פיוטים, שוץ-בריעף פון דייטשע קעניגען, קינות און קלאָג-ליעדער פון די פערפאָלגונגס-צייטען, אין וועלכען אידען בעשרייבען זייערע צרות אין פערשיעדענע שלעכטע צייטען. אין וואָרמס האָט אַמאָל געלעבט אַ שמש, יוספי שמש. דער יוספי שמש איז געוועזען איינער פון די גרעסטע מאָראַליסטען פון אידישען פאָלק. עס איז נאָך יעצט בעריהמט זיינער אַ מנהג-בוך; ער האָט געזאַמעלט די לעגענדעס פון וואָרמס און פערשריבען זיי אין זיין „ספר נסים" — רעשטען פון דעם ספר האָט מען געפונען אויפ'ן בוידעם פון דער שוהל.

זעהר אינטערעסאַנט זענען אויך די וויקעלעך, מיט וועלכע מען פלעגט די קינדער וויקלען, ווען מען האָט זיי געבראַכט אין שוהל אריין צו פעראידישען זיי. אויף אַזעלכע וויקעלעך פלעגען געוועהנ־ליך די מוטערס אויסהעפטען דעם נאָמען און דעם פאַמיליע-נאָמען און דעם שטאַם-אָרט פון קינד, פאַר וועלכען עס איז בעשטימט געוואָרען. אויף דעם וויקעל פלעגען זיי אויך אויסהעפטען דעם סימבאָל פון דעם הויז, וואו דאָס קינד איז געבוירען געוואָרען: אַ שיפעל, ווען דאָס קינד איז געבוירען געוואָרען אין אַ הויז, וואָס טראָגט אויף זיך אַ שילד פון אַ שיף; דערנאָך איז דערפון אַרויס־געקומען די פאַמיליע שיף. אָדער אַ רויט-שילד אָדער אַן אָדלער. אויף דעם בוידעם פון דער וואָרמס'ער שוהל ליגען אַלע וויקעלעך, אין וועלכע עס זענען געוועזען געוויקעלט די ערשטע שטאַם-פאָטערס פון די היינטיגע רייכע יהודים. פון אַט די וויקעלעך ווייס מען די געשיכטע פון די פאַמיליען. אויפ'ן בוידעם פון דער וואָרמס'ער שוהל האָט מען געפונען אַזעלכע וויקעלעך, וועלכע שטאַמען פון אַזוי ווייט צוריק, ווי פון דעם מיטען פון זעבצעהנטען יאָהרהונדערט, און עס איז אינטערעסאַנט צו דערמאָהנען, אַז מען האָט דאָרט אויך געפונען

די וויקעלעך פון די שטאַם-פאַמיליען פון די ווערטהיימערס, פון די אָפּענהיימערס, פון די גוגענהיימערס, דעם וויקעלע פון דעם שטאַם-פאָטער פון פעליקס אַדלער, דער גרינדער פון דער עטיקאַל-סקוהל אין ניו-יאָרק, און נאָך אַנדערע בעריהמטע דייטש-אידישע פאַמיליען.

נעבען דער שוהל געפינט זיך אַ בעהאַלטענע אַלטע מקוה, וועלכע איז אַזוי אַלט ווי די שוהל, די מקוה האָט מען ערשט מיט איינינע יאָהר צוריק ענטדעקט. זעהר אינטערעסאַנט זענען די אַלטע אידישע מקוות אין די רהיין-שטעדט. נישט אַזוי לייכט איז אָנגעקומען אידען דאָס אידישקייט פארצייטענס. צוערשט האָבען זיי זיך אַריינגע'גנב'עט אין אַ שטאָדט און דאָרט געוואוינט בגנבה: פלעגען זיך איינריכטען אין געהיים אַ שוהל, אַ בעהאַלטענע מקוה. אָט אַזעלכע געהיימע מקוות געפינט מען יעצט אין פערשיעדענע שטעדט ביים רהיין. פון דרויסען איז זי פערשטעלט. מען זעהט גאָרנישט אָן. אַ געהיימע טהיר פיהרט אייך אַריין אין אַ הייל; דאָרט פיהרען שטיינערנע טרעפּען טיעף אַרונטער צו דער מקוה. אָפטמאָל איז די מקוה הונדערט און מעהר פוס טיעף אין דער ערד און איהר זעהט דערום פון דרויסען גאָרנישט. דערפאַר אָבער אינעווענינ איז די מקוה איינגעריכט געוואָרען אויף אַן אויסערגעוועהנליך רייכען אופן: די וואונדערבאַרסטע אָרנאַמענטען זענען אויסגעהאַמערט אין די שטייבער פון די פערשיעדענע קאַמערען, אַ קאַמער צום פערוויילען, אַ קאַמער זיך אויסצוטהאָן; אויסגעהוילטע פענסטערלעך און נישעס, אין וועלכע עס האָבען וואַהרשיינליך געברענט אייל-לאָמפען. די געהיימע מקוות ווערען יעצט בעוואונדערט פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט. די מקוה אין פרידבערג איז ספעציעל בעריהמט מיט איהרע רייכע אָרנאַמענטען, און זי איז איינע פון די זעלטענסטע איבערבלייבעכצען פון דער רוימישער קונסט, וועלכע זענען פערבליבען ביז היינטיגען טאָג. אויך איז בעריהמט די מקוה אין ספּייער, וועגען וועלכער עס איז פיעל געשריבען געוואָרען; זי געהערט צו די מערקווירדיגקייטען פון דער בעריהמטער שטאָדט. די מקוה אין וואָרמס איז ערשט זייט איינינע יאָהר אויסגעגראָבען געוואָרען. ליידער האָט זי זיך נישט זעהר גוט דערהאַלטען; פיעלע פון איהרע אָרנאַמענטען זענען אָבגעבראָכען געוואָרען און אויף דעם הויף פון

דער וואָרמס׳ער שוהל וואַלגערען זיך יעצט אַרום אָפּגעהאַקטע שטיי־נער פון דער מקוה. אויף דידאָזיקע שטיקער שטיין קען מען נאָך יעצט זעהן אויסגעהאַמערט פערשידענע פויגעל, ווי זיי פּיקען וויינטרויבען, און אַנדערע אָרנאַמענטען. דער גאַנצער געבוי אָבער פון דער מקוה איז פערבליבען אונבעריהרט, און ווען איהר געהט אַראָפּ טיף אונטען און זעהט, ווי די אידען האָבען אַמאָל אָבגעהיט זייער אייגענאַרטיג־קייט מיט אַזאַ מסירת-נפש, נעהמט אייך אַרום אַ פּירכטערליכע אַנגסט פאַר דעם גרויסען סוד פון דעם אויסגעהאַלטענעם אידישען כאַראַקטער.

מיינץ, ווי איך האָב אין אַ פריהערדיגע שילדערונג געשריבען, האָט גאָר נישט דערהאַלטען פון די אַלטע צייטען, אָבער וואָרמס איז געבליבען ביז צו אונזערע טעג כמעט אונבעריהרט, דאָס זעלבע איז אויך מיט׳ן וואָרמס׳ער בית-עולם, וועלכער איז פערבליבען אין אַ גוטען צושטאַנד ביז צו אונזערע טעג. זיין אָנפאַנג איז פונקט ווי די קהלה אין וואָרמס און ווי די שוהל פון די לעגענדאַרישע צייטען. יוספי שמש דערצעהלט אין זיין מעשה נסים, אַז אין זיין צייט, דאָס הייסט, מיט דריי—פיער הונדערט יאָהר צוריק, האָט זיך געפונען אויף דעם וואָרמס׳ער בית-עולם אַ מצבה, אויף וועלכער עס איז געווען אויפגעקריצט: „איש בחטאו מת״, — דער מענש איז געשטאָרבען פאַר זיינע זינד, דאָס הייסט, בית דין האָט דעם מענשען פער־משפט צו טויט-שטראָף. דער זעלבער יוספי שמש דערצעהלט אויך, אַז אין יאָהר 1623 האָט איהם ר׳ אליהו בעל שם אָנגעוויזען דאָס אָרט אויפ׳ן בית-עולם, וואו דער מענש איז „פערשטיינערט״ געוואָ־רען, די בית הסקילה. מען וויל דערינגען דערפון, אַז די אידען אין וואָרמס האָבען אַמאָל געהאַט זייער אייגענעם געריכט, וועלכער האָט פעראורטיילט צום טוידט. הייגט ווייס מען שוין נישט פון דעם מצבה-שטיין. דער עלטסטער מצבה-שטיין, וואָס געפינט זיך אויף וואָרמס׳ער בית-עולם, שטאַמט פון יאָהר תר״ס, דאָס הייסט פון יאָהר 900, און איז פון אַ רב׳ס אַ טאָכטער, מרת פרזא, די טאָכטער פון ר׳ שמואל, וועלכער איז ערמאָרדעט געוואָרען פאַר זיין אמונה.

די וויכטיגסטע מצבה, וואָס געפינט זיך אויף וואָרמס׳ער בית־

עולם, איז פון מהר״ם, דער גרויסער רבי ר׳ מאיר פון ראָטהענבבערג, וועלכער איז געשטאָרבען אין אַ פעסטונג.

ר׳ מאיר פון ראָטהענבבערג האָט געוואָלט פאָהרען נאָך ארץ ישראל. אויפ׳ן וועג האָט איהם געפאַנגען גענומען אין יאָהר 1286 דער גראַף פון גערץ און איהם איבערגעגעבען אין די הענד פון קיסר רודאָלף, פון האַבסבורג. דער קיסר האָט איהם אַריינגעזעצט אין אַ טהורם אין עלזאַס און געוואָלט פאַר איהם אַ גרויסען אויס־לייז-פרייז.

ר׳ מאיר פון ראָטהענבערג האָט אָבער פערוועהרט די אידען דורך חרם, אַז זיי זאָלען בעצאָהלען פאַר איהם דאָס אויסלייז-געלד דערפאַר, וואָס דען קיסר האָט געשטעלט אַ צו-הויכען פרייז. עס איז געווען אַ מנהג פאַרצייטענס, אַז ווען אַ קיסר האָט בעדאַרפט האָבען געלד, האָט ער עס דורך פערשיעדענע אויסריידען אַרויסגעפרעסט פון אידען. אָבער ווען אַ קעניג אָדער אַ בישאָף האָט געוואָלט אַ שטאָדט, וואָס איז איהם געטריי געבליבען געגען אַ שונא, בעלוינען, האָט ער בעפוילען די אידען פון שטאָדט צו געבען אַזוי פיעל און אַזוי פיעל זילבער און גאָלד דער שטאָדט, ווי מיר געפינען עס פון לודוויק דער בייער אין יאָהר 1315 און אויך שפּעטער, וועלכער האָט בעפוילען די אידען פון וואָרמס צו בעצאָהלען די וואָרמס׳ער איינ־וואוינער אַ גרויסע סומע געלד אַלס אַ פערגיטיגונג, וואָס ער האָט געוואָלט מאַכען די וואָרמס׳ער איינוואוינער.

כדי נישט צו לאָזען אויספרעסען פון די אידען קיין געלד האָט דער בעריהמטער רב, רבי מאיר פון ראָטהענבערג, פערבאָטען די אידען צו בעצאָהלען פאַר איהם די פערלאַנגטע סומע אויסלייז־געלד.

אין טהורעם איז דער רב געזעסען זיין גאַנץ לעבען לאַנג און דאָרט געשריבען זיינע בעריהמטע ספרים, אין דער וואָרמס׳ער שוהל ווייזט מען נאָך אייך יעצט אָן אַ ספר-תורה, וואָס זאָל האָבען געקו־מען צו שווימען קיין וואָרמס אויפ׳ן וואַסער, וועלכע ר׳ מאיר פון ראָטהענבערג האָט אַרויסגעשיקט פון טהורם. אין טהורם איז ער טאַקי געשטאָרבען און איז דאָרט אָפּגעלעגען פערצען יאָהר. קיינער האָט נישט געקענט צוקומען צו זיין קערפּער, דערצעהלט די לעגענ־

דע, ווייל אַ פייערדיגער ראַנד איז געשטאַנען אַרום איהם. ביז מיט איינינע יאָהר שפּעטער האָט אַ איד פון פראַנקפורט, וועלכער האָט געוואָלט האָבען די זכיה צו ליעגען נעבען דעם גרויסען רב, געבראַכט זיין קערפּער פון טהורים צו קבורה אויף דעם וואָרמס׳ער בית-עולם.

אָבער די וויכטיגסטע מצבה, וואָס געפינט זיך אויפ׳ן וואָרמס׳ער בית-עולם, איז די מצבה פון די צוועלף פרנסים.

גאָרנישט שטעהט אויף דער מצבה אויפגעשריעבען, אַ חוץ די ווערטער: „פ״ב י״ב פרנסים״. אונטער דעם שטיין, וואָס שטהט ביי דער מויער פון אַלטען בית-עולם, רוהען די אַשעס פון צוועלף אי-דישע העלדען.

אין יאָהר 1349 איז אין וואָרמס אָנגעקומען דער „שוואַרצער טויט״, די מגפה, וואָס האָט זיך אַריינגעגנב׳עט אין יעדען הויז און אויסגעטויטעט וועמען זי האָט געוואָלט. אַ שוואַרצער פלעק אויפ׳ן פּנים — טויט! די גוים האָבען געזאָגט, אַז די אידען, אום נקמה צו נעמען פאַר אַלע פערפאָלגונגען, האָבען די ברונימער פערגיפטעט. דער בעסטער בעווייז איז די שוואַרצע אלמנה מיט איהר סקעלעטען-פּנים און בלוטיגע הענד, וועלכע געהט אַרום אין שטאָדט, ביז זי קומט-אָן צו די מויערען פון דער אידישער גהעטאָ און דאָרט שטעלט זי זיך אָב און געהט נישט ווייטער. קיינער ווייס נישט פאַרוואָס דער שוואַרצער פלעק-טיפוס האָט אויסגעמידטען דאָס אידישע גהעטאָ; עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז די אידען האָבען וועניגער געליטען פון דער שרעקליכער מגפה אין מיטעלאַלטער, ווי די קריסטען. צי דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס די אידען האָבען דעמאָלט ריינער, היגיע-נישער געלעבט, מעהר בענוצט די מקוה, ווי די קריסטען די באָד, וועלכע איז דאַן כמעט נישט בענוצט געוואָרען, צי עס זענען געווען אַנדערע אורזאַכען, אָבער אַ פאַקט איז, אַז די שוואַרצע מגפה האָט אויסגעמידטען די אידען.

די קריסטען האָבען עס אויסגעטייטשט, אַז נישט אַנדערש, אַז די אידען פערגיפטען די ברונימער, און זיי אַליין, די אידען, ווייסען וועלכע וואַסער צו טרינקען. און ווי אין אַנדערע שטעדט, אַזוי אויך אין וואָרמס, זענען די וואָרמס׳ער איינוואוינער אַרויס אין די

גאָסען מיט קירכען-פאָהנען און הייליגען געזאַנג און געשטורעמט די מויערען פון דער אידישער גהעטאָ די אידען צו פערטיליגען. צו מאַכען דאָס מעהר רעכטפערטיג איז זיך דער שטאָדט-ראָטה פון וואָרמס אין ראָטהויז צונויפגעקומען און אָהנע אויסצוהערען די אי־דען האָבען זיי אַ משפט אַרויסגעגעבען אַלע אידען פון וואָרמס אויס־צושלאַכטען. די וואָרמס׳ער אידען האָבען בעשלאָסען צו שטאַרבען אין איינעם מיט די גוים. צוועלף פרנסים פון דער שטאָדט האָבען זיך אין זייערע שוואַרצע מאַנטלען אָנגעטהאָן, צוועלף שוואַרצע חלפים אונטער זייערע שוואַרצע מאַנטלען אַרונטערגענומען און זיך געלאָזט פיהרען צום ראטה-הויז, פאַר די ראָהטס-לייט צו קומען. צוערשט האָבען זיי זיך געוואָרפען אויף די קניען פאַר די ראהטס-לייט און מיט געוויין און געבעט געפרואווט זיי איבערצייגען אין זייער אונ־שולד, און ווי נאַריש עס איז זיי צו בעשולדיגען אין פעראורזאַכען די פעסט, וועלכע איז אַ גאָט׳ס שטראָף. אַגב האָבען זיי געוואָלט איבערצייגען די ראָטהס-מענער, אַז אויך די אידען ליידען פון דער שוואַרצער מגפה. די ראָהטס-מענער האָבען נישט געוואָלט אויסהערען די צוועלף פרנסים און האָבען געהאַלטען אין איין שרייען, די אי־דען, זיי מוזען שטאַרבען! דאַן האָבען די צוועלף פרנסים אויסגע־שריען: „צוזאַמען מיט אייך״! און זיך געוואָרפען מיט זייערע חלפים אויף די ראטהס-מענער און אויסגעקוילעט ביז איינעם. דאַן זענען זיי אַוועק אויפ׳ן אידישען בית-עולם און אויסגעגראָבען אַ ברודער־גרוב ביי דער וואַנד, ווייל מערדער און זעלבסט-מערדער בעדאַרפען ליעגען ביי דער וואַנד, און גע׳שחט׳ן יעדער זיך אַליין מיט זיין אייגענעם חלף.

זייער קבר איז נאָך ביז היינט אויפ׳ן אַלטען בית-עולם פון וואָרמס. און איבער זייער קבר שטעהט אַ קליינער האַלב-אָפגעבראָ־כענער שטיין מיט די איינציגע ווערטער: „פ״ב י״ב פרנסים״.

# אין דער אַלטער דייטשער שטאָדט ראַטענבורג

ראָטענבורג איז דאָס עלטסטע שטעדטעל אין אייראָפּא, וואָס איז איבערגעבליבען און דערהאַלטען געוואָרען ביז צו אונזערע טעג. נישט קיין איין הויז, נישט קיין איין גאַס, נאָר די גאַנצע שטאָדט איז איבערגעבליבען ביז צו אונזערע צייטען, אַזוי ווי זי איז געווען אין מיטעלאַלטער, אונבעריהרט און אונפערענדערט. די שטאָדט ליעגט פערלעגען, אָבגעלעגט אָן אַ זייט, און די גרויסע מאָדערנע צייט, וואָס האָט מיט דעם רויך פון איהרע פאַבריק-קוימענס אָבגעווישט דעם מיטעלאַלטער פון דער ערד, האָט זי פערשוינט. די שטאָדט איז איבערגעבליבען אַזוי ווי זי איז געווען. שפּעטער האָט מען מיט אַ כיון אָבגעהיט דעם כאַראַקטער פון דער שטאָדט, אַז די שטאָדט זאָל איבערבלייבען אַלס אַן אָנדענקען, ווי עס האָט אויסגעזעהן אַ שטאָדט אין מיטעלאַלטער. עס געפינט זיך נישט דאָרט קיין איין הויז, וואָס זאָל יונגער זיין פון עטליכע הונדערט יאָהר. טיילען פון איהר זענען אַלט ניין הונדערט, טויזענד יאָהר. אַרום דער שטאָדט ציהט זיך נאָך ביז׳ן היינטיגען טאָג די מויער, וועלכע האָט זי בעשיצט געגען אַן איינדרינגליכען פיינד. ביי יעדען אַריינפאָהר אין שטאָדט דורך יעדע גאַס, הויבט זיך אויף איבער דער מויער אַ הויכער שפּיציגער טהורם וועלכער בעשיצט די מויער. אַז עס קומט אין אָווענד, ווערען נאָך פיעל מויערען ביז׳ן היינטיגען טאָג פערשלאָסען, און מען קען נישט אַריינקומען און נישט אַרויסגעהן פון שטאָדט. און ווען עס ענדיגט זיך די שעה, הויבט אָן דער טהורם פון שטאָדט-הויז צו קלינגען,

ווערט אַ געקלינגעריי פון אַלע טהורמס פון שטאָדט. אַרום דער מויער ציהט זיך אַ הילצערנע גאַלעריע, אויף וועלכער די איינוואוינער פון שטאָדט האָבען געקעמפט געגען דעם איינדרינגליכען פיינד. ראָטענבורג איז געווען פון דרייצעהנטען יאָהרהונדערט ביז כמעט צו אונזער צייט אַ פרייע שטאָדט. דאָס הייסט, זי האָט נישט געהערט נישט צו קיין קעניג, נישט צו קיין הערצאָג. נאָר די בעלי-הבתים פון שטאָדט האָבען אַליין איבער זיך רעגיערט. זיי האָבען אויסגעקליבען אַ בורגמייסטער. און דער בורגמייסטער איז געווען דער פאָטער פון אַלע איינוואוינער. די בעלי-הבתים, די מייסטער מיט די בעלי-מלאכות, זענען געווען די סאָלדאַטען, און אַז אַ פיינד איז בעפאַלען די שטאָדט זענען די בעלי-הבתים אַרויף אויף דער מויער און געוועהרט זיך מיט פייל און בויגען געגען דעם שונא. די ווייבער האָבען אַרויסגעטראָגען קאָרעטעס וואַסער, געזאָדענע בליי, שטיינער און האָלץ-וואַרפער און געהאָלפען פערטרייבען דעם שונא. די שטאָדט-מויער מיט די טהורמס מיט דער הילצערנע גאַלעריע, וועלכע איז איבערגעבליבען אונבעריהרט ביז אויף אונזערע טעג גיט אַ קלאָרען בעגריף ווי אַזוי עס האָבען געלעבט די מענשען אין מיטעלאַלטער. און היינט, אַז עס וויל ווער שטודירען דאָס לעבען אין מיטעלאַלטער, קען פון דער שטאָדט מעהר לערנען, ווי פון פיעלע דיקע ביכער, דערפאַר קומט מען פון דער גאַנצער וועלט בעזוכען ראָטענבורג, וועלכע איז איבערגעבליבען אַן אונבעריהרט דענקמאַל פון אַלטע צייטען.

ראָטענבורג איז אויך בעריהמט מיט איהרע קירכען און הייזער, וועלכע גיבען אַ קלאָרען בעגריף וועגען דעם פריה-דייטשען גאָטיק-סטיל. אינטערעסאַנט איז ווי אַזוי די בעריהמטע „יאַקאָב׳ס קירכע״ פון ראָטענבורג איז געבויט געוואָרען. זי איז געבויט געוואָרען פון דעם געלד, וואָס מען האָט איינגעלייזט פאַר פאַרגעבען עבֿרות און פאַר „חלק לעולם הבא״. האָט אַ ראָטענבורגער בעל-הבית געטראָפען אַ אידען אויפ׳ן וועג און אונטערגעשאָכטען איהם דעם האַלז, און אָוועקגענומען דאָס זעקעל געלד, וואָס ער האָט געטראָגען אויף זיין האַלז, האָט ער נאָר בעדאַרפט קומען צום בירגערמייסטער און קויפען אַ מחילה-קוויטעל פאַר אַ טייל פונ׳ם געלד, וואָס ער האָט צוגענומען פון דעם איד, און אַלע זינד זענען איהם פאַרגעבען געוואָרען. מען

האָט זיך אויך געקענט איינהאַנדלען אַזעלכע מחילה-קוויטלעך נישט נאָר פאַר פערגאַנגענע זינד, נאָר פאַר צוקונפטיגע זינד. עס האָט ווער געגלוסט צו אַ אשת איש און מורא געהאַט פאַר גאָט, האָט ער נאָר געדאַרפט געבען אַ פּאָר מטבעות אויף די קירכע און אויסגע-קויפט זיך אַ מחילה-קוויטעל און טהון וואָס זיין האַרץ האָט געגלוסט. פון הונדערט יאָהר לייזאַכטס פאַר אַזעלכע מחילה-קוויטלעך איז גע-וואָרען אויפגעשטעלט די הערליכע „יאַקובס קירכע“, איינע פון די שענסטע מאָנומענטען פון גאָטישען סטיל.

איז די קירכע געבויט געוואָרען פון אַזאַ „אתנן-זונה“-געלד, איז דערפאַר די קירכע אַליין אַ לויב-געזאַנג צו גאָט. איין אויסגעשריי, אַ האַנד אויפגעהויבען צום הימעל. דער גאָטישער סטיל איז באַשאַ-פען געוואָרען אין דער צייט פון העכסטען רעליגיעזען עקסטאַז, אין דער צייט פון די קרייץ-צוגן, ווען הונדערטער טויזענדער מענשען האָט אַרומגעכאַפּט אַ רעליגיעזע משוגעת און זיי האָבען געוואָרפען היים, ווייב און קינדער, און געלאָזט זיך אין אונבאַקאַנטע לענדער, איבער פיעלע אונבעטראָטענע וועלדער, איבער מדבריות און ימים צו בעפרייען ירושלים פון די אונגלויביגע הענד. אָט דער רעליגיע-זער עקסטאַז האָט בעשאַפען יענעם סטיל, וועלכער שטייגט אַרויף אין די הימלען צו גאָט. אַ גאָטישע קירכע, אַ גאָטישע געביידע הויבט זיך אויף פון דער ערד און שטייגט וואָס-אַמאָל העכער, העכער, ווי אַ לויב-געזאַנג צו גאָט, אויסגעגאָסען אין איין מאַסיווען שטיין. דער גאָטישער סטיל האָט פיינד זיך צוצווואַרפען, ער זאַמעלט זיך, און שטרעבט צו איין ציעל, וואָס-אַמאָל העכער, העכער. דער גאָטישער סטיל ווייסט נישט פון קיין קאָמפּראָמיסען, אכזריותדיג איז ער, פאַ-נאַטיש און מיסטיש רעליגיעז...

עס געפינט זיך אין ראַטענבורג אַ קליינע קירכע, וועלכע רופט זיך די שעפּער׳ס-קירכע. די קירכע שטאַמט פון די קרייץ-צוגן און רופט זיך שעפּער-קירכע דערפאַר, ווייל מעהרסטע פון די וואָס האָ-בען אָנגערייצט דאָס פאָלק צו געהן בעפרייען ירושלים, זענען געווען שעפּער. אין דער קירכע געפינט זיך אַן אַלטאַר, און אין דעם אַלטאַר האָבען די קרייץ-צוגער געשליפען זייערע שווערדען, איידער זיי האָ-בען אויף מלחמה אַרויסגעצויגען. דער אַלטאַר טראָגט נאָך שפּורען

ביז היינטיגען טאָג פון דעם שאַרפען די שווערדען אויף זיין שטיין. אין דעם פוס-טרעפ פון אַלטאַר האָבען זיי געשאַרפט זייערע שפיזען. דאָס איז דער גאָט פון גאָטישען סטיל. ביי דעם אַלטאַר פון דער גאָטישער קירכע, וועלכע איז געשטעלט פאַר׳ן גאָט פון יענער צייט האָט מען געשאַרפט די שווערדען און אויף זיינע אַלטאַר-טרעפען די שפיזען.

דער גאָט פון גאָטיק האָט נישט געוואוסט פון קיין רחמנות, אונערבאַרעמדיג איז ער געווען — פורכטבאַר, ביי זיינע מזבחות האָט מען די מעסערס געשאַרפט.

און אַזוי ווי דער גאָט אַזוי איז זיין סטיל. הויבען זיך די קירכען און די הייזער צו איהם ווי די בערג, איינער שטעלט זיך אויפ׳ן צווייטנס רוקען — נאָר וואָס העכער צו קומען צו גאָט. און נישט בלויז שטיינער און מויערען הויבען אויף די הענט צום הימעל, נאָר מענשען און טייכען, בלומען און חיות קריכען אויף די געזימסען און בויגען זייערע העלזער און פנימ׳ער צו גאָט. דאָס פנים פון דעם גאָטישען מענש איז אויסגעלייטערט, פערביסען אין צער, און שרעקליך פערוועהטאָגט. און אַפילו די חיות, די הינט, די פויגעל, וואָס לעהנען-אונטער די געזימסען זענען נישט קיין מענשליכע חיות, נישט קיין שטוב-חיות און נישט קיין מענשען-בלומען, נאָר אויסטער-לישע, נישט פון דער וועלט, נאָר בעזעסענע פון רוחות רעות, מיטהי-שע, שרעקליכע.

און אַזוי ווי דער קריסטען-גאָט איז געווען אין דער צייט פון גאָטישען סטיל אַזוי אויך דער אידישער גאָט. דורך דעם גאָטישען סטיל קען מען לערנען פערשטעהן די גאַנצע פעריאָדע פון די שרעק-ליכע אידען-ליידען פון דער צייט פון די קרייץ-צוגן. עס האָט מיך שטענדיג געוואונדערט די גרויסע אָפּפערווילליגקייט פון די אידען אין דער צייט פון דורות מיט אַן אוננאַטירליכע לייכטיגקייט מקריב צו זיין זיך אויף קידוש-השם. נאָר אין קיין פעריאָדע פון דער אידישער געשיכטע געפינט מען נישט אַזאַ אונערבאַרעמדיגען פאַנאַטישען, איך וואָלט געזאָגט אונמענשליכען, „קידוש-השם” ווי אין דער צייט פון די קרייץ-צוגן. אידען האָבען זיך פשוט מאַסענווייז, אין די הונדער-טער זיך אַליין געשאָכטען, און אויסגעשאָכטען זייערע ווייבער און קינדער מיט זייערע אייגענע הענד פאַר זייער אמונה. דער גאָטישער

קריסטען-גאָט האָט זיך אָנגעשלאָגען אויף דעם „גאָטישען" אידישען גאָט...

דורך דעם האָבען די דייטשע אידען אין דער צייט פון די קרייץ-צוגן נישט אַרויסגעגעבען (אַ חוץ אין זעהר אַ קליינע צאָהל) קיינע אנוסים, ווי די שפּאַנישע אידען ביים גירוש פון שפּאַניען. „גאָטיק" ווייס נישט פון קיין קאָמפּראָמיסען. דאָס האָט נישט געקענט געשעהען אין פופצעהנטען און זעכצעהנטען יאָהרהונדערט, ווייל דאַמאָלס איז שוין דער רעליגיעזער עקסטאַז, וואָס האָט בעהערשט די וועלט אָבגעקיהלט געוואָרען. די וועלט איז שוין נישט פרום געווען. וואָלטען די שפּאַנישע אידען געהאַט אויסצושטהן זייער נסיון אין עלפטען און צוועלפטען יאָהרהונדערט, וואָלטען זיי זיך אויך געווען געשאָכטען פאַר זייער אמונה, ווייל די וועלט איז דאַמאָלס געווען פער'שיכור'ט אין רעליגיעזען עקסטאַז. די שפּאַנישע אידען האָבען געלעבט אין דער צייט פון רענעסאַנס, דעם סטיל, וואָס מענשען האָבען געשאַפען ביי זיך, פאַר זייער עולם-הזה, פאַר זייער אייגענעם געברויך — נישט פאַר גאָט. דורך דעם איז ביי זיי, ביי די שפּאַנישע אידען געווען אַזוי פיעל קאָמפּראָמיסניקעס — מאַראַנען...

גאַנץ ראָטענבורג איז פול מיט דעם סטיל, מיט דעם רעליגיעזען פאַנאַטישען, אכזריות'דיגען אָהן-רחמנות'דיגען „גאָטיק". עס הויבען זיך אויף די הייזער, אייגס העכער איבער דאָס אַנדערע מיט זייערע שפּיציגע קעפּ, שטומע שטאַרקע ווענד מיט גאַנץ קליינע, קליינע פענסטערלאַך, וועלכע מען זעהט קוים אָן. גאָרנישט איז אויף דער וואַנד, קיינע בעפּוצונג, קיינע בעציערונג, נאָר שטום און טויט הויבט זי זיך אויף, העכער, העכער צו גאָט. און ווען איהר געהט אַרויס ביינאַכט אויפ'ן אַלטען מאַרק, און איהר זעהט זיך מיט אַמאָל אַרומגערינגעלט מיט די הויכע שטומע ווענד, וועלכע פערלירען זיך אין טונקעלהייט פון דער נאַכט, כאַפּט אייך אָן אַ שרעק. אייך דאַכט זיך, אַז איהר זענט געפאַנגען געוואָרען, ווי אַ קליינע, קליינע פליג אין אַ הויכער שוהל. אַזוי פיהלט איהר זיך ניעדעריג, ניעדערגעדריקט צו דער ערד, שטויביג פאַר דעם וואַלד הויכע שטומע ווענד, וועלכע הויבען זיך אין הימעל אַריין.

אין דער שטאָדט געפינט זיך אויך „אַ אידען-גאַס", און אַן אַלטער

אידישער בית-עולם, וועלכער איז פערשאָטען געוואָרען און אויף זיין
פלאַץ שטעהט היינט אַ קאַרוסעלע... די אידען פון ראָטענבורג האָבען
געטיילט דעם גורל פון אַלע דייטשע אידען אין מיטעלאַלטער. אין
דער צייט פון דער „שוואַרצער פעסט” אין 14-טען יאָרהונדערט זענען
די איינוואוינער בעפאַלען די אידען און האָבען זיי אויסגעשאָכטען.
נאָר אַמערגסטען האָבען אידען אָבגעשניטען אין אָנפאַנג פון 16-טען
יאָרהונדערט ביי דעם פויערים-אויפשטאַנד. דאָס פראָסטע פויערים-
פאָלק, וועלכע זענען געוואָרען פערשקלאַפט פון הונדערטער יאָהרען
פון די ריטערס און גראַפען, האָבען זיך אויפגעהויבען אין אַ בונט,
און אין די צעהנדליגער טויזענדער האָבען זיי זיך געזאַמעלט פאַר
די מויערן פון ראָטענבורג, און ווען זיי האָבען די שטאָדט איינגענו-
מען, האָבען זיי זייער כעס אויסגעלאָזט אויף די אונבעשיצטע און
אויף די אונבעהאָלפענע — אויף די אידען, זיי האָבען אויסגעקוי-
לעט די אידען. און די רעשטע זענען זיך צולאָפען... פערשפרייט
זיך איבער דער וועלט, און גערופען זיך אויף דעם נאָמען פון זייער
שטאָדט „ראָטענבורג” (דורך דעם געפינען זיך אַזוי פיעל „ראָטענבורגער”
גער” ביי אונז). פון דאַמאָלס אָן זענען קיין אידען נישט געווען
אין שטאָדט ביז גאָר אין דער לעצטער צייט. די מצבות פון בית-
עולם האָבען באַלד די קריסטען צושלעפט און בענוצט זיי אַלס ווינ-
קעל-שטיינער פון זייערע הייזער. אָבער די גאַס, אין וועלכער אידען
האָבען געוואוינט רופט זיך נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג „די אידען-גאַס”,
און דער גייסט פון די אַמאָליגע אידישע איינוואוינער איז נישט
אויסגעלאָשען געוואָרען פון דער „אידען-גאַס” ביז'ן היינטיגען טאָג.
פיעל הייזער פון דער אידען-גאַס האָבען איינגעמוירט אין זייערע
ווענד אַ מאַסע מצבות. אין איינעם פון די הייזער זענען איינגעמוי-
ערט צוויי מצבות פון אַ ברודער און אַ שוועסטער, איינע נעבען
די אַנדערע, וועלכע, זעהט זיך אויס, זענען ביידע גע'הרג'עט געוואָ-
רען אין איין וואָך, ווארום זיי זענען ביידע בעערדיגט אין איין
וואָך, איינע נאָכ'ן אַנדערען. אויפ'ן ברודערס מצבה לעזט זיך:
„פה נקבר משה בן הרב יהודה לוי ט"ו אלול, קל"ט לפ"ק", און באַלד
נעבען דער מצבה איז איינגעמויערט אין דער וואַנד די מצבה פון
זיין שוועסטער: „ואחותו הנערה רעבלין נקברה כ"ב אלול, קל"ט)

לפ״ק״. איך שטעל מיר פאָר, אַז בײנאַכט מוזען קומען די נשמות פון ברודער און שוועסטער, און רײסען, רײסען זײערע מצבות פון די װענד.

נישט נאָר אין די װענט פון די הײזער זענען די אידישע מצבות אײנגעמױערט. נאָר אַ טײל פון זײ, גאָר די עלטסטע זענען אײנגעמױערט אין אַ קירכע, אין אַ מוזעאום, און זײ שטעהען נעבען די מצבות פון ריטערס, און גראַפען. טײלמאָל קען זײן, אַז די מצבה פון אַ אידישען הרוג שטעהט נעבען דעם מצבה-שטײן פון דעם ריטערליכען מערדער, װעלכער האָט דעם אידען ערמאָרדעט. יעצט שטעהען זײ צוזאַמען אין אײן מוזעאום.

אין דער ענד פון דער אידען-גאַס געפינט זיך אײנע פון די שענסטע און מערקװירדיגסטע הײזער פון שטאָדט. אַ הױז אין גאָטי-שען סטיל מיט רענעסאַנס-שניצערײ, װעלכעס מען רופט נאָך ביז׳ן הײנטיגען טאָג „דאָס אידען-טאַנץ-הױז״. דאָס הױז איז װאַהרשײנליך געשטאַנען נעבען די שוהל, פון װעלכע עס איז קײן זכר נישט גע-בליבען. און עס האָט געדינט, װי אין פיעלע דײטשע שטעדט אַלס אַ חתונה-הױז און אַ פערװײלונגס-פּלאַץ פאַר דער אידישער געמײנדע, דורך דעם טראָגט עס דעם נאָמען.

צום סוף װיל איך אײך דערצעהלען אַן עפּיזאָד, װאָס האָט פּאַסירט מיט מיר אין ראָטענבורג. װען איהר זעהט ערגיץ-װאו אין אַ קינאָ-בילד, װי עס שטעלט פאַר אַ מיטעל-אַלטערישע ריטערישע מעשה, און צװישען די ריטער און מאַרק-גרופען, און לאַנדס-קנעכט, און אַנדערע אַזעלכע העלדען, דערזעהט איהר אויפ׳ן עקראַן מיט אַמאָל דאָס אָנגעזיכט פון מײן װעניגקײט, זאָלט איהר װיסען, אַז איך בין נישט דערטרונקען געװאָרען אין מיטעל-אַלטער, אין װעלכען איך בין אַרײנגעפאַלען פאַר אַ שטיקעל צײט צוריק און קען זיך נאָך אַלץ נישט אַרױסראַטעװען. נאָר עס איז געשעהן צוליעב אַ טעות. איך האָב זיך געפונען אין „יאַקאָב׳ס קירכע״ אין ראָטענבורג, װאו איך האָב מיט גרױס אױפמערקזאַמקײט שטודירט די װאונדערבאַרע האָלץ-שניצערײען פון דעם גרױסען נירענבורגער קינסטלער דיעמענט-שנײדער, װאָס אײנע פון זײנע מײסטערװערק געפינט זיך אין „יאַקאָב׳ס קירכע״ אין ראָטענבורג. אין דרױסען פאַר דער קירכע

האָט אַ קינאָ-קאָמפּאַניע אויפגענומען אַ בילד פון מיטעל-אַלטער, וועלכעס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אין ראָטענבורג. עס איז געגאַנגען אַ גאַנצער צוג פון גראַפען אין גאָלדענע פּלאַשצען, ריטערס מיט כּלי-זין בעהאַנגען און כּלות און דיענסט-מוידען אין גאָלדענע קליידער אָנגעטהון און נאָך אַזעלכע רוחות אין מיטעלאַלטערישע בגדים. זייענדיג אַזוי פערטיעפט אין אַ בילד, דערהער איך פון דרויסען אַ געלאַף און אַ גערודער. איך, פערגעסענדיג, אַז מען נעמט אין דרויסען אַ „פּיקטשור״, האָב געגעבען אַ לויף אַרויס, און אַ שפּרונג אַריין אין אַ חתונה-צוג, צווישען ריטערס און מיטעלאַלטערישע כּלות. איהר קענט זיך פאָרשטעלען, וואָס עס האָט זיך דאָרטען אָפּגע-שפּיעלט, אַז עס האָבען זיך געגעבען אַ לאָז אויף מיר ריטערס מיט שווער בעלייגטע פערד, נאַראָנים פון מיטעל-אַלטער מיט טראָלדיגע מיצען, לאַנדס-קנעכט מיט האַק-מעסערס אין די הענד, און נאָך אַנ-דערע מיט אַלערליי כּלי-מכשירים, אַז איך האָב זיך קוים אַרויסגעכאַפּט אַ לעבעדיגער פון זייערע הענד און אַנטלאָפען אין דער קירכע אַריין, און געשטעלט זיך אויף אַ פּלאַץ אין דער קירכע, ווי אין מיטעל-אַלטער, ווען אַ טוידט-פעראורטיילטער האָט זיך געראַטעוועט אין דער קירכע און געשטעלט זיך אויף דעם פּלאַץ האָט מען איהם געשענקט דאָס לעבען. זעהענדיג, אַז זיי קענען מיר גאָרנישט טהאָן, האָבען זיי זיך אָנגעהויבען נאָכצופרעגען אויף מיר, און געוואָהר ווערענדיג, אַז איך קום פון אַמעריקא, פון ניו-יאָרק, און אַזוי ווי דאָס בילד ווערט געמאַכט פאַר אַ ניו-יאָרקער פירמע, וועלען זיי מיך פאַר אַ שטראָף לאָזען אין דעם בילד און זאָלען מיך מיינע פריינד דער-קענען און האָבען וואָס צו לאַכען...